STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04468

ALEYNKEYT

Kalman Segal

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קלמן סעגאַל

✶

אַליינקייט

אַרויסגעגעבן ביי דער מיטהילף פון קולטור־מיניסטעריום
און יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל

קלמן סעגאל

אליינקייט

דערציילונגען

ירושלים 1977

KALMAN SEGAL

ALEJNKAJT

קלמן סעגאַל / אַליינקייט

©

Copyright by Kalman Segal

נדפס בישראל תשל״ז

Printed in Israel 1977

סידור: משה חמיאל

הדפסה: ״חבצלת״, הרצליה

צוויי ברידער

אין זיבנאונצוואנציקסטן יאָר, אין איינעם פון די שיינע פרילינגדיקע טעג פאַר פסח, פרייטיק אינדערפרי, האָט זיך אין אונדזער שטעטל פאַרהאַלטן ביים טויער פון האָטעל א פיאַקער, מיט וועלכן ס׳איז געקומען פון וואָקזאַל אַ מאָדנער פּאַרשוין אין אַ דענטע־קאַפעליוש מיט אַ דיקן קובאַציגאַר אין מויל און מיט צוויי שווערע רענצלעך, וואָס דער איזוואָשטשיק האט זיי קוים באוויזן אריינצוטראָגן, אזוי שווער זענען זיי געווען.

די צימערן אין דאזיקן האָטעל זענען געווען גרויס און שיין, טאַפּעטירט, מיט זשיראַנדאָלן און מיט עלעקטרישע לעמפּלעך, מיט פאַרהענגלעך און מיט פּאַפּירענע בלומען אויפן טיש. אויף די בלעכערנע ווייסע בעטן זענען געווען אויסגעמאָלט אַלטמאָדישע פייזאַזשן מיט האַלב־נאַקעטע ווייבער, מיט שמעטערלינגען און מיט טשאַטשקעס.

דער האָטעל האָט אָבער געהאַט איין חסרון: ער איז נישט געווען קאַנאַליזירט און געדוכן האבן אין אים געהערשט נישט די בעסטע. קיין וואסער־קלאָזעטן זענען נאָך דעמלט אין אונדזער שטעטל נישט געווען. דערפאַר איז אין יעדן צימער פון האָטעל געשטאַנען אונטערן בעט אַ פּרעכטיק פאָרצעלייען נאכט־געשיר, אויך מיט אויסגעמאָלטע שמעטערלינגען און רויזן.

דער האָטעל האט געהאט א גרויסשטאָטישן נאָמען: „מעטראָפּאָל". און דער אייגנטימער האט געהייסן משה גאָלדהערץ, און רופן פלעגט מען אים ר׳ מאָזעס.

און אָט איז אין יענעם פרימאָרגן אויסגעשטיגן פון פיאַקער א גאַסט פון דער ווייטער וועלט, און דער איזוואָשטשיק האט אים נאָכגעטראָגן זיינע צוויי טשעמאָדאַנעס, וועלכע זענען געווען שווער, ווי אָנגעלאָדן מיט שטיי־

נער. דער בעל־אכסניה האט פערזענלעך ארייגעפירט דעם גאסט אין צימער, בכדי אַ קוק צו טאָן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. עס איז אַלץ געווען אין אָרדענונג. נאָר דער גאסט איז געווען מאָדנע שווייגנדיק, קיין שום זאך האט מען פון אים נישט געקאנט ארויסבאקומען, יעדעס וואָרט האט אים ר׳ מאזעס געמוזט אַרויסרייסן פון האַלדז.

און ר׳ מאָזעס האָט זייער געוואָלט עפּעס געוויער ווערן וועגן דעם אנגעקומענעם, מיט א זיס שמייכעלע האט ער אים אונטערגערוקט פאר־שיידענע פראגן: פון וואנעט, צו וועמען, אויף ווי לאנג... אבער יענער האט בכלל נישט בדעה געהאט צו ענטפערן. ער האט נישט געזאגט ״יאָ״ און האט נישט געזאָגט „ניין״. ווי אַ קינד זויגט דער מוטערס ברוסט, אַזוי האָט ער געזויגן דעם קובא־ציגאר און עס האט זיך לעבן אים געהויבן א רויך ווי פון א קוימען. און ער האט געשוויגן.

נו, ר׳ מאָזעס האט אבער נישט געהערט צו יענע, וואס מען ווערט פון זיי פטור דעמלט ווען מען וויל. דער קלוגער בעל־אכסניה האָט שוין נישט איינעם אזעלכן בייגעקומען. האט ער גענומען טראכטן: קיין אגענט אדער אקוויזיטאר איז ער נישט, דער דאזיקער פרעמדער. ווייל האנדלס־אגענטן זענען קבצנים און רייכערן נישט אזעלכע טייערע ציגארן. אפשר איז ער אַ גוי? אַ פריץ? אַ גראַף? אויך נישט. אַ גראַף וואָלט זיך פאַרהאַלטן אין א קריסטלעכן האטעל. און אפשר איז ער געקומען אויף שבת צום רבי?

ר׳ מאָזעס האָט געבראַכט דאס האטעל־בוך מיט טינט און פעדער, און איצט האָט ער אים דערטאפּט: יענער האט זיך איצט געמוזט דעמאסקירן, געמוזט אראפּנעמען די מאסקע פון דעם גלאטיק־ראזירטן טריפענעם פרצוף!

נישט איילנדיק און נישט ארויסנעמענדיק דעם ציגאָר פון מויל, האט דער גאָסט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן זיין נאָמען און דעם פאַמיליע־נאָמען.

דער דאזיקער פאמיליע־נאמען איז אין אונדזער שטעטל נישט געווען פרעמד. אבער דער פאַרנאָמען איז שוין געווען געענדערט, ער האט שוין געקלונגען נישט־דאָיק: האַררי. און נעבן דעם נאָמען האָט דער גאָסט אַוועקגעשטעלט דעם אַדרעס מיט דעם הויז־נומער אין בראָקלין, ניו־יאָרק, יונייטעד סטייטס.

ר׳ משה גאלדהערץ איז געשטאנען און אריינגעקוקט דעם גאסט דורכן אַקסל, און פּלוצים האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז דנס גאַנצע צימער איז אויסגעקלעפּט נישט מיט ראָזעווע טאַפּעטן, נאָר מיט גרינע. און נישט מיט טאַפּעטן, נאָר מיט דאָלאַרן. עס האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן און דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט ווי ביי אַ מערדער.

און באלד האט זיך געלאזט הערן די ידיעה אין גאנצן שטעטל — זי האט זיך געטראגן דורך די גאסן און געסלעך, דורך דעם בית־המדרש און דורך דעם מרחץ, דורך איזידאָר דאמפּס טריפהנער קאוויארניע און דורך דעם כשרן רעסטאראן פון הערשעלע ר׳ עליעס איניקלעך. א ידיעה ווי א דונער, ווי א שרפה, ווי אן ערד־ציטערניש.

מאָזעס גאלדהערץ איז געלאפן דורך דער שטאט מיט א ווילד פייער אין די אויגן. די ווערטער האבן זיך פון אים ארויסבאקומען ווי שראפּנעלן. באלד האבן אויך אנדערע איבערגענומען פון אים די בשורה און געטראגן ווייטער. דער משוגענער מאקס איז געלאפן מיט דער זעלבער גאס נאר אין דער פארקערטער ריכטונג, אויך ער האט געשריגן און איבערחזרט דאס גרויסע נייעס. ס׳האָט זיך געמאַכט אַ טומל אין שטעטל, פּונקט ווי משיח זאָל האבן געקומען. די שוואלבן האבן גענומען געשווינד לויפן צום טייך אויס־וואשן די ווייסע וועסטעלעך זייערע, און אפילו יענקל טרעגערס קליאטשע האָט גענומען הירזשען, ווי אין די אַמאָליקע יונגע יאָרן, און זי האָט זיך אויסגעלערט אינמיטן גאס און א דריי געטאן מיטן ווידל און געלאזט זיך אין א ווילדן גאלאָפּ.

דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען נעבן מייער ענגלאַרדס צוקערניע, האט זיך אומרואיק ארומגעקוקט, ער האט געפילט, אז אויסטערלישע זאכן קומען דאָ פאָר אין שטעטל. ער האָט געניוכעט — עפּעס האָט דאָ געשטונקען, אבער ער האט נישט געוווסט פון וועלכער זייט און וואס. א פארגעפיל האט ער געהאַט, אַז עפּעס איז געשען, אָבער ער האָט נישט געוווסט פאַרוואָס די זשידקעס לויפן אַזוי אומרויק. ער איז לאַנג געשטאַנען אַ פאַרטראַכטער, דערנאך האט ער א מאך געטאן מיט דער האנט און האט זיך געלאזט אין דער ריכטונג פון רעסטאראן, ער האט באשלאסן אויסצוטרינקען א גלאז ביר, ווייל ער איז געווען דורשטיק.

דאס גאנצע שטעטל האט שוין געוווסט, ווער עס איז געקומען פון אַמעריקע. דער לעצטער צו וועמען די דאָזיקע ידיעה האָט דערגרייכט, איז געווען דעם אנגעזעענעם גאסטס ברודער — מיין טאטע. גראד דעמלט האט ער געהאַלטן אין דער האַנט אַ העמערל מיט אַ שטיק ברעט, עפּעס האָט ער דאָרט געמאַכט אַ ניי מעבל־שטיק אין דער קיך אַריין — אויף פּסח. ער איז געשטאַנען רויִק, נישט איבערגעריסן די אַרבעט און נישט אָפּגעווענדט דעם בליק פון שטיקל געהובלעוועטן ברעטל.

— ער איז געקומען? — האט ער כמעט גלייכגילטיק איבערגעפרעגט — א קרענק אים אין דער לענג! וואס זוכט ער שוין ווידער דא?

אט אזוי האט זיך מיין טאטע דערפרייט מיט זיין אייגענעם ברודער, וועלכער האט זיך נאך דרייסיק יאר וואנדערן, ווידער באוויזן אין שטעטל.

די מאַמע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. וואָס האָט זי געקאָנט וויסן וועגן די געפילן פון די דאזיקע צוויי מענער, פון צווי ברידער, וועלכע זענען אמאל געווען פארליבט אין דער זעלבער פרוי — ווייל ביידע האבן זיי אמאל געליבט מיין מאַמען, און דער יינגערער ברודער האָט געמוזט אַוועקגיין, אוועקפארן אין די ווייטע לענדער, ווייל דער עלטערער, דאס הייסט מיין טאטע, האט געהאט מער מזל און האט חתונה געהאט מיט מיין מאמען.

איז דער טאטע געווען פארנומען מיט זיין ארבעט און עס איז אים אַפילו נישט איינגעפאַלן צו גיין מקבל־פּנים זיין דעם אייגענעם איינציקן ברודער, וועלכן ער האט נישט געזען דרייסיק יאר. גיין אים אנטקעגן און פאַרבעטן אויף שבת — ניין, וועגן דעם האָט מיין טאַטע אַפילו קיין טראַכט נישט געטאָן. דערפאַר האָט די מאַמע זיך שאַרף גענומען צו דער אַרבעט, גערוימט און געוואשן, און אין דער זעלבער צייט נישט געקאנט זיך באפרייען פון די שכנים, וועלכן האבן ווי זלידנע פליגן מחנותווייז ארומגערינגלט די שטוב, געעפנט די טיר, אריינגעקוקט, געפרעגט צי דער ליבער גאסט איז שוין געקומען און וואס ער האט געבראכט, וואס פארא מתנות. און ווען זיי האבן געזען, אז ער איז נאך נישט געקומען, האבן זיי געוואלט וויסן ווען ער וועט קומען. זיי זענען געווען אויפגערעגט און אומגעדולדיק, זיי זענען געווען בייז. זיי האבן שוין וואס גיכער געוואלט וויסן, וואס פארא מתנות ער וועט ברענגען. ס'איז געווען קלאָר, אַז ער וועט די אַלע ווערטפולע פּרעזענטן פאַר

אונדז נישט טראָגן אויף דער פּלייצע, ער וועט מסתּמא נעמען אַ טרעגער אָדער צוויי טרעגער.

און דער טאַטע מיינער האָט דערווייל געהאַלטן אין איין קלאַפּן מיטן העמערל. דאָס ברעטל האָט שיעור נישט געפּלאַצט און ער האָט אַלץ געקלאַפּט און געקלאַפּט. ער האָט געוואָלט פאַרהילכן דאָס פּוסטע רעדעכץ פון די נארישע בייזע צונגען. אבער דער עולם האט זיך נישט געלאזט איינשטילן. וואס מער דער טאטע האט געהאמערט, אלץ מער האבן די מענטשן גערעדט, און אלץ העכער האבן זיי געשריגן. דעם טאטן האט דאס אויפגערעגט, ער האט שוין אנגעהויבן צו קריצן מיט די ציין. און די מאמע האט זיך דערווייל אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, געלאָפן אויסבאָרגן ביי וועלכן נגיד אַ פּאָר גילדן, בכדי צוצוגרייטן אן אויפנאמע פאר דעם חשובן גאסט.

באלד האט זיך אין שטוב באוויזן א הון, א פעטע און א כשר־געמאכטע און לוסטיק־פריילעך איז זי אַריינגעשפּרונגען אין טאָפּ אַריין. אַ קאָמפּאָט פון טרוקענע אונגאַרישע פלוימען האָט זיך צעזונגען אין צווייטן טעפּל. און שוין האָט זיך די מאַמע גענומען מאַכן לאָקשן — אַ רייכקייט האָט זיך דערפילט אין דער גאַנצער קיך, ביי ראָטשילדן האָט מען קיין גרעסערע צוגרייטונגען נישט געמאַכט אויף שבת.

און די שפּאַנונג איז דערווייל געוואַקסן. אַ האַלבע שטאָט איז שוין געשטאַנען אַרום אונדזער שטוב און ביי אונדזער טיר. ייִדן האָבן געגלאָצט מיט די אויגן, זיי האבן אונדז נישט פארגינען דעם פעטער פון אמעריקע, וועלכער איז דערווייל געזעסן אין האטעל "מעטראָפּאָל" און האט געדויכערט דיקע קובא־ציגארן.

מיט קלעבעדיקע פאלשע געלעכטערלעך האבן שכנים געפרעגט, צי דאס עוף וועט זיין גענוג ווייך. איין שכן האט געבראכט א זילבערנעם לעפל מיט אַ זילבערנעם גאָפּל פאַר דעם גאָסט. אַן אַנדערער האָט זיך מטריח געווען און געבראכט א שווערן מעשענעם מערזשער מיט א שטויסל — אפשר וועט עס צונוצקומען. איינע אן אלמנה איז געקומען צו לויפן און האָט געבראכט דער מאַמען אַ גילדענע בראָש, די מאַמע זאָל שענער אויסזען.

יידן זענען געשטאנען און געקוקט, קאליע געמאכט די לופט אין אונדזער קיך, אין קארידאר און אויפן הויף. זיי האבן געחשבונט וויפל עס קאן באטרעפן זיין פארמעגן, זיינע מיליאנען און מיליארדן, ס'איז דאך געווען

קלאר, אז ער איז נישט סתם א האַלאַדרייניק, נאר א מיליארדער, און זיי האבן אויסגערעכנט וויפל אומגעפער מער ווייניקער עס וועט באטרעפן אונדזער פארמעגן, דאס וואס ער האט פאר אונדז מיטגעבראכט אין די צוויי שווערע רענצלעך, און אויך דאס, וואס מיר וועלן אם ירצה השם ירשענען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען דער פעטער וועט מיט גאָטס הילף אויסציִען די רגליים.

זיי האָבן גערעכנט און גערעכנט, און געראָטן מיין טאַטן, וואָס ער זאָל טאָן מיטן קאַפּיטאַל, בכדי צו פאַרגרעסערן דאָס פאַרמעגן. און דער טאַטע האָט געשוויגן, רק מיטן העמערל האָט ער געהאַלטן אין איין קלאַפּן — אַז מען האָט געקאָנט טויב ווערן.

די זון האָט זיך שוין גענומען שאַרן צום אונטערגאַנג און דאָס הינדל איז שוין געווען ווייך. אויפן טיש זענען געשטאַנען די מעשענע לײַכטערס. די מאַמע האָט אַרויסגעשלעפּט פון קופערט דאָס שוואַרצע סאַמעטענע קלייד, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפּטאַלין און מיט אַלטע אַמאָליקע צייטן. אין דאָזיקן קלייד האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין.

— אַז דו ווילסט גיין, טאַ גיי... — האָט געזאָגט די מאַמע, און דער טאַטע האָט פאַרשטאַנען ווהין ער דאַרף גיין, און אויך פאַר מיר איז געווען קלאָר, אַז ער וועט זיך איצט שוין נישט אַרויסדרייען, איצט, ווען עס פאַלט שוין צו דער פרייטיק־צונאַכטס און מענטשן לויפן אין בית־מדרש אַריין. איצט וועט שוין דער טאַטע מוזן גיין אין האָטעל און ברענגען צו פירן דעם חשובן גאַסט.

און ער איז טאַקע געגאַנגען, דער טאַטע. אין דער וואָכעדיקער קאַפּאָטע, און אין דעם וואָכעדיקן שוואַרץ־גרינעם קאַפּעליוש. מענטשן האָבן אים באַגריסט, מענטשן האָבן געפרווט כאַפּן מיט אים אַ שמועס, אָבער ער האָט קיינעם נישט געענטפערט, ער האָט קיינעם נישט געזען.

און ווען ער איז שוין צוגעקומען צום האָטעל, האָט ער שווייגנדיק אויסגעמיטן רב מאָזעסן, וועלכער איז געשטאַנען ביים טויער. ער איז אַריין אין קאָרידאָר און גענומען הייבן זיך אויף די טרעפּ. ווען ער האָט זיך שוין געפונען אויפן שטאָק, האָט ער נאָך דער ריי גענומען עפענען די טירן פון די צימערן — געזוכט דעם ברודער. אין זיבעטן צימער האָט ער אים געפונען: ביים טיש איז געזעסן אַ מענטש אין אַ דענטע־קאַפּעליוש, מיט אַ ציגאַר

אין מויל. דער ציגאַר איז געווען דיק און זיין רויך האָט זייער פיין געשמעקט.

מאָזעס גאָלדהערץ האָט זיך שטיל נאָכגערוקט נאָך מיין טאַטן, ווי אַ שאָטן. און ער האָט שפּעטער פאַרזיכערט, אַז דער אַמעריקאַנער איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן און נישט גערירט זיך פון אָרט, ווי אַ ליימענער גולם. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער איז ספּעציעל געקומען מעבר לים, בכדי צו זיצן אין דאָזיקן טאַפּעטירטן צימער און רויכערן זיינע ציגאַרן.

דער טאַטע האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. ר׳ מאָזעס האָט דער־נענטערט דאָס אויג צום שליסל־לאָך, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען. ער האָט דערנענטערט דאָס אויער, אָבער ער האָט גאָרנישט געהערט. די צוויי ברידער אינעווייניק אין צימער האָבן געשוויגן. רב מאָזעס האָט פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אַפילו קיין פּיפּס נישט אַרויסגעבראַכט אויף די ליפּן. זיי האָבן געשוויגן. ווייל ווען זיי וואָלטן אַפילו נישט מער ווי געפּליסטערט, וואָלט דאָך דער בעל־אַכסניה אויך געמוזט עפּעס הערן. ער האָט געהאַט גרויס דערפאַרונג אין די דאָזיקע זאַכן, ער האָט ליב געהאַט אונטערצוהערן, וואָס אין די צימערן קומט פאָר. אָבער דאָס מאָל: גאָרנישט!

ס׳איז צוגעפאַלן דער אָוונט. די פּנימער פון די צוויי ברידער האָבן זיך אַרומגעהילט מיט אַ שלייער פון דער טונקלקייט. אין צימער האָט קיינער נישט אָנגעצונדן קיין ליכט. זיי האָבן געשוויגן, פאַרקוקט יעדער אין זיין אייגענעם דמיון. ווענן וואָס האָבן זיי געטראַכט?

זיי האָבן זיך נישט דערלאַנגט די הענט, זיי האָבן זיך נישט צעקושט. ר׳ מאָזעס האָט געשווירן אויף וואָס די וועלט שטייט, אַז זיי האָבן נישט גערעדט קיין איינציק וואָרט.

ווען דער טאַטע איז אַהיימגעקומען, איז שוין געווען שפּעט. ער איז געקומען אַליין, אָן דעם פעטער. די מאַמע איז געזעסן ביי דער קיך, מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן קאָפּ — זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן און אַלץ האָט זי שוין פאַרשטאַנען. געפרעגט האָט זי גאָרנישט.

די מאַמע האָט צוגעטראָגן צום געדעקטן טיש. איין טעלער איז גע־בליבן לער.

די הון איז געווען געשמאַק און ווייך. מיר האָבן געגעסן מיט אַפּעטיט. עס האָט מיר נישט געשטערט, וואָס מיר עסן אין פולקאָמער שטילקייט. שפּעטער האָבן מיר געפרוווט זינגען זמירות, אָבער עס האָט זיך ביי אונדז

נישט באַקומען, נישט געווען קיין שטימונג.

האַררי איז אַוועקגעפאָרן זונטיק אינדערפרי. צו אונדז האָט ער אַפילו פון דער ווייטן נישט אַריינגעקוקט. קיין שום פּרעזענטן זענען נישט געווען. דאָס שטעטל איז שיִער נישט משוגע געוואָרן פון אַנטוישונג. קיינער האָט נישט געוווּסט נאָך וואָס האַררי איז געקומען און פאַרוואָס ער איז אַוועק.

און איך? איך האָב דעם אָנקל האַררי פאַרשטאַנען ערשט מיט פיל יאָר שפּעטער, ווען איך אַליין בין אין אַ געוויסן טאָג געקומען פון דער ווייטער וועלט און פאַרהאַלטן זיך אויף עטלעכע שעהן אין דאָזיקן אָרעמען האָטעלכל, וועלכעס האָט שוין געהאַט אַן אַנדערן נאָמען און אַן אַנדערן אייגנטימער — איך האָב זיך דאָרט פאַרהאַלטן און מיט קיינעם האָב איך נישט גערעדט דאָרט און ביי קיינעם האָב איך קיין שום זאַך נישט געפרעגט. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן אַז איך בין דאָרט גאַנץ אַליין. און דאָך איז אין יענעם צימער געווען אַ פולער עולם מיט שאָטנס, וואָס קיינער האָט זיי נישט געזען — נאָר איך. און עס איז געווען אַ פול צימער מיט קלאַנגען: שמועסן, ווערטער, געלעכטער, געוויין. גאָר אַ סך איז טאַקע געווען געוויין, כאָטש קיינער האָט גאָרנישט געהערט.

דעם פּעטער האַררי האָב איך געזען בלויז פון דער ווייטן. ער איז געזעסן אין פיאַקער און האָט גערויכערט אַ קובאַ־ציגאַר. נעבן אים זענען געשטאַנען זיינע צוויי רענצלעך.

דעם פּעטערס פּנים האָב איך נישט פאַרגעדענקט. מעגלעך, אַז ער האָט בכלל קיין פּנים נישט געהאַט. און אפשר האָב איך נאָך דעמלט נישט פאַר־מאָגט קיין שליסל צו פאַרשטיין דעם סוד פון אַ מענטשלעך געזיכט? איך בין נאָך געווען אַזוי יונג...

פאַרגעדענקט האָב איך בלויז די געדיכטע וואָלקנס רויך, וואָס האָבן געזעצט פון זיין מויל און פון זיין ציגאַר, ווי פון אַ קוימען...

אַ באַזוך אין דער אַלטער היים

...דער צוג האָט זיך געשלעפּט פּאַוואָלינקע, שעהען־לאַנג. ס'איז געווען אַ געוויינלעכער פּערזאָנען־צוג מיט פולמאַן־וואַגאָנען פון יאָר 1931, די גע־זעסן זענען געווען אויסגעריבן און האָבן געהאַט אַ מיאוסן טוכלע גערוך. צוויי אַלטע פרויען אין ווינקל פון קופּע האָבן געדרימלט. אַ פויער אין פאַרבלאָ־טיקטע שטיוול און מיט אַ פּאַראַסאָל אין דער האַנט איז געזעסן אַנטקעגן מיר און דאָס מויל האָט זיך ביי אים נישט צוגעמאַכט — אַזוי געגענעצט האָט ער. נעבן אים איז געפאָרן אַ גלח אין ברילן און האָט מתפלל געווען פון אַ דיקן סידור. ביים פענצטער איז נאָך געווען אַ דאַמע אין די מיטעלע יאָרן, זי איז געווען פאַרקילט און האָט אָן אויפהער געניאָסן, און ווען זי האָט געניאָסן, האָבן די דרימלענדיקע זקנות יעדעס מאָל זיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

די סטאַציע, ביי וועלכער מיר האָבן זיך פאַרהאַלטן, איז געווען אַ קליינינקע. אויפן פעראָן זענען געוואַקסן בלומען, געלע און פיאָלעטע בלימעלעך, און אויפן דאַך האָט שטאָלץ געפאָכעט אינעם ווינט אַ פאָן — זעט אויס, אַז עס איז דאָ גראָד געווען איינער פון די פיל רעגיאָנאַלע יום־טובים, אָדער אפשר איז דאָ גראָד געקומען צו פאָרן אַ וואַזשנע פּערזאָן פון דער הויפּטשטאָט, און די אָרטיקע מאַכט האָט אים אויף אַזאַ אופן געוואָלט אָפּגעבן דעם געהעריקן כבוד.

נישט ווייט פון וואָקזאַל געפינט זיך דאָס דאָרף, וואָס איך האָב עס געוואָלט באַזוכן. איך האָב באַשלאָסן צו גיין צופוס. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ זוניקער. און דער פרימאָרגן אַ פרישער. אויף די גרעזער האָט נאָך געפינקלט דער טוי. כ'האָב אויסגעטאָן די שיך און האָב זיך געלאָזט

גיין באָרוועס. מענטשן האָבן זיך נאָך מיר אומגעקוקט פאַרחידושט, קינדער זענען מיר נאָכגעלאָפן, אָבער מיך האָט דאָס נישט געאַרט. מיר איז געווען גוט. דער פראָך אונטער די פיס איז געווען הייס, שוין פון אײנדערפרי אָנגעוואָרעמט פון דער זון — אַ פּרעכטיקער פראָך.

איך בין געגאַנגען דורך דעם דאָרף און האָב געזוכט דעם עבר, די קינדעריאָרן, די זכרונות.

— די כאַטע? דאָ איז זי געשטאַנען, ביים דאָזיקן טייכעלע... אַ שמאָל קליין טייכעלע, אָבער טייל מאָל פלעגט עס אויסגיסן — פרילינג־צייט אָדער ערב־פרילינג פלעגן דאָ זיין גרויסע געוויסערס — מענטשן פלעגן שווימען, טויטע מענטשן, וואָס די כוואַליע האָט זיי געטראָגן, טויטע בהמות, בריקן הילצערנע און סתם מענטשלעכע פראַצע.

אונדזער הויז איז נישט געווען ענלעך צו אַ פּריצישן פּאַלאַץ, אָבער באַקוועם איז עס געווען און עס האָט געהאַט פיל פאַרבאָרגענע ווינקעלעך, קעלערלעך, בוידעמלעך פאַרשטויבטע און טונקעלע, באַוואָקסענע מיט שימל. עס פלעגן זיך דאָרט באַוועגן שפּינען סאַמעטענע, פאַרנומענע מיט וועבן זייערע עקלהאַפטע און דאָך וווּנדערבאַרע נעצן. אומעטום האָט מען דאָרט אונטער דער שיכטע פון שטויב געקאָנט געפינען שאַרבנס פון אַלטע ערדענע כלים, וואָס היינט זעט מען שוין נישט אַזעלכע, סיידן אין אַ מוזיי. אויפן בוידעם זענען געלעגן אַלטע מאָדנע קאַפּאָטעס — אַזעלכע מלבושים פלעגט מען טראָגן מיט הונדערט יאָר צוריק. כאָדאַקעס לעדערנע פלעגן זיך דאָרט אַרומוואַלגערן, און טשיזשמעס. איין מאָל האָב איך דאָרט געפונען אַ צילינ־דער, וואָס איז שוין ביז צו דער העלפט געווען אויפגעפרעסן דורך די עכברים.

אַזאַ איז געווען דאָס הויז פון מיין זיידן.

און דערנעבן איז געווען די ווירטשאַפט פון אונדזער שכן, געהייסן האָט ער יורקאָ קאָבאַ. אַ רייכער באַלעבאָס, אַ פאָטער פון זעקס טעכטער און פון איין זון. אויף קאָבאָס הויף איז געשטאַנען אַן אַלטע שטיינערנע קאַפּליצע מיט אַ הילצערנעם יוזל. דאָס הויז איז שוין לאַנג חרוב געוואָרן, אָבער דער יוזל שטייט דאָרט ביז היינט, דער זעלבער יוזל, נאָר זיין פּנים האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן אַ סך אומעטיקער ווי אַמאָל.

יורקאָס טעכטער זענען געווען קראַסאַוויצעס. זיי האָבן געהאַט לויטערע לאַכנדיקע פּנימער, און געשטאַלטיק זענען זיי געווען, קיין שענערע נקבות

האָט מען זיך אַפילו אין חלום נישט געקאָנט פאָרשטעלן. רייך זענען זיי געווען, געהאַט מסתמא ווילע נדנים, פון גוטן עסן זענען זיי שטענדיק גרייט געווען צו ליבע. קיין שום זאַך האָט זיי נישט אויסגעפעלט. זיי האָבן געהאַט שיינע קליידער, פאַרביקע לענטעס אָן אַ צאָל, און זייערע ליבהאָבערס האָבן נאָר געוואַרט אויף אַ שמייכל, אויף אַ ווונק...

אין יענע יאָרן, ווען יורקאָ האָט נאָך געלעבט, און בפרט דעמלט ווען ער איז געווען שופט אין דאָרף, האָט זיך געדאַכט, אַז די עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער משפחה איז אַ דויערהאַפטיקע ווי אַ פעסטונג. ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען עס איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה, איז יורקאָ געשטאָרבן אויף אַן אַפּאָפּלעקסיע, און זיין בן־יחיד האָט דעזער־טירט, ער איז אַנטלאָפן פון קיסרשן מיליטער און גאַנצע פיר יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין דער געדיכטער טיפעניש פון די קאַרפּאַטישע וועלדער. ער איז דאָרט אין גאַנצן אַראָפּ פון זינען. די שיינע טעכטער האָבן פאַרלאָזט די דאָרפישע היים — זיי זענען אַוועק אין די גרויסע שטעט און דאָרט זענען זייערע שפּורן נעלם געוואָרן.

אָבער איך וויל דערציילן וועגן יענע גוטע צייטן, ווען קיינער האָט נאָך נישט געהערט און נישט פאַרגעפילט אַזעלכע ווערטער ווי „וועלט־מלחמה" אָדער „דעזערציע". יורקאָ פלעגט דעמלט זיצן אין מיין זיידנס קרעטשמע און טרינקען ביר. ער האָט געהאַט אַ בויך ווי אַ פעסל, און דאָס ביר איז געווען געשמאַק און נערעווודיק. יורקאָ איז געווען באַוואַקסן מיט שמאַלץ. אַ מאָרדע האָט ער געהאַט אַ פעטע און רויטע, אַ גלאַנציקע, און שטאַרק איז ער געווען אַזוי, אַז פאָדקאָוועס נייַע פלעגט ער בייגן ווי ווערבע ריטלעך.

זעקס טעכטער האָט ער געהאַט און אַלע יונגעלייט אין דאָרף האָבן וועגן זיי געחלומט. אַ סך יונישע באַלעבאַטישע זין האָבן מיט זיי געוואָלט חתונה האָבן, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וועמען דאָס גליק וועט צושפּילן. דעם שופטס שיינע טעכטער זענען געווען קאַפּריזנע. זיי האָבן ליב געהאַט צו טרייבן קאַטאָוועס. זיי האָבן ליב געהאַט צו לאַכן און צו שמייסן מיט זייער געלעכטער ווי מיט אַ בייטש. טייל מאָל ווידער פלעגט זיך אין זיי אָנרופן דאָס געשריי פון יונגן בלוט, דאָס געשריי פון בענקעניש און אַ באַגער פון ליבע. וועמ עס האָט געהאַט מזל, דער פלעגט אין אַזאַ נאַכט גיין מיט איינער פון דעם שופטס טעכטער ווייט אין דער טיפעניש פון

וואַלד אָדער אויף דער ווייכער פּוכיקער לאָנקע, וואָס האָט געשמעקט מיט קימל און מיט רומיאַנעק. אָבער אַזאַ נאַכט האָט נאָך צו קיין שום זאַך נישט פאַרפּליכט און צו קיין שום זאַך נישט באַרעכטיקט.

איך גיי אַרויס פון דער שטוב. ס'איז זונטיק אינדערפרי. זומער איז אויף דער וועלט און זומער אין דאָרף. ליפּע־צוויט שלאָגט אין די נאָזלעכער, דער זשאַסמין לעבן פּלויט שמעקט אַזוי, אַז מען קאָן חלשן. דער הימל איז לויטער. די זשאַוואָראָנקעס זינגען — כּלי־זמרים פון רוטענישן רבונו של עולם. נעכטן איז געווען שבת, האָבן זיי געזונגען אַנדערש, אויף אַן אַנדערן ניגון, און היינט איז זונטיק, זינגען זיי ווידער אַנדערש. היינט באַזינגען זיי די שיינקייט פון יורקאָ קאָבאַס טעכטער, און בפרט פון זיין ייִנגסטער טאָכטער. יעווקע הייסט זי, אַ רוח אין איר טאַטנס טאַטן אַריין. פאַר יעווקעס שמייכל גיב איך אַוועק עולם־הבא — איר הערט? יעווקען ליב איך. שיין איז זי און ריין איז זי. איך קוש אירע זיסע ליפּן, אירע אָרעמס, אירע פיס, וואָס זי וואַשט פאַר מייַנעטוועגן מיט אַזוי פיל מסירות־נפש יעדן אָוונט אין די קאַלטע כוואַליעס פון דער רעטשקע.

די אַלטע קאָבאַכע טרייבט די טעכטער אין צערקווע אַריין. יורקאָ שמירט די שטיוול מיט חזיר־שמאַלץ. און יעווקע שטייט אין מיטן שטוב איז נייַער ווייַסער וועש און צאַצקעט זיך פאַר דעם שפּיגל. צווישן די געדיכטע קוסטעס פון זשאַסמין זע איך דורך דעם אָפענעם פענצטער מיין געליבטע. דאָס בלוט קאָכט אין מיר. איך הער נישט ווען מיין טאַטע קומט אַרויס פון דער שטוב, איך הער נישט ווען ער דערנענטערט זיך צו מיר, איך הער נישט, כאָטש דאָס זאַמד שאָרכט אונטער זיינע טריט. זיין אָנוועזנהייט וועל איך דערפילן ערשט אין אַ ווייַלע, ווען זיין פויסט — די שווערע פויסט פון מיין טאַטן — וועט מיך דערגרייכן.

ער האָט מיר דערלאַנגט אין די ציינער. דער קאָפּ האָט זיך מיר לייכט פאַרדרייט. כ'האָב זיך אַ וואַקל געטאָן, אָבער כ'בין נישט אומגעפאַלן.

— גיי, נעם זיך צו דער קאָסע! — האָט געזאָגט דער טאַטע — דו, שיקסעניק.

בין איך געגאַנגען צו דער קאָסע און צום היי, וואָס איז שוין געווען הויך ביז צו די קני. איך האָב געקאָסיעט און דאָס גראָז האָט זיך געלייגט אין דיקע שמעקעוודיקע שיכטן צו מיינע פיס. אָבער געטראַכט האָב איך

וועגן יעווקען, מיט איר אָטעם האָב איך געאָטעמט. כ׳האָב געקענט איר יעדן געדאַנק און יעדעס ווינקעלע פון איר לייב. כ׳האָב געוווּסט וואָס זי וויל און איך האָב געוואָלט דאָס זעלבע. מיר האָבן זיך געליבט, איינגעהילט אין שוואַרצן שלייער פון דער נאַכט. מיר האָבן זיך געליבט און מיר האָבן געלאַכט. מיר זענען געווען יונג און גליקלעך, מיר און אפשר גאָר די גאַנצע וועלט צוזאַמען מיט אונדז. מיר זענען געשוואומען אויף די טונקעלע כוואַליעס פון דער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געליבט, האָט די האַרטע רינד פון דער ערד זיך פאַנאַנדערגערוקט און מיר זענען געפלויגן אין אַן אָפּגרונט — אין אָפּגרונט פון גן־עדן, אין אָפּגרונט פון גהינום.

און זי איז געווען ווי אַ קוואַל פון לעבן. אַ געבענטשטע ערד איז זי געווען. אַ פרוכטבאַרע ערד, וואָס קיין שום קערנדל פון זאָמען גייט אין איר נישט פאַרלוירן. וועגן דעם האָט מען זיך איבערצייגט שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו קינדלען.

דערווייל איז געשטאָרבן אונדזער מאַמע. אין שטוב איז איצט געווען טריב און שווייגנדיק. עס האָט אויסגעפּעלט דער מאַמעס קלוגער שמייכל, מיט וועלכן זי האָט שטענדיק פאַרהיילט אַלע ווונדן און געשטילט אַלע קריגערייען צווישן דעם שטרענגן טאַטן און זיינע זין, וואָס האָבן זיך תמיד געבונטעוועט און זענען געווען ווי יונגע אָדלערס, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד אויף דעם טאָג, ווען זיי וועלן קענען פאַרלאָזן די נעסט.

אין אַ האַלב יאָר נאָך דער מאַמעס טויט האָט דער טאַטע איינגעשפּאַנט דאָס פערד און איז געפאָרן אין שטעטל אַריין. דריי טעג האָט מען אים נישט געזען, דעם פערטן טאָג פאַרנאַכט האָט זיך דאָס פורל געלאָזט הערן אויפן הויף און זיך פאַרהאַלטן ביי דער טיר.

נישט אַליין איז ער צוריקגעקומען, דער טאַטע אונדזערער. אין קילן אָוונט האָט געציטערט אַ יונגע שטאָטישע מויד. מיט גרויסע שוואַרצע און דערשראָקענע אויגן האָט זי געגלאָצט אויף אונדז. זי איז אומגעשיקט אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און איז אומגעפאַלן. זי איז געלעגן אויפן זאַמד פון הויף און איר קלייד האָט זיך דערביי פאַרקאַשערט און באַוויזן אירע פיס, לאַנגע און דינע ווי ביי אַ סאַרנע. מיר זענען געשטאַנען ווי ליימענע גולמס, איך און מיינע צוויי ברידער, און מיר האָבן נישט געקאָנט אָפּווענדן

פון איר אונדזערע בליקן. אַנטציקט זענען מיר געווען פון איר שיינקייט און גאַרנישט האָבן מיר נאָך דערווייל נישט פאַרשטאַנען.

דער טאַטע האָט איר דערלאַנגט די האַנט, געהאָלפן איר אויפשטיין, אַרומגעצויגן דאָס קליידל אויף איר אַנטציקנדיק געשטאַלט. שווייגנדיק האָבן מיר געהאָלפן אַראָפּנעמען פון וואָגן עטלעכע פּעקלעך אַרומגעבונדענע מיט אַ שטריקל, אַ הילצערן רענצל — דאָס גאַנצע האָב און אַרעמקייט פון אונדזער גאַסט. ווען אַלץ איז שוין געווען אין שטוב, האָט דער טאַטע אונדז פאַרגעשטעלט:

— דאָס איז אייער מאַצאָכע — האָט ער געזאָגט, אויסמיידנדיק אונדזער בליק — אייער שטיפמוטער. גייט צו און גיט איר אַ קוש אין דער האַנט. דערנאָך קאָנט איר אויסשפּאַנען דאָס פערד. די קליאַטשע איז דער־וואַרעמט, גיט איר נישט קיין וואַסער, ווייל זי קאָן פּגרן. צוערשט זאָל זי זיך אָפּקילן.

זענען מיר, כמעט דערוואַקסענע זין זיינע, יונגען ווי די בערן, צוגע־גאַנגען און געקושט די קליינינקע, ביינערדיקע פויסט פון דער מויד. מיר האָבן נישט געקוקט אויף איר און זי האָט נישט געקוקט אויף אונדז. מיר זענען געווען ווי יונגע וועלף און זי איז געווען ווי אַ יונג לעמעלע, און נאָך איידער זי איז אַריין אין שטוב, צוערשט אין דער קיך און דערנאָך אין אַלקער אַריין, האָבן מיר שוין געטראַכט וועגן דעם, ווו זי וועט שלאָפן. מיר האָבן נישט געוואָלט מסכים זיין מיטן געדאַנק, אַז זי וועט פאַרברענגען גאַנצע נעכט אין אַלקער, לעבן טאַטן, צוזאַמען מיט אים. און נאָך איידער זי האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון אונדזער שטוב, האָבן מיר שוין גע־פילט צו איר אַ האַס. מיר האָבן נישט פאַרגונען דעם טאַטן, אַז אין זיין רשות זאָל זי זיין, די דאָזיקע שווייגנדיקע דערשראָקענע שיינקייט. מיר האָבן באַשלאָסן צו האַסן זי, בכדי אין דאָזיקן האַס זאָלן פאַרשטומט ווערן אַלע אַנדערע גוטע און צאַרטע, ליידנשאַפטלעכע געפילן צו איר. מיר האָבן באַשלאָסן צו ווערן זיך מיט האַס. אָבער געשען איז נישט אַזוי.

געווען איז זי גאַנץ אַנדערש פון אונדזערע דאָרפישע מיידן, אַנדערש פון אונדזער שכנס טעכטער, אַנדערש פון יעווקען. שטיל ווי אַ שאָטן איז זי געווען, צאַרט ווי אַ שאָטן. איר אומעטיק געזיכט האָט עדות געזאָגט וועגן איר שוצלאָזיקייט. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַן אומרעכט איז איר

געשען. זי איז געווען אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, ווייל עס איז דאָך קלאָר געווען פאַר אונדז, אַז דער טאַטע אונדזערער איז נישט קיין בן־מלך, כאָטש ער איז פאַר איר געווען אַ גוטער. ער האָט זי נישט געלאָזט שווער אַרבעטן. וועגן אונדזער פאַרשטאַרבענער מוטער האָט ער קיין מאָל זיך נישט אַזוי באַמיט, ווי פאַר דער יונגער מאַמאַכע. עס האָט אים נישט גע־שטערט ווען אונדזער מאַמע פלעגט שעהען־לאַנג פאַרברענגען ביים שווערן שטיין פון דער זשאַרנע אָדער טראָגן ווינטערצייט גרויסע עמערס וואַסער פאַר די בהמות.

יעדן אָוונט פלעגט דער טאַטע טרינקען אין דער קרעטשמע — ביי איין טישל מיט יורקאָ קאַבאַ, מיט יעווקעס פאָטער. יורקאָ האָט געטרונקען ביר, און דער טאַטע האָט געטרונקען בראָנפן. וויפל קוואַרטן ביר דער יון האָט אויסגעטרונקען, אַזוי פיל כוסות בראָנפן האָט אויסגעטרונקען דער טאַטע. אַזאַ אָפּמאַך האָבן זיי געהאַט. יענער האָט געטרונקען ביר און איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן אַלץ דיקער, ווייל ביר איז אַ משקה אַ נאַרהאַפטע, אויס תבואה און אויס האָפּן. און דער טאַטע האָט געטרונקען בראָנפן און איז געוואָרן אַלץ דאַרער און דאַרער, ווייל די גאַנצע וועלט ווייסט דאָך, אַז בראָנפן טרינקט אויס דעם מאַרך פון די ביינער און מאַכט שיטער דאָס בלוט.

איין מאָל, ווען דער טאַטע האָט שוין געהאַט פאַרגעסן דעם אונטערשייד צווישן ארור המן און ברוך מרדכי, איז ער אַריינגעקומען אין שטוב אַריין אין אַן אויסטערלישער שטימונג. ער האָט געזונגען אַ נייעם זמר האַלב אויף יידיש און האַלב אויף רוסיש, און אויך אויף אונדז, אויף די בנים זיינע, האָט ער געוואָרפן כוואַצקע בליקן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל פרעגן: נו, יורשים מיינע, אפשר געפעלט אייך נישט, האַ?

די שטיפמוטער האָט געוואַרט ביי דער קיך מיט דער וועטשערע. כ׳געדענק, ווי ס׳זאָל האָבן געווען ערשט נעכטן: זי איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, די קליינע הענטלעך, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו באַ־קומען האַרטע טונקעלע מאָזאָליעס פון דער אַרבעט, האָט זי געהאַלטן פאַרפלאָכטן אויף די קני. זי האָט ווי תמיד געשוויגן.

דער יינגערער ברודער מיינער איז געווען פאַרנומען מיט אַ גאָר וויכטיקער אַרבעט: אויס קליינינקע, דין אויסגעשניצטע ברעטלעך האָט ער צוזאַמענגעשלאָגן אַ שמוק־קעסטעלע. ער האָט געהאַט גילדענע הענט,

אַן אמתער קינסטלער איז ער געווען, און דאָס שיינע קעסטעלע האָט ער געוואָלט שענקען דער מאַצאָכע, דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מתנה פאַר דער שיינער שטיפמוטער. און דאָס האָט, זעט אויס, נישט געפאַלן דעם טאַטן. עטלעכע אָוונטן האָט ער געקוקט מיט אומחן אויף דער דאַזיקער אַרבעט, אָבער ער האָט געשוויגן. ערשט אין יענעם אָוונט, ווען ער איז געקומען שיכּור פון דער קרעטשמע, האָט ער גענומען דאָס שאַכטעלע אין דער האַנט אַריין, באַטראַכט עס גענוי פון אַלע זייטן, זוכנדיק אַ פעלער.

— דער טשוואָק זיצט קרום — האָט ער ענדלעך געפונען און ער האָט זיך צעלאַכט, דערפרייט זיך מיט דעם געפונענעם פעלער. — זעסט? קרום!

דער ברודער איז צוגעגאַנגען מיטן צוועגגל, געוואָלט אויסגלייכן דעם קרומען נאָגל, אָבער דעם טאַטנס אויגן האָבן פּלוצים גענומען מיניען זיך. עפּעס האָט ער צוגעטראַכט, עפּעס שלעכטס איז געבוירן געוואָרן אין זיין שיכּורן מוח.

— מיט די ציין! — האָט ער געזאָגט שטרענג און מיט פאַרביסנקייט

— מיט די ציין שלעפּ אַרויס דעם נאָגל. נישט מיטן צוועגגל, נאָר מיט די ציין.

דער ברודער און מיר אַלע האָבן געקוקט תּמעוואַטע.

— פאַרשטייסט נישט? מיט די ציין!

און דער ברודער האָט אַרויסגעשלעפּט דעם נאָגל מיט די ציין. ווייל ציין האָט ער געהאַט געזונטע און שטאַרקע ווי אַ ווילדע חיה. בשעת ער איז געווען פאַרנומען מיטן דאַזיקן נאָגל, איז אין שטוב געווען שטיל, מען האָט בלויז געהערט דאָס קריצן פון זיינע באַקציינער, מיט וועלכע ער האָט געצויגן דאָס אייזן. אין אַ געוויסער מינוט האָט זיך פּלוצים דערהויבן אַ ווילד געשריי און אַ געלעכטער. דאָס האָט אונדזער שטיפמוטער אָנגעהויבן היסטעריש צו לאַכן. זי האָט געלאַכט און געלאַכט און נישט געקאָנט אויפהערן. און מיר אַלע האָבן זיך דערשראָקן פאַר דעם דאַזיקן געלעכטער: זי האָט נישט געוויינט, נישט געזידלט, נישט געשאָלטן. זי האָט געלאַכט.

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט דער טאַטע איין מאָל דערלאַנגט איר מיט זיין האַרטער פויסט, און דעמלט האָט זי איבערגעחזרט דאָס דאַזיקע קאַלטע אומעטיקע געלעכטער.

איין מאָל איז דער טאַטע קראַנק געוואָרן און אין דריי טעג אַרום איז ער געשטאָרבן. געשטאָרבן איז ער פֿאַרנאַכט, און מאָרגן האָט געזאָלט זיין די לוויה.

די מאַצאָכע האָט נישט געלאַכט און נישט געוויינט. ביי נאַכט האָט זי פֿאַרלאָזט דעם אַלקער און איז אַרויפגעקראָכן אויפֿן בוידעם, דאָרט ווו עס איז געשלאָפֿן מיין יינגסטער ברודער, דער וואָס האָט געריסן נעגל מיט די ציין.

נאָך דער לוויה איז זי פֿאַרבליבן ביי אונדז אין שטוב. לויט דעם טאַטנס צוואָה האָט זי געירשנט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, די גאַנצע ווירטשאַפֿט. זי איז געווען אַ גוטע באַלעבאָסטע, אַ שטילע און אַרבעטזאַמע, אַ באַשיידענע. זי האָט זיך באַמיט מיר זאָלן האָבן וואָס אָנצוטאָן אויף זיך און מיר זאָלן נישט זיין הונגעריק. אין אַ האַלב יאָר נאָך דעם טאַטנס טויט האָט זי געבוירן אַ קינד. ס׳איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, און מיר האָבן זי זייער ליב געהאַט.

און יעווקע? יעווקע איז אַוועק אין שטאָט אַריין. זי האָט דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ רוסישן גלח און האָט יעדעס יאָר געבוירן אַ קינד.

דער פֿאָטער אירער און מיין טאַטנס גוטער פֿריינד יורקאָ קאָבאַ האָט אויפֿגעהערט צו טרינקען ביר, ווייל די לעבער איז ביי אים געוואָרן געשוואָלן און האַרט ווי אַן אַלטער שטיוול. אָבער אָן ביר האָט ער נישט געקאָנט לעבן און אין אַ קורצער צייט איז ער אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט.

האָטעל גראַן

כ׳בין מיד. אַ גאַנצן טאָג האָב איך אַרומגעקלעטערט אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט, ווו עס זענען פאַראַן פיל ווונדערבאַרע און אינטערעסאַנטע אַלטערטימלעכקייטן, וועלכע כ׳האָב געוואָלט זען — פאַרברענגען אין זייער שאָטן אַ שעה פון פאַרטראַכטונג.

מען קאָן דאָ באַגעגענען בכבודיקע חורבות מיט בלינדע פענצטער, פאַרשלאָגענע מיט ברעטער. וואָס געפינט זיך אין זייער האַלב־פינצטערן אינעווייניק? סאַראַ שאָד, וואָס כ׳האָב נישט געקאָנט איבערטרעטן זייערע שוועלן און אַוועקזעצן זיך אויף אַ שטיק מאַרמאָר פון אַ צעשטערטער סקולפּטור און אין דער שטילקייט פאַרמעסטן זיך מיט דעם אַבסאָלוטן אורטייל פון דער צייט: זוכן די אַמאָליקע באַוועגונג פון געשטאַלטן, וועלכע האָבן דאָ געלעבט, זוכן דעם שימער פון ליכט, וואָס האָט דאָ אַמאָל געברענט, הערן די קלאַנגען, וואָס זענען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען אין דער שטילקייט — צוריקציען זיי פון די אומענדלעכע מרחקים, אין וועלכע זיי זענען זיך צעשוווּמען, הערן זיי, הערן זיי נאָך אַ מאָל, בכדי... ניין, כ׳ווייס נישט, צוליב וואָס כ׳וואָלט דאָס געטאָן, אַפילו ווען דאָס וואָלט על־פּי־נס געווען מעגלעך. אָבער צי מוז דען יעדער באַגער און יעדע שפּיל האָבן אַן ערנסטן צוועק?

בין איך נישט אַריינגעגאַנגען אין דאָזיקן אַלטן פּאַלאַץ מיט פאַרהאַקטע פענצטער, כ׳האָב זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג פון אַלטן אוניווער־סיטעטישן קוואַרטאַל — כ׳האָב געזוכט די שטרענגע געביידע, אין וועלכער עס האָט כמעט מיט הונדערט יאָר צוריק שטודירט אַ געוויסער גאַליציאַנער קאָמישער לערער — מיין לערער. ער האָט מיך געלערנט מיט דער אַכזריות־דיקייט, וועלכע שטעקט אין דער טבע פון אַלע פּעדאַנטן. און אָפט פלעגט

ער די שעה פון זיין לימוד אָנהייבן מיט דער זעלבער דערמאָנונג וועגן איינעם אַ מיטצייטלער פון זיין יוגנט, וועלכער האָט געהייסן פרידריך ניטשע און וועלכער האָט מיט זיינע טייוולאָנישע כתבים געוואָלט משוגע מאַכן די גאַנצע וועלט.

האָב איך באַטראַכט די ערנסטע אוניווערסיטעטישע מויערן; נעבן מיר האָט געשוועבט דער דאַרער שאָטן פון מיין אַלטן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט געלעבט זעקס־און־ניינציק יאָר, געווען אַ וועגעטאַריאַנער, געטראָגן אַ גרוי־קאָזע־בערדל, דורכגעלעבט נישט איין ערדציטערניש און איבערגעלעבט נישט איין קיסר. דעם דייטשישן פילאָזאָף פלעגט ער דערמאָנען מיט געמישטע געפילן; מיט אַ וואַרעמען סענטימענט צו דער אייגענער יוגנט און מיט אַן אומחן צו דער ניטשעאַנישער פילאָזאָפיע. און געשטאָרבן איז ער, דער פּראָפעסאָר מיינער, אין סעפּטעמבער 1939, אין דעם זעלבן טאָג, ווען די היטלעריסטישע פענער האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן אויפן דאַך פון אונדזער ראָטהויז. פרידן פאַר די טויטע, און זאָל זיי נישט שטערן, אויב זיי וואַכן ווען ס'איז אויף אין אונדזערע זכרונות.

און איך בין געגאַנגען ווייטער און האָב אָנגעטראָפן אויף די חורבות פון אַ גרויסער געביידע, פון וועלכער עס זענען געבליבן שטיין בלויז צוויי הויכע זיילן און אַ סך צעשפּליטערטע שטיינער, און אויך אַ געוועלבט נידעריק פאָדערהויז, פון וועלכן עס פירן שיפּע טרעפּ אין אַ טונקעלן קעלער. אין הויף — ווייל אין סאַמע מיט פון דער דאָזיקער וויסטער מלחמהדיקער צעשטערונג געפינט זיך אַ הויף, אויף וועלכן עס גרינט ווילדגראָז — אין הויף זענען געלעגן קעפּ פון שטיינערנע לייבן און האָבן געשטשירעט די ציין. און עס זענען דאָרט געזעסן עטלעכע פרויען און עטלעכע מענער; זיי האָבן אויסגעזען ווי די איטאַליענישע בעטלערס, וועלכע מען קאָן באַגעגענען אויף די טרעפּ פון רוימישן קאָלאָסעום. אין אַלטע פאַרשידנפאַרביקע מלבושים — ווי אין געגנבעטע טעאַטראַלע רעקוויזיטן. זיי זענען געווען שיכור און האָבן געהאַט רויטע פנימער און גלאַנציקע אויגן. זיי האָבן געטרונקען בראָנפן פון איין פלאַש, די פלאַש האָט געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט, פון מויל צו מויל. און זיי האָבן גערעדט — געטיילט זיך מיט ווערטער זאַפטיקע און נישט־באַשיידענע, פון וועלכע עס האָבן זיך גערויטלט מיינע אויערן. זיי האָבן נישט באַמערקט, ווען איך בין אָנגעקומען,

און זיי האָבן נישט באַמערקט, ווען איך האָב זיך הינטערוויילעכץ צוריק־געצויגן.

כ׳בין געגאַנגען ווייט הינטער דער שטאָט, דאָרט, ווו דאָס מלכות פון טויטע גרענעצט מיט דער וועלט פון לעבעדיקע. אין דער שכנות פון פאַבריקן און גרויסע הייזער, וועלכע שמעקן נאָך מיט פרישן קאַלך, ציען זיך אַרומגעצוימטע מיט ציגל אָדער מיט דראָטן — אַלטע צווינטערס, קאַטוילישע, עוואַנגעלישע, און אויך דער אַלטער יידישער בית־עולם ליגט אין יענער געגנט.

דורות, נעמען — סימבאָלן. כ׳האָב אַנגעריסן עטלעכע ווילדע בלומען און אַוועקגעלייגט זיי אויפן קבר פון אַ פּאַריזער קאָמונאַר. געהייסן האָט ער לאַסאַל...

געווען איז שוין פאַרנאַכט, די זון איז אונטערגעגאַנגען, דעם הימל האָבן באַדעקט טונקעלע כמאַרעס. ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען. אַ דורכ־גענעצטער און מידער בין איך אָקאָרשט אָנגעקומען אין מיין האָטעל־צימער, און אָט שטיי איך ביים פענצטער — כ׳זע דעם אַלטמאָדישן טורעם פון דער באַן־סטאַציע, אַ המון מענטשן פאַרלאָזט אין איילעניש דעם וואָקזאַל, ס׳איז מסתמא אָנגעקומען אַ צוג.

אין מיין צימער שטייען צוויי בעטן, באַלד וועט עמעץ אָנקלאַפּן, אַריינגיין און זאָגן: כ׳בין דאָ! און ער וועט פאַרנעמען דאָס צווייטע בעט. און וויל די שעה איז נאָך נישט קיין שפּעטע, דער אָוונט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, וועלן מיר נאָך וואַרשיינלעך כאַפּן אַ שמועס, מיר וועלן אָנהייבן לויט דער אַלטער פאַרצייטיקער סכעמע: פון וואַנען? וווהין? אויף ווי לאַנג?

אַמאָל — ווען אין פּוילן זענען געווען אַ סך יידן, פלעגן זיי זיך אויף אַזאַ צופעליקן אופן באַגעגענען אין אַ האָטעל אָדער אין אַן אַכסניה, און פון וואָרט צו וואָרט פלעגט מען ביי אַזאַ געלעגנהייט אָפּמאַכן אַ געשעפט, מען פלעגט קויפן און פאַרקויפן, אָדער מען פלעגט אַפילו רעדן אַ שידוך, אויב מען האָט געהאַט דערוואַקסענע קינדער אָדער אויב מען איז געווען אַ שדכן. אָבער דאָס איז געווען אַמאָל. היינט זעט מען נישט קיין ייד אַפילו פאַר אַ רענדל, און ווען מען זעט אים שוין, ווייסט מען נאָך אַלץ נישט,

צי ער איז אַ ייד. ווייל ווען ער טראָגט אַפּילו אַ בערדל, איז עס אויך נאָך נישט קיין באַווייז, ווייל עס קאָן דאָך זיין אַ באָרד אָן אַ ייד.

און ער איז אַנגעקומען, דער האָטעל־שכן מיינער, און ער האָט טאַקע אַ בערדל, אָבער איך דערקען, אַז קיין ייד איז ער נישט. איבעריקנס: קאָנען דען אַלע מענטשן זיין יידן? מיר איז נישט קיין אונטערשייד — לעולם יהי אָדם! אַ מענטש זאָל ער זיין, דאָס איז ביי מיר וויכטיק.

אַן עלטערער פּאַרשוין, אין אַן אַש־גרויען מאַנטל, וואָס הענגט אויף אים ווי אויף אַ מת, אין אַ באַשיידענעם אַנצוג פון אַ גאַנץ ביליקן סאָרט, אין אַ פאַרשוואַרצטן קאַפּעליוש, וואָס איז אפשר אַמאָל מיט פיל יאָרן צוריק געווען ניי.

אַ ווײַלע שטייט ער אין מיטן צימער און האַלט אין דער האַנט אַן אָפּגענוצט רענצל — און ער קוקט אויף מיר: דערנאָך טראָגט ער אַריבער דעם בליק אויף די צוויי בעטלעך; ער שווייגט; אפשר וואַרט ער, כ׳זאָל זיך אָנרופן צו אים מיט אַ וואָרט.

— שטעלט אַנידער דאָס רענצל און נעמט אַראָפּ דעם מאַנטל — זאָג איך.

שווייגנדיק לייגט ער אַוועק דעם פּאַלטן אויפן בענקל און קנעפּלט אויף דאָס שטייפע קראַגעלע פון העמד — ס׳איז אַ פאַרמלחמהדיקער קראַגן, וואָס דריקט מסתמא דעם האַלדז ווי אַן אייזערנע רייף. קלאָר: דער אַלטער מענטש איז פאַרבליבן געטריי דער מאָדע פון זיינע — שוין לאַנג נעלם־געוואָרענע — יונגע יאָרן, און פון מיינע יונגע יאָרן.

האָט ער אָפּגעקנעפּלט און אַוועקגעלייגט אויפן טיש דעם פאַרגעלטן סימבאָל פון דער אַמאָליקער עלעגאַנץ. און איצט האָט ער מיט אַ זיפץ פריי אָפּגעעטעמט; ס׳איז אים געוואָרן לייכטער; דאָס גאַנצע פּנים איז ביי אים ווי פריילעכער געוואָרן.

און איך באַמערק, אַז ער טראָגט אַ מעדאַל — אַ קיילעכדיקן און גלאַנציקן, זאָרגעוודיק אויסגעפּוצטן מעדאַל.

— ס׳רעגנט — זאָג איך צוגייענדיק צום פענצטער. אַזוי אַרום ווייל איך מיט אים פאַרפעדעמען דעם שמועס, ווייל מען קאָן דאָך נישט זיצן אין איין צימער מיט אַ מענטשן און נישט אָנרופן זיך צו אים מיט אַ וואָרט.

— יאָ — ענטפערט ער — ס׳רעגנט. אינדערפרי בין איך אַרויסגע־פאָרן פון באָכניע, האָט נאָך נישט גערעגנט.

— פון באָכניע? — חזר איך איבער און אין אַרכיוו פון מיינע זכרונות לעבן אויף ווייטע, אַמאָל געזעענע לאַנדשאַפטן. גרינע בערגלעך, הילצערנע הייזער אַרומגעהילט מיט בלומען, אַן אַרעמע אַכסניה מיט אַ סך שיכורים.

— און דער שלאָס? — פרעג איך — דער אַלטער שלאָס מיט די טורעמס, נישט־ווייט פון שטעטל... מיט דער אַלטער פירשטין? לעבט זי נאָך? כ׳בין דאָרט געווען אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געגוי געדענק איך שוין נישט. ווען...

דער מענטש מיטן בערדל קוקט אויף מיר לאַנג און שווייגנדיק. איך איל אים נישט צו, כ׳ווייס אַז באַלד וועט ער זיך אָנרופן.

— דער דאָזיקער שלאָס — זאָגט ער — די דאָזיקע פירשטין... ניין, די פירשטין לעבט נישט. זי איז געשטאָרבן מיט פערציק יאָר צוריק. אַלט געווען איז זי מער ווי אַכציק יאָר, טאָ ווי אַזוי וואָלט זי נאָך געקאָנט לעבן? קיינער לעבט נישט אייביק.

האָב איך זיך פאַרשעמט. פאַרשעמט און דערשראָקן. ער איז גערעכט: ס׳איז טאַקע געווען מיט אַ יאָר פערציק צוריק. מעגלעך, אַז כ׳האָב זי דעמלט געזען אַ חודש פאַר איר שטאַרבן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט פאַר־געסן, אַז איך בין דעמלט געווען אַ יונגער בחור, און היינט — ווער בין איך היינט?

כ׳וואַרף אַ בליק צום וואַנט־שפיגל, און ס׳דאַכט זיך מיר, אַז דער מענטש מיטן בערדל קוקט אויף מיר איראָניש.

אין שפיגל זע איך זיך. און אין שפיגל זע איך די פירשטין. זי האָט געהאַט אַן אַש־גרוי פאַרשוואַלן פנים, שיטערע נישט־פאַרקעמטע גרויע האָר, און אַ היפשן פליך האָט זי אויך געהאַט.

און איך קאָן נישט אָפּרייסן דעם בליק פון שפיגל: אַלע אַלטע מענטשן זענען עטוואָס צו זיך ענלעך, אַלע אַלטע מענטשן זענען זייער צו זיך ענלעך.

— אין מיינע אָדערן פליסט דאָס בלוט פון קיסרים — האָט דעמלט געזאָגט די פירשטין. — דאָס בלוט פון די בורבאָנען, פון די פאָניאַטאָווסקיס, פון די האַבסבורגס.

און זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ שלונג קאַלט ברונעם־וואַסער אין אַן אויסגעשטשערבעטן פֿאַרצעלייען בעכערל, אויף וועלכן עס האָבן זיך נאָך געזען אָפּגעריבענע — דורך דער צייט אָפּגעמעקטע — שפּורן פֿון באַגילדעטע וואַפּנס. און העגט האָט זי געהאַט שוואַרצע — שמוציקע און ציטערנדיקע.

איך האָב זיך צו איר העפלעך געוואַנדן מיט דער בקשה, זי זאָל מיר דערלויבן צו באַזוכן דעם שלאָס.

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פֿון דער הילצערנער באַנק, אויף וועלכער מיר זענען געזעסן אונטער אַ בוים — ביז־איצט איז זי געווען שטאַלץ, און איצט איז זי מיטאַמאָל געוואָרן בייז ווי אַ שלאַנג; זי האָט אויף מיר געקוקט מיט פֿאַרדאַכט און מיט האַס. פֿינף הינט זענען געלעגן אַרום אירע פֿיס; זיי האָבן שווער געאָטעמט און געשטשירעט די ווייסע הינטישע ציין. און אַרום אונדז זענען געווען אַ סך פֿענצטער מיט פֿאַרשטויבטע שויבן און אָן שויבן, און די שטילקייט אַרום איז געווען אַ טויטע, אַן אומעטיקע. כ׳האָב צוגע־מאַכט די אויגן, בכדי מיטן כוח הדמיון צו דערזען דעם זעלבן שלאָס אין אַנדערע צייטן און אין אַן אַנדערן מצב. דאָ, אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, פֿלעגן זיך די איידעלע ריטער פֿאַרמעסטן, דאָ זענען פֿאַרגעקומען קעניגלעכע חתונות...

— איר ווילט אַריינגיין אין די צימערן פֿון דאָזיקן פּאַלאַץ... — האָט זי מיר איבערגעריסן די געדאַנקען. — איר ווילט פֿאַרשווועכן די דאָזיקע ווענט? איר ווילט וועקן די דרימלענדיקע נשמות, איר ווילט ס׳זאָלן אויפֿ־וואַכן די פֿאַרכישופֿטע צייטן, איר ווילט זען אונדזערע אוצרות, איר ווילט זיך פֿאַרמעסטן אוף מיין לעבן, איר ווילט באַרויבן די דאָזיקע הייליקע ווענט? און ווער זענט איר אייגנטלעך? אַוועק! אַרויס! אַרויס פֿונדאַנען, ווייל מיינע הינט וועלן דאָ באַלד צערייסן אייער נישטיק לייב און אויס־זשלאָקען אייער נידערטרעכטיק בלוט...

הינטערווײַלעכץ האָב איך גענומען זיך צוריקציען צום טויער, נישט אַראָפּלאָזנדיק קיין אויג פֿון דער אויסטערלישער פֿרוי. און אויך זי האָט זיך גערוקט פֿאָרויס אין אירע אַלטע האַלבשיך, וואָס איינער איז געווען שוואַרץ, און דער צווייטער געל. און נאָך איר זענען נאָכגעגאַנגען די פֿינף דאַרע און בייזע בילנדיקע הינט.

ווען כ'בין שוין געווען ביים סאַמע טויער, איז די פּירשטין געבליבן שטיין. אויך די הינט האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די אַלטע פרוי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אויף אירע שמוציקע באַקן האָב איך דערזען צוויי שנירעלעך טרערן.

— זי איז געשטאָרבן פון הונגער — דערציילט דער אַלטיטשקער — אַ גאַנצע וואָך האָט קיינער נישט געוווּסט, אַז זי איז געשטאָרבן. ערשט ווען די פּויערים פון דאָרף האָבן דערהערט דאָס אויסטערלישע בילן און וואָיען פון די הינט, האָבן זיי אויפגעבראָכן די טויערן, און דעמלט האָבן זיי דערזען די טויטע פּירשטין.

— ווי אַזוי האָט עס געקאָנט געשען? — פרעג איך. — ווי לאָזט מען עס אַ מענטשן אויסגיין פון הונגער? בפרט אַ פּירשטין!

דער אַלטער מענטש קלערט אויף, אַז דער שלאָס שטייט אין ווייסטן פעלד, ווייט פון דער שטאָט און ווייט פון דאָרף; די אַלטע פלעגט קיינעם נישט אַריינלאָזן צו זיך; איבעריקנס איז דאָס דאָרף געווען אַן אָרעם דאָרף. ס'איז אַזוי אויך געגוג שיין, אַז מען האָט זי אויפגעהאַלטן אַזוי פיל יאָרן. מענטשן האָבן אויף איר געהאַט רחמנות און אויך אויף די בייזע הינט אירע. מען פלעגט איר ברענגען אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל מילך, אַן עמער קאַרטאָפל. זי האָט דאָס אַלץ אָנגענומען מיט גדלות, פונקט ווי אַ נאַטירלעכע, געהעריקע זאַך. קיינעם פלעגט זי נישט דאַנקען, קיין מאָל איז זי נישט געווען צופרידן. דאָס עסן פלעגט זי אָוועקגעבן די הינט, און אַליין האָט זי געלעבט פון דעם, וואָס זי פלעגט ביינאַכט גנבענען אויף די פּויערישע פעלדער.

— און די אוצרות? — פרעג איך.

— עעע... פּוסטע ווענט. קיין שום אוצרות זענען דאָרט נישט געווען. דעם אמת געזאָגט, געדענק איך נישט, אַזויפיל יאָרן... כ'ווייס נישט, צי זי איז בכלל געווען אַ פּירשטין. מעגלעך, אַז ס'איז ביי איר געווען נישט מער ווי אַן איינרעדעניש. די וועלט האָט וועגן איר פאַרגעסן, און זי איז אין דאָזיקן שלאָס געווען זינט פיל יאָרן. שטענדיק איז זי געווען אַלט און שטענדיק האָט זי געגעבן אָנצוהערן די דאָזיקע מכלומרשטע אוצרות. אָבער מיר ווייסן, אַז די דאָזיקע פּירשטן זענען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן;

מײַן טאַטע פֿלעגט דערצײלן, אַז דער לעצטער פֿירשט פֿון דער דאָזיקער משפּחה איז געװען אַ באַרימטער יעגער און פֿאַר דער ערשטער װעלט־מלחמה איז ער אָװעקגעפֿאָרן קײן אַפֿריקע און דאָרט איז ער נעלם געװאָרן. מעגלעך, אַז די װילדע חיות האָבן אים דאָרט פֿאַרצוקט אָדער די קאַניבאַלן האָבן אים אױפֿגעפֿרעסן. אַלץ איז מעגלעך.

— און די דאָזיקע פֿירשטין? װער איז זי געװען?

— װײס איך? פֿאַרטראַכט זיך דער אַלטער מענטש. — מעגלעך, אַז זי איז בכלל קײן פֿירשטין נישט געװען. אפֿשר איז זי געװען אַ דינסטמױד אין שלאָס אָדער אַ געליבטע פֿון לעצטן פֿירשט... און אַז זי איז דאָרט געבליבן אַלײן אין די פּוסטע צימערן, האָט זי געקאָנט פֿון זינען־אַראָפּ און אײַנרעדן זיך פֿאַרשידענע זאַכן. אַלץ איז מעגלעך.

קרעכצנדיק האָט ער גענומען אױסטאָן די שטיװלעטן.

— און דער שלאָס שטײט אַזױ װי ער איז געשטאַנען. פֿלעדערמײַז װױנען דאָרט, אױפֿן הױף װאַקסט דאָס װילדע גראָז, און װילדע בײמלעך האָבן זיך דאָרט פֿאַרװאָרצלט. װינטן רײַסן אַראָפּ פֿון דאַך דאָס בלעך און די דאַכלקעס. און אַזױ איז עס...

— ס׳איז אפֿשר געװען אַנדערש — זאָג איך — אפֿשר נישט אַזױ אײנפֿאַך, װי איר דערצײלט עס. זי איז טאַקע געװען אַן אמתע פֿירשטין. זי איז געװען אַ גוססדיקער פּלאַם. אַ חרובער דענקמאָל פֿון אַן אונטער־גײענדיקער װעלט. זי איז געװען משוגע, אָבער זי האָט קלאָר געזען דעם גורל פֿון איר װעלט — איר אײגענעם גורל. מעגלעך, אַז זי איז נישט געװען משוגע, נאָר קײנער האָט זי נישט פֿאַרשטאַנען. זי האָט זיך געשלעפּט דורך די פּוסטע סאַלאָנען און מיטלאַלטערלעכע צימערן, אין װעלכע עס האָבן זיך געפֿאַרעט גאַנצע סטאַדעס מײַז; זי האָט געהערט קלאַנגען, װעלכע קײנער אַחוץ איר האָט נישט געקאָנט הערן; זי האָט געזען זאַכן, װעלכע האָבן שױן לאַנג נישט עקזיסטירט; זי האָט געזען מענטשן, װעמענס שאָטנס זענען שױן לאַנג פֿאַרגעסן געװאָרן דורך אַלע אַנדערע מענטשן. זי — דאָס געשפּענסט אין אַן אַלטן קלײד, לאַנג ביז צו די קנעכלען. און אַזאַ איז זי מסתמא פֿאַרבליבן ביז צום טױט.

— מעגלעך — זאָגט דער אַלטער בירגער פֿון דער שטאָט באַכניע. — אַלץ איז מעגלעך.

און ער טוט זיך אויס, און אין די וואַרעמע גאַטקעס פּאַקט ער זיך אײַלנדיק אין בעט אַרײַן.

ער פֿאַרנורעט זיך אונטער דער וואַרעמער קאָלדרע, און איך דערקען, אַז ער איז גליקלעך.

— איר האָט ליב צו רײַזן? — פֿרעג איך.

ניין. ער האָט נישט ליב. ער האָט ליב צו זיצן אין דער היים.

— און די וועלט? די וועלט ציט אײַך נישט?

די וועלט איז אומעטום — ענטפֿערט ער. — טייל מאָל, ווען כ'האָב נישט וואָס צו טאָן, גיי איך אַרויס אויפֿן פּלאַץ נעבן ראַטהויז, דאָרט ווו עס 'קומען זיך צונויף אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט. כ'זעץ זיך אַוועק אויף דער באַנק און איך זיץ און איך קוק. מענטשן גייען פֿון דער אַרבעט, פּרויען לויפֿן אין קראָם אײַנקויפֿן, קינדער שפּילן זיך, אויטאָס קומען אָן און פֿאָרן אַוועק — פֿאַרשטייט זיך: ס'זענען שוין נישט די זעלבע אויטאָס וואָס אַמאָל; אַמאָל זענען געווען אויטאָמאָבילן, און היינט הייסן זיי אויטאָס. אַמאָל זענען זיי געווען מאַסיוו ווי אַ פֿעסטונג; ווען אַן אויטאָמאָביל איז געפֿאָרן, האָט געציטערט די ערד, און אַ ווײַדל פֿון געדיכטן פּיאָלעטן רויך האָט זיך נאָך אים נאָכגעשלעפּט, און עס האָט זיך געטראָגן דער ריח פֿון בענזין ווי פֿון אַ ראַפֿינעריע. דער שאָפֿער האָט געהאַט גרויסע ברילן און הענטשקעס לאַנגע ביז צו די עלנבויגנס. ס'פֿלעגן אויך פֿאָרן בריטשקעס פּריצישע מיט זעקס אײַנגעשפּאַנטע פֿערד, און יעדעס פֿערד איז געווען ווי אַ לייב; היינט זעט מען שוין נישט אַזעלכע פֿערד; די היינטיקע פֿערד זענען אומעטיק און פֿאַרזאָרגט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט, מען זאָל זיי נישט פֿאַרקויפֿן אויף פֿלייש. און ער האָט זיך פֿלוצים פֿאַרטראַכט. ער שווײַגט.

— זיצט איר זיך אַזוי אויף דער באַנק און איר קוקט און איר טראַכט...

— צי איך אים בײַ דער צונג.

— יאָ — זאָגט ער — איך טראַכט. טייל מאָל ציט פֿאַרבײַ אַ לוויה, און די פּייערלעשער שפּילן אַ טרויערמאַרש; כ'האָב זייער ליב דעם דאָזיקן מאַרש. טייל מאָל פֿאָרט אַ פֿאַרפֿאָלק אין דער קירכע, צו דער חופּה. טייל מאָל וויינט ווער, טייל מאָל לאַכט ווער. מיידלעך אין קורצינקע קליידער שמייכלען פֿאַרפֿירעריש צו די בחורים, און דערנאָך ווערן זיי ערנסט, ווייל

זיי פֿאַרליבן זיך, און ליבע איז דאָך אַן ערנסטע זאַך. יאָ, פֿון דער דאָזיקער באַנק זעט מען אַלץ — די גאַנצע וועלט. פֿאַרוואָס ווילט איר כ'זאָל ליב האָבן צו רייזן? אומעטום איז דאָס זעלבע. אַליין האָט איר דאָך געזאָגט, אַז די בערגלעך אַרום אונדזער שטאָט זענען אַזוי שיין און מאָלעריש. אין ערגעץ האָב איך נישט געזען אַזעלכע בערגלעך ווי אַרום אונדזער שטאָט. ס'איז באמת אַ שיינע שטאָט. און צווייטנס: אומעטום איז אַלץ איינס לוסטיק און אַלץ איינס אומעטיק. מענטשן רעדן זיך איין, אַז זיי וועלן לעבן אייביק. דערנאָך שטאַרבן זיי, און מיר חידושן זיך, אַז ווידער איז עמעץ געשטאָרבן.

איצט הייבט ער אָן צו פֿילאָזאָפֿירן וועגן לעבן און וועגן טויט און אויך וועגן דעם, וואָס ער זעט פֿון יענער באַנק נעבן דעם ראַטהויז, ווו ער האָט אַזוי ליב צו פֿאַרברענגען די פֿרייע צייט.

לאָז איך אים דאָרט איבער אין דעם שאָטן פֿון אַ בליענדיקן בוים, און אַליין — אַליין זיץ איך ביים וועג — אין אַ פּאָסע — ווייט פֿון דער שטאָט, ווייט פֿון אַ דאָרף. אַרום מיר איז די געדיכטעניש פֿון וואַלד, אין וועלכן עס לאָזן זיך הערן די פֿייגל. דער פּראַכטיקער און שטיינערדיקער וועג ווייסלט זיך באַרג־אַראָפּ. מיין בליק וואַנדערט איבער די רוקנס פֿון די טונקעלע בערג; ערגעץ ווייט און הויך, דאָרט, ווו די סאָסנעס גרענעצן מיטן הימל און מיט די ווייסע וואָלקנדלעך, שטייט אַ קליין פּויעריש הייזל; איך זע די געקאַלכטע ווענט און דעם שוואַרצן דאַך פֿון שינדלען. פֿאַרביקע זעגלען פֿון וועש, וואָס טרינקט זיך אויף דער זון. אַ הונט בילט דאָרט ערגעץ, און עס קרייען הענער. כ'פֿיל אַ באַגער צו דערגרייכן צו דער דאָזיקער שטוב, צום דאָזיקן שטילן אינדזל, וואָס איז אויסגעטיילט פֿון דער וועלט. כ'וויל זיך אָוועקשטעלן אויף דער שוועל פֿון דער פּויערישער כאַטע און זאָגן: איך בין געקומען, כ'בין מיד און דורשטיק; צי וואַרט דאָ קיינער נישט אויף מיר? צי וואַרט דאָ קיינער נישט אויף וועמענס אָנקומען, אויף וועמענס צוריקקער?

עמעץ וועט שוויגן פֿאַרחידושט, אפשר וועט עמעץ מיך באַגריסן מיט אַ שמייכל. ווער? אַ יונגע פֿרוי מיט אָרעמס אָפּגעברענטע פֿון דער זון און פֿון ווינט, מיט ווייסע ברוסטן און מיט הענט, וואָס זענען ווי אַ ריבאייזן שאַרסטקע פֿון דער שווערער אַרבעט — יעדן טאָג שטייט זי אַ ווײַלע אויף דער שוועל פֿון דער כאַטע און זי קוקט אויפֿן טאָל; זי וואַרט אויף איר

באַשערטן מאַנצביל. איך זע זי, די דאָזיקע אומבאַקאַנטע פרוי, איך פיל דעם גערוך פון איר לייב, איך באַגער זי, און איך לייד מיינע אייגענע ליידנ־שאַפטן, און אויך אירע ליידנשאַפטן און בענקענישן פיל איך. כאָטש — אפשר האָב איך אַ טעות, אפשר איז עס נישט מער ווי מיין איינרעדעניש. ווייל אפשר איז דאָרט בכלל נישטאָ קיין יונגע, וואַרטנדיקע פרוי. אפשר לעבט דאָרט אַן אַלטער מענטש, וועלכער האָט נישט אויף וועמען צו וואַרטן און וועלכער ווייסט, אַז קיינער וועט נישט קומען. אָדער אַ זקנה, וואָס וואַרט יאָ, ס׳זאָל ווער קומען — אפשר וואַרט זי אויפן בעל־שם־טוב, ער זאָל איר ברענגען אַ פונט זאַלץ פון קרעמל אין טאָל אָדער אַנהאַקן אַ ביסל האָלץ און איינהייצן אין אויוון.

זיץ איך אויף אַ שטיין ביים וועג; ס׳איז פרילינג; דער ווינט טראָגט דעם גערוך פון אויפגעאַקערטער ערד; איך רייס אָפּ אַ פריש בלאַט פון בוים — זיינע לעבעדיקע זאַפטן האָבן אַ ווונדערבאַרן ריח. איך טרינק וואַסער פון קוועלכל, איך בין גליקלעך — איך, דער זאַרגלאָזער בראָדיאַגע, בענטש דעם פרידן פון דער וועלט און דעם פרידן פון לעבן. איך טראַכט וועגן דער פרוי, וואָס וווינט דאָרט אויבן, אויפן הויכן באַרג, און — איך שמייכל...

ווען איז דאָס געווען? נעכטן? צי מיט פערציק יאָר צוריק?

אַ שטילער אומעט פיקט אין האַרצן. כ׳קער זיך אום צום שפיגל מיט דער פלייצע. עס קומט אַ צייט אין מענטשלעכן לעבן, ווען אַלע שפיגלען ווערן ברוטאַל און אומברחמנותדיק.

און דער אַלטער שכן מיינער פון האָטעל־צימער ליגט זיך אין בעט און שווייגט.

— און דער דאָזיקער מעדאַל, וואָס איר טראָגט? — פרעג איך למען צו פרעגן. — פאַר וואָסערע פאַרדינסטן האָט איר אים באַקומען?

ס׳איז נישט קיין מעדאַל — ענטפערט ער געדולדיק — ס׳איז סתם אַ צייכן, אַז איך געהער צום רויטן קרייץ. ווען עמעץ ווערט אין שטעטל קראַנק און מען דאַרף אים ראַטעווען מיט אַ טראַנספוזיע, דעמלט שיקט דער שפּיטאַל־דירעקטאָר נאָך מיר, און מיין בלוט צאַפּט מען איבער אין דעם קראַנקנס אָדערן. די דאָקטוירים זאָגן, אַז איך האָב ערשטקלאַסיק בלוט. מיט

אַזאַ בלוט, זאָגן זיי, וועט איר גאַנץ באַשטימט נישט שטאַרבן פאַר דער צייט. און מיר איז אַנגענעם, ווען כ׳דערמאָן זיך, אין וויפל מענטשן עס פליסט מיין בלוט.

און צום ערשטן מאָל זינט ער האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון צימער, האָט ער זיך צעלאַכט מיט צופרידנקייט. און דער דאָזיקער געלעכ־טער קלינגט אין מיינע אויערן סימפּאַטישער ווי דאָס אַלץ, וואָס ער האָט ביז־איצט געזאָגט.

— איר פאַרקויפט דאָס בלוט? מען צאָלט אייך דערפאַר?

— ניין, איך גיב אומזיסט.

— און ווי גייט עס אייך? מיט וואָס פאַרנעמט איר זיך?

— איך בין אַ מאָלער.

— אַ קינסטלער? אַן אַרטיסט?

ער האָט זיך דערפילט לייכט באַליידיקט.

— יעדער מענטש קאָן זיין אַן אַרטיסט, אויב ער טוט גוט דאָס, וואָס ער טוט — זאָגט דער אַלטיטשקער. — אַ שוסטער קאָן זיין אַן אַרטיסט, אַ מצבה־קריצער, אַ שניידער, אַ סטעלמאַך. און איך מאָל שילדן, בלומען, טראַנספּאַרענטן; מאַרקסן קען איך אַזוי אויסמאָלן, אַז ער זעט אויס ווי אַ לעבעדיקער; אָדער די הייליקע מאַמע...

איך וויל אים נאָך עפּעס פרעגן, אָבער כ׳זע, אַז ער איז זייער שלעפעריק. ווינטש איך אים אַ גוטע נאַכט, און באַלד הער איך זיין געשמאַק שנאָרכן.

אין דרויסן רעגנט, פון צייט צו צייט לאָזט זיך הערן אַ פרילינגדיקער דונער און עס בליצט. מאָרגן וועט מסתמא זיין אַ זוניקער טאָג, וועלן מיר זיך לאָזן אין דער ווייטערדיקער רייזע, צו נייע מענטשן און צו נייע לײַדנשאַפטן.

ווייל די וועלט איז גרויס, און דאָס לעבן איז פול מיט אינטערעסאַנטע באַגעגענישן.

אַ זומער־נאַכט אין האָטעל

אין יענעם האָטעל, ווו איך האָב מיך דעמאָלט פאַרהאַלטן, זענען די נעכט געווען פול מיט אומרו. שפּעט אין אָוונט, ווען עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן ס׳זאָל זיין שטיל, בכדי מענטשן זאָלן קאָנען שלאָפן נישט געשטערט, גראָד דעמאָלט פלעגט דאָס גאַנצע הויז אויפלעבן, אָנפילן זיך מיט קלאַנגען און גיין אויף רעדער. אין די צימערן, וועלכע זענען געווען אָפּגעטיילט איינער פון צווייטן מיט דינע ווענטלעך, איז עפּעס פאָרגעקומען, עס האָט זיך געהערט דאָס קרעכצן פון די מעבל, פונקט ווי די הילצערנע הונדערט־יעריקע ברעטלעך וואָלטן נאָך נישט געווען גענוג טרוקן, און גראָד איצט איז זיי אויסגעקומען צו באַפרייען זיך פון יענע טיילעכלעך פון לעבעדיקער פייכטקייט, וועלכע זענען אין זיי פאַר־בליבן פון די אַמאָליקע צייטן, ווען דאָס פרישע מעבל־שטיק איז נאָך געווען אַ לעבעדיקע און וואַקסנדיקע סובסטאַנץ.

כ׳האָב נישט געוווסט ווער עס פאַרנעמט די שכנותדיקע צימערן אין דאָזיקן קליינעם פּראָווינציאָנעלן האָטעלכל, כ׳האָב זיך נישט אינטערעסירט מיט מיינע צופעליקע שכנים, כ׳האָב זיך נישט באַגעגנט מיט זיי. כ׳האָב ליב די איינזאַמקייט, כ׳האָב פיינט צו זיין אָפּהענגיק פון עמעצנס אָנוועזנ־קייט. טאָקע דערפאַר, צוליב דעם דאָזיקן, אַ ביסל סנאָבישן כאַראַקטער, בין איך געבליבן אַן אַלטער בחור.

כ׳האָב ליב איינזאַמקייט — אָבער אויך אַ פיינע געזעלשאַפט האָב איך נישט פיינט. ס׳פרייט מיך אָפט די אָנוועזנקייט פון גוטע פריינד — צוגע־קליבענע, נישט צופעליקע. מענטשן מיט האַרץ און פאַרשטאַנד האָב איך ליב. אָבער יענע נאַכט, וועגן וועלכער איך דערצייל, בין איך געווען איינזאַם ווי אַ יתום אויף אַ וויסטן אינדזל.

און געווען איז עס אַ נאַכט אַ הייסע, אַ מאַטערנדיקע.

אין שכנותדיקן צימער האָט זיך אָן אויפהער געהערט אַ סודותפּול פליסטערן, אַ געלעכטער. מינוטנווייז האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ס׳וויינט ווער, און עטלעכע מאָל האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז עמעצנס שוואַכע שטימע רופט הילף. האָב איך ווידער נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער רופט אַזוי שטיל, דער דאָזיקער אומבאַקאַנטער שכן מיינער. פאַרוואָס שרייט ער נישט, אויב ער איז באמת אין אַ געפאַר.

דערנאָך האָט זיך אַלץ באַרויִקט, אָבער באַלד האָבן זיך די געהיימניש־פולע קלאַנגען געלאָזט הערן אין אַ צווייטן צימער. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז אין די דאָזיקע פליסטערנדיקע ווערטער און אין דאָזיקן קרעכצן, אין עמעצנס לאַכן און וויינען, און אויך אין דעם דערשטיקטן געשריי וואָס כ׳האָב געהערט מיט אַלע מיינע חושים, זענען פאַראַן גרויסע סודות און סימבאָלן פון מענטשלעכע אומגליקן און מענטשלעכע פריידן, פון זאַכן נישטיקע און זאַכן ערנסטע — אומעטום קומט עפּעס פאָר, שטענדיק קייקלט זיך עפּעס פאָרויס, איינער טאַנצט און דער צווייטער גרייט זיך צו דער לוויה — און אין דער מיט פון אַלע געשעענישן שטייט דער טייוול און לאַכט, און פון זיין געלעכטער שאָקלט זיך זיין טייוולאָנישער ווידל און עס ציטערט די וועלט.

כ׳האָב געעפנט דאָס פענצטער אויפן גאָרטן, ס׳האָט אַ זעץ געטאָן מיטן ריח פון זשאַסמין, ס׳האַרץ האָט אין מיר גענומען געוואַלדיק ציטערן און פּיקן, ווי אַ פאַרבענקט פייגעלע, וואָס איז פאַרשלאָסן אין אַ שטייג. אַ שוויס האָט מיך באַגאָסן, אַנגסטן — די נאַכט איז געווען אַ הייסע, די שטערן אויפן הימל זענען געווען רויט ווי פייער, און צום פרימאָרגן איז נאָך געווען זייער ווייט.

האָב איך ווידער צוגעמאַכט דאָס פענצטער און געעפנט די טיר אויפן קאָרידאָר. גראָד איז אַ פרוי פאַרשוווּנדן אין איינעם פון די צימערן, כ׳האָב נישט באַוויזן צו באַמערקן ווער זי איז, אַ יונגפרוי צי אַ זקנה, אַ קראַסאַ־וויצע צי אַ פאַרזעעניש. אין קאָרידאָר איז געווען כמעט טונקל, ווייל דאָס לעמפּל וואָס האָט געלויכטן איז געווען באַוואָקסן מיט שמוץ און מיט אומעט.

אין וויטסטן ווינקל פון הויז האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ ווילד גרויזאַם געשריי, דאַכט זיך, אַז עס האָט געשריגן אַ מאַנסביל, אָבער ס׳איז אויך נישט אויסגעשלאָסן, אַז געווען איז עס אַ פרוי. כ׳האָב נישט געוווּסט

ווער עס שרייט, געפילט האָב איך אָבער, אַז אַזוי שרייט אַ מענטש אין גרעסטער געפאַר, ווען דער פּחד באַרויבט אים פון לעצטן טראָפּן פאַרשטאַנד.

בין איך געלאָפן אין דער לענג פון קאָרידאָר אין יענער ריכטונג, ווו דאָס געשריי האָט אַזוי טרויעריק געציטערט, כ׳בין געלאָפן צו דער טיר, הינטער וועלכער עמיץ איז געווען אין געפאַר. אָבער נאָך איידער כ׳האָב באַוויזן אָנצוקלאַפּן, האָט זיך די טיר געעפנט, פון צימער איז אַרויסגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער, אַ נאָנע מיט אַ פרום שטרענג פּנים, זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל און מיט אַ קאַלטער שטימע האָט זי גע־פרעגט ווענען איך זוך און וואָס איך וויל.

— איך זוך נישט קיינעם, — האָב איך געענטפערט, — כ׳וויל בלויז וויסן, צי יענער מענטש ליידט אַזוי שווער, זענען זיינע יסורים באמת אַזוי גרויס, אַז ער מוז שרייען?

אַלע ליידן מיר גרויסע יסורים, — האָט רויִק אויפגעקלערט די דער־פאַרענע פרומע פרוי, — די גאַנצע וועלט איז פול מיט יסורים. ליידנדיק, ליבן מיר אונדזער אַלמעכטיקן גאָט. אויף אַזאַ אופן גיבן מיר אָפּ אַ לויב. אָבער דער דאָזיקער מענטש שרייט נישט בלויז צוליב יסורים. ער שרייט ווייל ער האָט מורא. דער פּחד שרייט פון אים אַרויס. דער פּחד פאַרן טויט.

ביי די דאָזיקע ווערטער האָט דאָס שטרענגע געזיכט פון דער נאָנע געהאַט אַן אויסדרוק פון פאַראַכטונג, זי האָט מסתמא געטראַכט: אַ מענטש וועלכער שרייט פון פּחד פאַרן מלאך־המוות, איז נישט מער ווי אַ שמאַטע. איז דען נישט אונדזער לעבן אַ כסדרדיק וועלקן און שטאַרבן יעדן טאָג און יעדע נאַכט, פון דער פריער יוגנט ביז צו דער לעצטער שעה פון אונדזער דאָ־זיין?

און דער מענטש הינטער דער טיר האָט און געשריגן. און איך האָב פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן געשריי, ווייל איך אַליין האָב אויך מורא פאַרן טויט. טייל מאָל וועק איך זיך אין דער האַלבער נאַכט, אין יענער אויסטערלישער שעה, ווען אַלטע יידן פלעגן אַמאָל אָפּריכטן חצות — איך וועק זיך אַן איבערגעשראָקענער און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הענג אויף אַ דינער האָר איבער אַ טיפן אָפּגרונט און אָט־אָט אין איין רגע וועל איך אַריינפאַלן אין תהום פון אַבסאָלוטער פינצטערניש און — כ׳וועל נישט זיין מער...

האָב איך, הייסט עס, פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן גוססדיקן מענטשן, כ׳האָב פאַרשטאַנען זיין אַטאַוויסטישע שרעק, כאָטש איך אַליין האָב נאָך קיין מאָל נישט געשריגן אַזוי ווי ער. מיין געשריי איז אַן אינערלעכעס, אַ שעמעוו־דיקס.

אָבער דער מענטש הינטער דער טיר האָט אפשר געהאַט אַן אַנדערע, אַ מער פילבאַרע נשמה, דעריבער האָט זיין פחד אויפגעבראָכן די טויערן פון שעמעוודיקייט און געזוכט אַן אויסוועג אין געשריי. און קיינער איז נישט געווען בכוח אים צו העלפן, און וועגן דעם האָט געוווסט די קלוגע קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל און נישט געוואָלט מיך אַריינלאָזן צום קראַנקן.

אויף דעם לאַנגן קאָרידאָר צווישן צוויי רייען פאַרמאַכטע טירן האָט זיך דערנענטערט די טונקעלע געשטאַלט פון אַ גלח. ער איז געקומען מתוודה זיין דעם שטאַרבנדיקן און מוחל זיין די זינד זיינע, די זינד קעגן גאָט און אפשר אַפילו די זינד קעגן מענטשן. די נאָנע האָט זיך אָפגערוקט פון דער שוועל, דער גייסטלעכער איז אַריין אין צימער און איך בין נאָך אַ וויילע געשטאַנען ביי דער טיר און האָב נאָכגעהאָרכט. דער קראַנקער האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט, זעט אויס, אַז די אָנוועזנקייט פון גייסטלעכן האָט אים געהאָלפן.

כ׳בין ווידער געזעסן אין צימער, געוואַלגערט זיך אויפן געלעגער, דער שלאָף איז נישט געקומען.

עטלעכע מינוטן נאָך דער האַלבער נאַכט האָט דער איינוווינער פון שכנותדיקן צימער אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ־אַפאַראַט, עס האָט זיך צעזונגען אַ הייזעריקע, כמעט שיכורע שטימע, אַ שדים־קאָנצערט האָט זיך געלאָזט הערן, ס׳האָט ווער געזונגען וועגן דער זון און וועגן ליבע, וועגן בענקשאַפט און וועגן גוססן צוליב בענקשאַפט. דער קאָנצערט איז געווען באַנאַל און האַרצרייסנדיק. פלוצים האָט זיך די מוזיק אָפגעריסן, ווי איבערגעהאַקט מיט אַ קצבישער האַק, דער ראַדיאָ־ספיקער האָט איבערגעגעבן די לעצטע ספאָרט־נייעס. זייער וויכטיקע ענינים וועגן באָקס, אַטלעטיק און אַנדערע קלוגע זאַכן. ווי לאַנג האָט עס געדויערט? כ׳ווייס נישט. כ׳האָב זיך דער־מאָנט מיין באָבעס קלוגע רייד, אַז ווען מען ווייסט נישט ווי שפעט ס׳איז,

אַנטלויפט גיכער די צייט — און איך האָב באַשלאָסן נישט צו קוקן אויפן זייגער.

בין איך געזעסן ביים פענצטער און האָב געוואַכט, ביז אויפן מזרחדיקן ראַנד פון הימל האָט זיך צעפינקלט דער מאָרגנשטערן און די וועלט איז געוואָרן בלויער און העלער.

אַ פויגל האָט זיך צעשריגן, און נאָך אים נאָך אַ צוויי־דריי מנינים אויפגעוועקטע פייגעלעך, כ׳האָב געהאָרכט און געפּרוּווט פאַרשטיין, וואָס זיי זענען אויסן מיטן דאַזיקן געשריי, וואָס ווילן זיי, וואָס פילדערן זיי אַזוי, וואָס רוישן זיי אַלע גלייכצייטיק? אפשר פירן זיי אַן ערנסטן וויכוח וועגן זייערע ערנסטע פייגלשע ענינים, און אפשר איז עס אַזאַ גוט־מאָרגן זייערער, אַ באַגריסונג פאַר דעם אָנקומענדיקן טאָג...

און דאָ בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, ענדלעך געכאַפּט אַ געשמאַקן דרימל, אָבער די חלומות מיינע זענען געווען טריבע, שווערע און טונקעלע ווי די שוואַרצע וואָלקנס, וואָס הענגען איבערן וואַלד. און אין חלום האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך איבער דעם מענטש הענגט שטענדיק עפּעס — אַ דונער וואָס קיינער ווייסט נישט ווען און וועמען ער וועט טרעפן. און קיינער ווייסט אַפילו נישט פאַרוואָס ער וועט טרעפן. אפשר פון עמעצנס קאַפּריז — גאָטס צערטלעכקייטן זענען שוין אַזעלכע, קאַטאָוועס פון אונדזער רבונו של עולם: ווען ער גיט וועמען אַ קיצל, טרעשטשען די ביינער. ס׳איז מכלומרשט נישט מער ווי אַ שפּאַס פון בורא־עולם — און דער מענטש האַלט עס נישט אויס, ער ברעכט זיך און פאַלט פון די פיס און וואַלגערט זיך אין פּראָך.

געווען איז שוין גרויסער טאָג, ווען די דינסטמויד פון האָטעל האָט מיך אויפגעוועקט. זי האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ געשמאַק פרישטיק, באַצוקערט מיט אַ פאַרפירערישן שמייכל.

כ׳האָב אָפּגעגעסן און בין אַרויס פון צימער. אויפן קאָרידאָר האָב איך ווידער באַגעגנט די קראַנקן־שוועסטער, די נאָנע.

— וואָס מאַכט דער חולה? — האָב איך געפרעגט, — האָט ער נאָך אַזעלכע שרעקלעכע יסורים?

נישט פאַרהאַלטנדיק זיך און נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט זי גע־ענטפערט:

— ניין, ער האָט שוין נישט קיין יסורים...

און זי איז פאַרשוווּנדן הינטער דער טיר פון וואַש־צימער.

כ׳האָב זיך פאַרטראַכט איבער דער פילדייטיקער תשובה. גוט, אַז קיין שום ליידן דויערן נישט אייביק. אַלץ ענדיקט זיך אין אַ געוויסן פרימאָרגן, אָדער אין אַ געוויסן פאַרנאַכט. די פינצטערניש ווערט אויס און אַפילו נאָך דער לענגסטער שלאָפלאָזער נאַכט גייט אויף די זון און עס קומט אָן אַ נייער טאָג.

אַ שיינער נאָמען

צווערשט האָב איך געמוזט אָפּזיצן אפשר אַ האַלבע שעה, ביז די סעקרעטאַרשע האָט געעפנט די טיר פון קאַבינעט און געזאָגט מיט אַן אַמטלעכן טאָן:

— דער הער דירעקטאָר מאַלאַכאָווסקי בעט אייך. איר קענט אַריינגיין.

— גאָט פון אַלע מאַלאַכאָווסקיס — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — סאַראַ כבוד...

און איך האָב פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, וועלכע איז געווען אויס־געבעט און באַדעקט מיט לעדער, פונקט ווי עס פלעגן אַמאָל זיין אויסגעבעבעט די טירן ביי דאָקטוירים אָדער אַדוואָקאַטן. מאַלאַכאָווסקי האָט זיך אויפגע־הויבן פון אָרט און אויסגעשטרעקט צו מיר די האַנט. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש מיט אַ פּליך און מיט גראָע שלייפן, זיין פּנים איז געווען געל און פאַרקנייטשט. קוקנדיק אויף אים האָב איך געטראַכט, אַז אויך איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן און אַז ערשט ווען מען באַטראַכט דעם צווייטן מענטשן, דערמאָנט מען זיך, אַז אויך אונדזער אייגענע צייט שטייט נישט אויפן אָרט.

— מאַנדלבוים — האָב איך געזאָגט וואַרעם — דו ביסט עס טאַקע מענדל מאַנדבוים? ווער וואָלט זיך געקאָנט ריכטן, אַז נאָך אַזוי פיל יאָרן...

ער האָט געשוויגן און אויף זיין געזיכט האָב איך נישט געקאָנט דער־קענען קיין שום שפּור פון פרייד. מיין באַזוך האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין איינדרוק. און אפשר איז עס געווען אַנדערש? אפשר האָט ער פּשוט נישט געוואָלט אַרויסווייזן זיינע געפילן? איך האָב געקוקט אין זיינע שוואַרצע קלוגע אויגן — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי באַטראַכטן מיך טרוקן און אַמטלעך, און אויך מיט אַ ביסעלע איראָניע, ווי זיי וואָלטן געווען נישט צופרידן פון מיין באַזוך און פון מיין האַרציקייט. שווייגנדיק האָט ער

מיר געוויזן, איך זאָל זיך זעצן, אַליין האָט ער זיך פאַרטיפט אין צווייטן פּאַטעל און האָט פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

— ווען דו זאָלסט וויסן ווי אַזוי איך פריי זיך... — האָב איך אָנגעהויבן.

— מיט וואָס? — האָט ער מיר איבערגעריסן די רייד — מיט וואָס פרייסטו זיך אַזוי? די באָבע איז דיר אַ כלה געוואָרן? אויך מיר אַ פרייד. ווען דו ביסט אַריינגעקומען און האָסט מיך געפרעגט, צי איך בין מאַנדל־בוים, האָב איך אין דער ערשטער מינוט נישט געוווּסט וועגן וועמען עס גייט דיר. ווייל איך, פאַרשטייסטו מיך, איך האָב שוין צייט געהאַט צו פאַרגעסן ווער עס האָט אַזוי געהייסן, ווייל אַזוי פיל יאָרן האָב איך שוין דעם דאָזיקן נאָמען נישט באַנוצט און נישט געהערט. און דו קומסט און זאָגסט, אַז דו פרייסט זיך. איז דאָס נישט קאָמיש?

— ניין — האָב איך געענטפערט — דאָס איז גאָר נישט קאָמיש. פאַרוואָס דאַכט זיך דיר, אַז ס'איז קאָמיש?

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, פּונקט ווי עס וואָלט אים גע־לאַנגווייליגט דער דאָזיקער שמועס, און ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנע בייזן געלעכטער, און איך האָב זיך אָנגעהויבן שלעכט צו פילן אין זיין געזעלשאַפט און האָב שוין באַדויערט: וואָס פאַר אַ טייוול האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט?

— עס איז נישט קאָמיש. און אפשר זאָגסטו „קאָמיש" און טראַכטן טראַכטסטו גאָר אַז ס'איז טרויעריק? ווייל ווי אַזוי קען אַ מענטש פאַרגעסן, אַז ער האָט אַמאָל געטראָגן אַזאַ שיינעם נאָמען? ווען דיין טאַטע, לאָזער מאַנדלבוים איז יעדן אינדערפרי געלאָפן אין בית־מדרש אַריין, איז נאָך די גאַנצע שטאָט געשלאָפן, ווייל עס איז נאָך נישט געווען אינדערפרי, ס'איז נאָך געווען נאַכט. און ווען ער פלעגט אָנהייבן צו לערנען אַ בלאַט גמרא, האָט מען אים געהערט פון איין עק שטעטל ביז צום צווייטן, אַזאַ שטימע האָט ער געהאַט, אַ שטימע ווי אַ גלאָק. און אַלע יידן, און אַפילו אַלע קריסטן פלעגן זאָגן מיט דרך־ארץ: איר הערט? דאָס איז די שטימע פון אַלטן מאַנדלבוים... און פלעגט אַ מענטש ווו קראַנק ווערן, אַ דערוואַק־סענער אָדער אַ קינד, דעמלט פלעגט דיין מאַמע זיך איינהילן אין איר שוואַרצן שאַל — זומער און ווינטער פלעגט זי טראָגן דעם זעלבן שאַל — און אונטער דעם שאַל האָט זי געהאַט אַ קליין קוישעלע מיט אַ שטיקל

שבתדיקע חלה, אָדער אַ טעפּעלע יויך, און זי פלעגט לויפן דורך די שמאָלע געסלעך פון דער יידישער גאַס צו יענעם הויז, ווו עס האָט געוווינט דער קראַנקער און זי פלעגט דאָרט זיצן אַ גאַנצע נאַכט און די מענטשן פלעגן זאָגן: רויזע מאַנדלבוים נעכטיקט היינט ביים קראַנקן, געזונט און שטאַרק זאָל זי זיין, אַזאַ ווילע יידענע. און ביי טאָג האָט דיין מאַמע געמאַכט קאַר־טאָפל־פּלעצלעך, וואָס האָבן געהאַט טעם פון גן־עדן, און מענטשן פון גאַנצן שטעטל פלעגן קומען און לעקן די פינגער, אַזוי געשמאַק זענען זיי געווען, די דאָזיקע פּלעצלעך, וואָס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט. און געווען איז נאָך איין מאַנדלבוים... דו האָרכסט מיך?

— אַוודאי האָרך איך — האָט ער פאַרזיכערט, קוקנדיק דערוויל אויף דעם האַנט־זייגער.

— און געווען איז נאָך איין מאַנדלבוים — האָב איך ווייטער געצויגן — איך מיין מאַנדלבוימס זון. אויך ער האָט געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער שטאָט. געהייסן האָט ער מענדל מאַנדלבוים. ער איז שוין דעמלט געגאַנגען מיט זיינע אייגענע דרכים, אין בית־מדרש האָט מען אים נישט געזען אַ גאַנץ יאָר, יום־כיפור האָט ער געפרעסן חזיר, עס האָט אים געראונען איבער דער באָרד. ווען דער אַלטער מאַנדלבוים איז וועגן דעם געוויער געוואָרן, איז ער אָפּגעזעסן שבעה און געזאָגט קדיש נאָך דעם בן־יחיד זיינעם. אָבער מענדלען האָט עס נישט געאַרט, ער איז פון דעם נישט קראַנק געוואָרן. פונקט פאַרקערט, ער איז געווען געזונט ווי אַן אָקס. ער האָט געקעמפט פאַר דער פרייהייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, כאָטש אַליין איז ער קיין גרויסער אַרבעטער קיין מאָל נישט געווען. אויך ער האָט געהאַט אַ שם, אַלע מענטשן אין שטעטל האָבן אויף אים געקוקט מיט אָנערקענונג: דאָס איז מאַנדלבוים, דער וואָס זיצט אַזוי אָפט אין תפיסה, דער קאָמוניסט, אויף דעם פאָטערס לוויה האָט ער אַפילו קיין קדיש נישט געזאָגט. און איצט: מענדל מאַנדלבוים הייסט איצט מיכאל מאַלאַכאָווסקי, ער איז אַ וואַזשנער דירעקטאָר אין דעם דאָזיקן גרויסן בנין און ער האָט אַ שיינע סעקרעטאַרשע, הלוואי העלפט מיר גאָט צו האָבן אַזאַ שיינע שיקסע כאָטש איין מאָל אין יאָר...

— נו, יאָ... — האָט געזאָגט מאַלאַכאָווסקי, פּויקנדיק מיט די פינגער אויף דעם שרייבטיש — אַזוי איז עס טאַקע געווען. דו געדענקסט אַלץ. האָסט אַ גוטן זכרון.

— און געווען איז נאָך די בלום פון מאַנדלבוימס: בלימעלע. דאָס איז געווען דיין שוועסטער, דיין שיינע שוועסטער, וואָס פלעגט שטענדיק זיצן אין אַלקער און לייענען פוילישע ראָמאַנען. און ווען זי פלעגט אַרויסגיין אין גאַס, פלעגן אַלע דורכגייער זיך אומקוקן און פליסטערן מיט אַנטציקונג ווי שיין זי איז, די דאָזיקע מאַנדלבוים... און אַלע יידן אין שטעטל האָבן געוואָלט האָבן אַזעלכע טעכטער ווי בלימעלע מאַנדלבוים, אָדער אַזעלכע שנורן. און מיידלעך האָבן געטרוימט, אַז זיי האָבן אַזעלכע שוואַרצע האָר און אַזעלכע ראָזעווע בעקעלעך און אַזאַ זיסן שמייכל ווי די יונגע בלימעלע מאַנדלבוים, וואָס אַלע יינגלעך אין שטעטל זענען אין איר פאַרליבט, כאָטש דער דאָזיקער געלונגענער ברודער אירער זיצט תמיד אין תפיסה.

— יאָ, יאָ... — מאַלאַכאָווסקי האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — איך פאַרשטיי אָבער נישט, וואָס דו ביסט אויסן מיט די דאָזיקע רייד און מיט די דאָזיקע זכרונות. פאַרוואָס רעדסטו נישט וועגן אַנדערע זאַכן? דערצייל וועגן זיך. ביסט געקומען און שניידסט מיר דאָס האַרץ אויף שטיקער. וואָס ווילסטו פון מיר? אפשר דאַרפסטו כ׳זאָל דיר עפּעס העלפן? אויב אַזוי, טאָ רעד אָפענע דיבורים. אָן דער דאָזיקער גאַנצער ליטעראַטור.

— האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען — האָב איך געענטפערט, שוין אַ ביסל באַליידיקט — איך פאַרלאַנג נישט קיין שום זאַך פון דיר. נאָר וועגן וואָס זאָל איך מיט דיר רעדן?

— כ׳פאַרשטיי — האָט ער זיך באַרויִקט און מיר האָט זיך ווידער אויס־געוויזן אַז ער איז זייער נישט צופרידן פון מיין באַזוך. און איך בין געווען אַנטוישט מיט דעם, וואָס אין זיין פנים האָב איך שוין נישט געפונען קיין שום ענלעכקייט צו זיין שיינער שוועסטער און אויך נישט קיין ענלעכ־קייט צו זיין יונגן פאָרטרעט פון אַמאָל, צו דעם פאָרטרעט זיינעם, וואָס איז געווען פאַרקריצט אין מיין זכרון.

— אויך איך בין געווען פאַרליבט אין דער שיינער בלימעלע מאַנדל־בוים — האָב איך געצויגן מיינע אומעטיקע זכרונות — אָבער ווער בין איך געווען, מישטיינס געזאָגט, אין פאַרגלייך מיט יענע בחורים פון די שיינע רייכע משפחות, וואָס האָבן זיך נעבן בלימעלען אַרומגעדרייט? אָבער דיין שוועסטער האָט מיך ליב געהאַט, ווייל אויך איך האָב געלייענט פוילישע ראָמאַנען און אויך איך האָב געקאָנט דיסקוטירן וועגן פרוידס טעאָריע,

וועלכע איז דעמלט, אין יענע יאָרן געווען זייער מאָדערן. פלעג איך שעהן לאַנג שטיין אַנטקעגן דער טיר פון אייער דירה און וויפל מאָל עס האָט ווער געעפנט די טיר, האָט ביי מיר געפּיקט דאָס האַרץ ווי ביי אַ גנב. איך האָב געוואָרט זי זאָל צו מיר אַרויסקומען. און אין פרילינג פלעג איך איר ברענגען קליינינקע בינטעלעך פיאַלקעס, און זומער — גאַנצע סטערטעס בעז אָדער זשאַסמין. און איך בין געשטאַנען מיט די דאָזיקע בלומען ביי דער טיר פון אייער וווינונג און דיין מאַמע פלעגט פון צייט צו צייט כאַפּן אַ בליק דורכן פענצטער און פריינדלעך צו מיר שמייכלען...

— וואָס רעדסטו? — האָט ער זיך פאַראינטערעסירט — מיין מאַמע? טאַקע?

— און איין מאָל האָב איך געזאָגט דיין שוועסטער, אַז איך קאָן שוין אָן איר נישט לעבן און אַז איך קאָן שוין נישט אויסהאַלטן די דאָזיקע אומזיכערקייט און אַז אויב איך בין איר נישט ליב, וועל איך מיך טרינקען אין טייך אָדער אויפהענגען אויפן אַלטן בית־עולם. דאָס איז פאָרגעקומען אין אַ שבתדיקן נאָכמיטאָג, מיר האָבן אַרומשפּאַצירט הינטער דער שטאָט, דערנאָך זענען מיר אַרויפגעגאַנגען אויף אַ בערגל, פון וועלכן מען האָט געזען די אַרומיקע דערפלעך און אַ האַלבע וועלט. דאָרט האָט בלימעלע מיך אַרומגענומען און זי האָט דערלויבט, אַז איך זאָל זי אַרומנעמען און מיר האָבן זיך צעקושט, און איך האָב געוואָלט שטאַרבן פון גליק און כ'האָב געוואָלט לעבן אייביק: אַזוי גליקלעך בין איך געווען צוזאַמען מיט איר, מיט דיין שוועסטער בלימעלע מאַנדלבוים. און ווען מיר זענען פון דאָזיקן שפּאַציר געגאַנגען אַהיים, האָבן די מענטשן אין שטעטל באַטראַכט אונדז און מקנא געווען — נישט איר האָט מען מקנא געווען, נאָר מיר האָט מען עס נישט פאַרגונען, ווייל זי איז געווען די שענסטע יידישע טאָכטער אין שטעטל און איך בין געווען אַ זון פון אַ געוויינטלעכן עם־הארץ, וואָס אין בית־מדרש איז ער געזעסן ביי דער טיר.

איך האָב איבערגעריסן מיינע דערמאָנונגען און... גאָטעניו! האָב איך געטראַכט, פאַרוואָס דערצייל איך אים דאָס אַלץ? אים? נישט אים דערצייל איך דאָך, נאָר זיך אַליין. און נישט צוליב אים בין איך דאָ געקומען, איך האָב מיר איינגערעדט, אַז איך וועל אין אים געפינען אַ שפּור, אַ רעפלעקס, אַ גרוס פון עבר, וועלכער וועט מיר דערלויבן אַרומצונעמען דעם דאָזיקן

מענטשן און קושן אים און פרייען זיך מיט אים, ער איז דאָך געווען איר ברודער און זי איז געווען זיין שוועסטער.

— נו, זעסטו דאָך — האָט ער געזאָגט מיט אַן אומגעדולדיקן טאָן — זעסט דאָך אַליין, וואָס פון דעם אַלעם איז פאַרבליבן. האָסט זי ליב געהאַט און זי האָט דיך ליב געהאַט. און נאָך איר האָסטו מסתמא ליב געהאַט הונדערט אַנדערע פרויען און האָסט זיך גאָר נישט געטרונקען אין טייך און האָסט זיך נישט אויפגעהאָנגען אויף דעם אַלטן בית־עולם. בלימעלע מאַנדלבוים איז אומגעקומען, אפשר האָט מען זי פאַרברענט אין אַן אויוון, אפשר האָט מען אויס איר געמאַכט עטלעכע שטיקלעך זייף, אָבער דו לעבסט און גיסט זיך מסתמא אַן עצה. איך האָב דיר חס־וחלילה נישט פאַראיבל, איך גלויב, אַז האָסט זי באמת ליב געהאַט און וואָלסט פאַר איר געווען אַ גוטער געטרייער מאַן. איך זאָג עס פשוט דערפאַר, ווייל אַזאַ איז עס, דאָס לעבן. איינער שטאַרבט, דער צווייטער לעבט, אַזוי פירט זיך די וועלט.

אַזוי פירט זיך די וועלט. מיר האָבן געשוויגן. כ׳האָב שוין געוואָלט זיך צוריקציען, פאַרענדיקן מיין באַזוך, געזעגענען זיך וואָס גיכער און אַוועקגיין.

— נו, און דו? — האָב איך געפרעגט — וואָס איז מיט דיר?

— מיט מיר? גאָרנישט. איך לעב. איך האָב אַ פרוי. איך האָב קינדער.

— זייער גוט, אַז דו האָסט אַ משפחה. אַ מענטש דאַרף האָבן וועמען נעבן זיך. אַ מענטש דאַרף האָבן קינדער. עס מוז דאָך זיין עפּעס אַ המשך. אַנדערש וואָלט דאָס לעבן נישט געהאַט קיין זין.

— איך פאַרשטיי דיך — האָט געזאָגט מאַלאַכאָווסקי — אָבער דאָס איז שוין נישט די זעלבע קרעטשמע און נישט דער זעלבער בראָנפן. און איך בין שוין אויך נישט דער זעלבער. איך הייס מאַלאַכאָווסקי, דער זעלבער מאַלאַכאָווסקי, וואָס מען שרייבט וועגן אים אין די גאַזעטן און מען קען אים אין גאַנצן לאַנד. מאַלאַכאָווסקי. אפשר נישט קיין שיינער נאָמען?

— זייער אַ שיינער נאָמען — האָב איך אים פאַרזיכערט — אַ היסטאָרישער נאָמען. גאָר נישט ערגער ווי דער נאָמען מאַנדלבוים. איך מיין, אַז אַלע נעמען זענען שיין, אויב זיי געהערן צו שיינע און בכבודיקע מענטשן. אָבער פאַרוואָס זאָלסטו טאַקע נישט הייסן מאַנדלבוים?

— וואָס ווילסטו פון מיר און וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיין נאָמען? איך בין שוין נישט מאַנדלבוים און איך קאָן שוין נישט זיין מאַנדל־בוים, ווייל ווען איך זאָל זיין מאַנדלבוים, וואָלט איך דאָך געמוזט אומקערן זיך אין אונדזער פאַרדריפּעט שטעטל, וואָס דו דערמאָנסט עס מיט אַזאַ ליבשאַפט, און איך וואָלט דאָרט געמוזט גיין יעדן טאָג אויף די חורבות פון אַלטן בית־המדרש אָדער אין דער גרויסער שול, ווו עס געפינט זיך היינט אַ מאַגאַזין פון אַלט אייזן, און דאָרט, אין דער טוכלער מפולת וואָלט איך זיך געמוזט אָוועקזעצן שבעה און ביז אין טויט אַריין רייסן זיך די האָר פון קאָפּ. אָבער איך האָב דאָס נישט געטאָן, און אויך דו האָסט עס נישט געטאָן, כאָטש דו קענסט אַזוי שיין דערציילן וועגן מיין שוועסטער און דיין כלה. ווייז מיר איין ייד, וואָס האָט זיך אומגעקערט אין אונדזער שטעטל אויף זיין אַלט מיסט אָדער אויף זיין אַלטן בית־עולם. ווייז מיר היינט איין מיידל, וואָס זאָל וועלן און קענען זינגען אונדזערע אַלטע שיינע לידער און ניגונים, ווייז מיר איין קינד, וואָס זאָל היינט רעדן מיט אונדזער אַלטן שיינעם מאַמע־לשון! ווו האָסטו דאָס אַלץ? עס איז אַלץ אַזוי ווי ביי ישעיהו הנביא. נו, יאָ... דו האָסט מסתמא קיין מאָל נישט געלייענט די דאָזיקע וווּנדערבאַרע דיכטונג, ווייל דיין טאַטע האָט דיך דערצו נישט געצוווּנגען.

ער האָט איצט גערעדט נערוועז, שווער געאָטעמט, אויפגעהויבן זיך פון ווייכן פאָטעל און ווידער זיך אָוועקגעזעצט, און עס איז מיר פיינלעך געווען דער געדאַנק, אַז צוליב מיר און צוליב מיין באַזוך האָט ער איצט געליטן, כאָטש אַנדערש ווי איך האָב מיר עס פאָרגעשטעלט און אויך אַנדערש ווי איך אַליין האָב געליטן.

און ער, מענדל מאַנדלבוים, וואָס היינט הייסט ער מאַלאַכאָווסקי, האָט זעט אויס, פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען, ווייל ער האָט צוגעגעבן:

— דיר דאַכט זיך, אַז דו ליידסט אויף אַן אויסטערלישן אופן, אַז דיינע יסורים זענען די גרעסטע און די וויכטיקסטע. און איך וועל דיר זאָגן, אַז דו ליידסט אפשר בכלל נישט, דיר דאַכט זיך בלויז אַז דו ליידסט, ווייל דאָס אַלץ וואָס דו האָסט געזאָגט, דאָס איז בלויז די ליטעראַטור, די פאַר־שאָלטענע פּאָעזיע דיינע, די דאָזיקע ליריק, וואָס מען שאַפט זי נישט נאָר פון אייגן האַרץ און פון אייגן בלוט, נאָר אויך פון דער לופט, פון ווערטער. פאַרשטייסט מיך? און אַ שיין ליד וועגן דער ריינסטער ליבע קאָן מען

צוזאַמענשטעלן אויך דעמלט, ווען מען וועקט זיך אויף נאָך אַ שיכּורער נאַכט, נאָך אַ נאַכט אַ פאַרבראַכטער מיט אַ גאַסנמויד...

— באַרויִק זיך — האָב איך געזאָגט שטיל, נישט דערלאָזנדיק צום וואָרט מיין אינערלעכן כעס — זיי נישט אַזוי נערוועז. איך האָב דיך נישט געוואָלט באַליידיקן, איך האָב דיר נישט געוואָלט אָנטאָן קיין צער. איך האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן קיין שום וואָרט, וואָס זאָל דיר ווי טאָן. אויב איך האָב דערמאָנט דיין טאַטן און דיין מאַמען און דיין שוועסטער, איז עס געווען בלויז דערפאַר, ווייל וועגן וואָס זאָלן רעדן צוויי אַזעלכע יידן ווי דו און איך, ווען זיי באַגעגענען זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן? וועגן וואָס?

— איך האָב זיך נישט באַליידיקט — האָט געזאָגט דער אַמאָליקער מענדל מאַנדלבוים — איך פריי מיך, אַז דו ביסט געקומען, מעגסט מיר גלייבן. באמת. נאָר עס האָט מיר נישט געפאָלן דאָס, וואָס האָסט געזאָגט וועגן מיין נאָמען. און דאָס וואָס דו האָסט מסתמא דערביי געטראַכט...

— איך האָב גאָרנישט געטראַכט, גלייב מיר. גאָרנישט קיין שלעכטס. סאַראַ אונטערשייד וויאַזוי דער מענטש הייסט.

— ביסט גערעכט — האָט ער געענטפערט מיט אַן איראָניש שמייכעלע

— ביסט גערעכט. נאָר נישט אין גאַנצן גערעכט.

איך האָב אויף אים געקוקט און עס האָט מיך אַרומגענומען אַ רחמנות. און מענדל מאַנדלבוים האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין זיין שטאַנדפּונקט.

— אָט, לאָמיר אָננעמען, אַז נישט איך הייס מענדל באַנדלבוים, נאָר דו. דו ביסט מענדל מאַנדלבוים און דו ביסט למשל אַ פּוילישער שרייבער, אַ גרויסער פּוילישער שרייבער אָדער דיכטער, אַ פּוילישער דיכטער מיטן שיינעם נאָמען מענדל מאַנדלבוים. און דו וועסט אָנשרייבן אַ סך שיינע פּוילישע ביכער, וואָס וועלן אַריינגיין אין דעם אוצר און אין דער געשיכטע פון דער פּוילישער ליטעראַטור. לאָמיר אַזוי אָננעמען. און הייסן וועסטו נישט מאַלאַכאָווסקי און נישט קאָוואַלסקי און נישט פּיעטשיקיעוויטש. הייסן וועסטו מענדל מאַנדלבוים. נו? וואָס וואָלט דעמלט געווען? האַ? זאָג, אַז דו ביסט אַזוי קלוג...

— נו... — האָב איך זיך פאַרטראַכט — אַ שווערער עניך. ממש אַ קשיא.

און ביידע האָבן מיר זיך ביטער צעלאַכט...

ווען אַ שרייבער קען נישט שלאָפֿן

די נאַכט איז ער ווידער שלעכט געשלאָפֿן, עטלעכע מאָל האָט ער זיך געוועקט, געקוקט אין דער פֿינצטערניש, געטראַכט וועגן זאַכן נישט אָנגענעמע.

מיט אַ וואָך פֿריער האָט ער געענדיקט זעכציק יאָר. די פּרעסע האָט האַרציק אָפּגעמערקט די דאָזיקע דאַטע (וואָס איז געווען די פֿרייד? און פֿון וואַנען האָבן זיי וועגן דעם געוווּסט?). און אים אַליין, דעם מכּלומרשטן בעל־שׂמחה, האָט דעמלט אַרומגענומען אַן אומרו, אַ פֿאַרטראַכטונג, וואָס איז געווען ביטער ווי גאַל. לייענענדיק די מאמרים, וואָס זענען געווען אים געווידמעט, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער לייענט אַ הספּד נאָך זיך אַליין. די זעלבע פֿאַרביטערטקייט האָט ער דערפֿילט מיט אַ צייט צוריק, ווען ער איז אין אַ געוויסן טאָג אַריינגעשטיגן אין אויטאָבוס, און עמיץ האָט זיך פֿאַר אים אויפֿגעהויבן און פֿאַרגעלייגט אים זיין פּלאַץ צו זיצן.

ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר דעם געדאַנק, אַז ער איז שוין אַ בן ששים — אַ סך מענטשן שטאַרבן אין דאָזיקן עלטער. און די גאַנצע וועלט, די גאַנצע ערד איז איין גרויסער בית־עולם, מיר באַוועגן זיך אויף קבֿרים — אַרכעאָלאָגן ווייסן עפּעס וועגן דעם — מיר טרעטן אויף קבֿרים, מיר לאַכן אויף קבֿרים און עס אַרט אונדז גאָר נישט, מיר טראַכטן אַפֿילו נישט וועגן דעם. און אין אַ געוויסן טאָג אָדער אין אַ געוויסער נאַכט נעמען מיר און מיר לייגן זיך אַוועק און מיר שטאַרבן — אין דער סאַמע מיט פֿון דער אַרבעט, עפּעס האָבן מיר נאָך געוואָלט אויפֿטאָן, אָבער מיר האָבן שוין נישט באַוויזן, ס'האָט אויסגעפֿעלט טעג. גייען מיר אַוועק, מיר שיידן זיך אָפּ, עמיץ האָט דערפֿון אַן עגמת־נפֿש, עמיץ וויינט, עמיץ באַמיט זיך צו מאַסקירן זיין צופֿרידנקייט, און מיר — דער בר־מינן — לאָזן איבער

אונדזערע פּליכטן און אונדזערע עולן, אונדזערע חובות און אונדזערע נישט מקוים געוואָרענע טרוימען. אונטערן בעט בלייבן פּאַריתומט די אויסגע־טראָטענע לאַטשן, מאָדערנע מעבל אין צימער אָדער מעבל אַלטמאָדישע, צו וועלכע דער פאַרשטאָרבענער איז געווען צוגעוווינט און צוגעבונדן, טאַפּעצירעשע שטולן, אויסגעריבענע — מען וועט זיי קענען אָוועקשענקען וועלכן נייעם עולה פון גרוזיע; נאָר די ביכער — די ביכער וועט נישט זיין וועמען אָוועקצושענקען, ווייל זייער איינבאַנד איז אַן אַלטמאָדישער און באַשיידענער, ווער דאַרף היינט אַזעלכע ביכער?

אין צימער איז געווען קאַלט. דער שרייבער איז געלעגן אונטער אַ וואַטענער אַלטער קאָלדרע, גוט איז אים געווען, ער האָט אויף אַ באַנאַלן אופן פעסטגעשטעלט, אַז עס איז אים גוט אויפן דאָזיקן סקריפּענדיקן געלעגער אין דעם איינזאַמען צימער, אין דער איינזאַמער וווינונג, דאָס גאַנצע לייב זיינס האָט געפילט דעם זיסן פאַרגעניגן פון שטילקייט און פון אָפּרו: דאָס קען מען דערשאַצן, אויב מען פילט נאָך אין די ביינער די מידקייט, וואָס האָט זיך אין זיי אָנגעזאַמלט אין ווייטן עבר, דער עבר איז פאַרביי און די מידקייט איז פאַרבליבן. ער ליגט אויפן אייגענעם געלעגער, אויפן אייגענעם בעט, און קיינער קען אים נישט שטערן — אויך דאָס דאַרף מען דערשאַצן, אַמאָל איז ער געשלאָפן אין אַ תפיסה־קאַמער, אין איין בעט מיט אַן אַלטן אוקראַינישן פויער, וועלכער האָט געהרגעט אַ מיליציאַנט, איינער איז געלעגן מיטן קאָפּ אַהער און דער צווייטער מיטן קאָפּ אַהין, דער אַלטער מערדער האָט געהאַט פיס ווי בלאָטע שוואַרצע, פלעגט ער תמיד פילן די דאָזיקע פיס ביי דער נאָז, טייל מאָל פלעגט אים דער אוקראַי־נער (מסתמא אומווילִיק) אַריינשטופּן די שוואַרצע פינגער אין מויל אַריין, דאָס איז געווען אַמאָל, דעמלט פלעגט מען אים יעדע האַלבע שעה וועקן און אַרויספירן צום אויספאַרשער. היינט וועט ער ליגן אַזוי לאַנג ווי ער וועט וועלן, אַ גאַנצע נאַכט, אָדער אַ גאַנצן טאָג, אָדער אַ גאַנצע וואָך, ביז —

אין צימער איז געווען טונקל, צום פרימאָרגן איז נאָך געווען ווייט. דאָך האָט ער זיך מיישב געווען און איז אויפגעשטאַנען. ער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אויך דאָס קליינע לעמפּל אויפן שרייב־טיש, ער האָט צוגע־זשמורעט די וויעס, ווייל דאָס ליכט האָט שטאַרק געשלאָגן אין די אויגן. ער האָט זיך צעלאַכט: ס׳האָבן זיך אים דערמאָנט די לעצטע ווערטער פון

גוססדיקן י. וו. געטהעס: „ליכט... מער ליכט!" — און אויך אים דאָ האָט זיך פאַרגלוסט אַ סך ליכט.

ער האָט אָנגעטאָן דעם אַלטן שלאָפראָק (תמיד האָט ער ליב געהאַט אַרומצוגיין אין אַלטע מלבושים, פאַר נייע קליידער האָט ער זיך געווערט ווי פאַר נייע מענטשן, ווי פאַר פרעמדע מענטשן, ער האָט תמיד געהאַט אַ ווידערווילן, אַן אומצוטרוי צו נייע שיך אָדער צו אַ ניי מעבל אין דער וווינונג) און גענומען מיט דריבנע טריט שפּאַצירן אין דער לענג און אין דער ברייט פון צימער. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער אַלטמאָדישער גרויסער שאַפע מיט ביכער. גוטע ביכער זענען עס געווען, קיין אַנדערע האָט ער נישט געזאַמלט, ער האָט תמיד פיינט געהאַט שלעכטע ליטעראַטור און האָט געטראָגן אין זיך אַ געוואַלדיקע שׂנאה צו שלעכטע מחברים — אָבער די דאָזיקע ביכער דאָ, זענען יאָ געווען גוטע, ווי גוטע געטרייע פריינד, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, מען קען אין מיטן פון דער נאַכט אַוועקזעצן זיך מיט אַזאַ פריינד און אויפסניי דורכלעבן זיינע געדאַנקען, זיין אינהאַלט.

אויף אַ באַזונדערער פּאָליצע זענען געשטאַנען זיינע אייגענע ווערק: ראָמאַנען, נאָוועלן, דראַמעס. ער האָט קיין מאָל נישט געוווּסט גענוי, ער האָט קיין מאָל נישט געדענקט וויפל ביכער ער האָט אָנגעשריבן, ער האָט עס אפשר נישט געוואָלט וויסן, ווייל ער האָט מסתמא פאַרשטאַנען, אַז נישט די צאָל איז וויכטיק. און ער פלעגט נישט קענען געפינען קיין תשובה, ווען מען האָט ביי אים געפרעגט, וויאַזוי איז דאָס מעגלעך: אַ שריפטשטע־לער זאָל נישט וויסן וויפל ווערק ער האָט געשאַפן? האָט ער איין מאָל אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט, אויף אַ ליטעראַרישער באַגעגעניש מיט אַ גרויסן עולם לייענער געפּרוווט ענטפערן מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע: מוז דען יעדער שניידער געדענקען וויפל פאַר הויזן ער האָט אין זיין לעבן אויפ־געניית? אָבער דער דאָזיקער פאַרגלייך איז דעמלט נישט געפאַלן זיינע קאָלעגן און אויך נישט דעם פרעגנדיקן, וועלכער אזי דאַכט זיך, צופעליק טאַקע געווען אַ שניידער.

ער האָט גענומען אין דער האַנט אַריין איינס פון זיינע פריע ביכער און אָנגעהויבן בלעטערן און דערקענען ווערטער, ווערטער, זאַצן און גע־דאַנקען, וואָס ער האָט זיי אַמאָל געשאַפן מיט אַזוי פיל מי און מיט אַזוי פיל

פרייד — פון געוויסע באַגריפֿן איז ער נאָך היינט געווען צופרידן, און האָט זיך איצט געחידושט: האָב איך עס טאַקע אַליין אָנגעשריבן? וויאַזוי איז דאָס געשען, וויאַזוי איז דאָס געווען מעגלעך, וויאַזוי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן, אַז אין זיין פאַרבלאָז און באַשיידן לעבן, אין זיין טאָג־טעגלעכער איינזאַמקייט האָט ער באַוויזן צו דערגרייכן צו אַזעלכע ווייטע געביטן פון ליטעראַרישן דמיון?

פּלוצים האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף אַ זאַך, וואָס האָט זיך אים אויס־געוויזן אָנגעבלאָזן ווי אַ גומענער באַלאָן, פּאַטעטיש און נישט איבערצייגנ־דיק, נישט אמתדיק — ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס בוך, עס האָט אים אויפגעהערט צו געפעלן.

ער איז נישט קיין פילאָזאָף, ער איז נישט קיין קונסט־קריטיקער. ער ווייסט וויאַזוי צו שאַפן אַ ראָמאַן, וועלכער זאָל זיין ווי אַ בריק צווישן אים און צווישן עטלעכע טויזנט לייענער. טעאָרעטישע געדאַנקען וועגן דעם פּולן אָדער טיילווייזן אמת אין דער קונסט, פלעגט ער איבערלאָזן פאַר די ליטעראַטור־פאָרשער און קריטיקער. אָבער גראָד היינט, גראָד איצט אין מיטן פון דער דאָזיקער שלאָפלאָזער נאַכט, מאַטערט אים אַ גרויסער ספק. אַזוי פיל יאָרן האָט ער געשריבן ראָמאַנען וועגן זיין דור און וועגן די פריִערדיקע דורות, אַזוי פיל יאָרן איז ער געווען פאַרקוקט אין דעם ווייסן בויגן שרייב־פּאַפּיר און אין דעם שוואַרצן ראַנד פון דער שרייב־מאַשין, אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווען און אויף וועלכן אָרט עס האָבן זיך געביטן די וואַכן, ווען זיין אייגענער אַלטער דור האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר דעם נייעם דור, וועגן וועלכן ער ווייסט כמעט גאָרנישט; צו ווען געהערט היינט די וועלט? ווען האָט זי זיך געענדערט? אפשר איז דאָס געשען דעם ערשטן סעפּטעמבער 1939, אָדער עטוואָס שפּעטער, דעמלט ווען מען האָט דעם ערשטן מענטשן פאַרברענט אין אָשוויענטשים, אָדער אין 1945, ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט און די מענטשהייט האָט זיך גענומען צוגרייטן אַ נייע, טערמאָדינאַמישע מלחמה, און אפשר אין יענעם טאָג, ווען מען האָט אָנגעהויבן שפּילן י. ס. באַכס מוזיק אין ריטם פון דזשאַז? אין דער דאָזיקער נייער וועלט, וואָס מען ווייסט נישט געווי איר געבוירן־טאָג — וווהין פירט די קונסט? די ליטעראַטור? וווהין דאַרף זי פירן? וואָס דאַרף זי אויפטאָן? וואָס קען זי אויפטאָן? און אויב זי קען יאָ עפּעס אויפ־

טאָן, טאָ וואָס האָט זי ביז היינט אויפגעטאָן? ווען, וואָס און ווען האָט זי געענדערט? ווען האָט זי געהאָלפן אויסמיידן דעם טויט פון דעם מערדערס האַנט?

עס איז אים געוואָרן שווער און אומעטיק. ער האָט באַשלאָסן מאָרגן גאַנץ פרי אָנצוקלינגען צו איינעם אַ באַקאַנטן קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער, פאַרבעטן אים אויף אַ גלעזל וויין און הערן פון זיין מויל עטלעכע טרואיזמען, אַז עס האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין דער וועלט פון שיינע ביכער, אַז תמיד זענען פאַראַן מענטשן, וואָס וואַרטן אויף אַ בוך, אויף אַ קונסט־ווערק ווי אויף אַ שלונג וואַסער — זאָל דער קריטיקער אים פאַר־זיכערן, אַז כאָטש די וועלט איז פול משוגעת, אַז כאָטש די מענטשהייט טאַנצט אויף אַ דינעם דראָט, וועלכער הענגט איבער דעם ערד־קיילעך, איז דאָך נישט פאַראַן קיין סיבה צו צווייפלען אין אַ גוט בוך, אין אַ שיין און קלוג וואָרט, און בכלל אין דער ווירקזאַמקייט פון הומאַנער קונסט — און וועלכע גוטע קונסט איז נישט הומאַן?

ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַוועקגערוקט דאָס פירהענגל — ס׳איז נאָך אַלץ געווען נאַכט, ס׳האָט גערעגנט, און מאָרגן וועט מסתמא אויך רעגענען און דער הימל וועט ווידער זיין פאַרצויגן מיט כמאַרעס, און ער וועט זיך ווידער מאַטערן און נישט קענען אָנשרייבן קיין וואָרט, ווייל דעמלט ווען עס שיינט נישט די זון, דעמלט ווען די וועלט איז טריב, דעמלט קען ער נישט שרייבן, און דעמלט קען ער אַפילו נישט לייענען דאָס וואָס אַנדערע האָבן אָנגעשריבן, ער קען זיך דעמלט קיין אָרט נישט געפינען. טייל מאָל פרווט ער שרייבן ביי נאַכט, און איצט איז טאַקע נאַכט, אָבער זיין קאָפּ איז איצט ליידיק, זיינע געדאַנקען כאַאָטיש און איבערפלעפלעכלעך, ער וועט היינט ווידער גאָרנישט אויפטאָן, ער וועט היינט ליידן, ווייל ליידן קאָן מען ביי יעדן וועטער, דעמלט ווען עס שיינט די זון, און דעמלט ווען עס רעגנט און שנייט.

אָדער: ער וועט זיצן ביים טעלעפאָן און ער וועט וועלן צו עמיצן אָנקלינגען, ווייל כאָטש ער איז צוגעוווינט צו זיין איינזאַמקייט, בענקט ער דאָך אַ ביסעלע צו מענטשן, צום קלאַנג פון אַ מענטשלעכער שטימע. ער וועט בלעטערן דאָס טעלעפאָן־בוך, אין וועלכן עס זענען פאַראַן טויזנטער נעמען, ער וועט אָבער צו קיינעם נישט אָנקלינגען, ווייל ער ווייסט, אַז

קיינער וואַרט נישט אויף זיין טעלעפאָן, קיינער בענקט נישט צו אים, בפרט איצט, אין מיטן דער נאַכט.

ער לייגט אַוועק דאָס בוך מיט טויזנט נעמען און ער טראַכט וועגן אַן אוניווערסאַלער רשימה פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט. ווייל אַלע מענטשן זענען דאָך ערגעצוו פאַרשריבן: אין פּאָליציי־אַמטן, אין שטייער־אַמטן, אין ציווילע אַמטן. ביי יעדן נאָמען אַ נומערל, אַ קורצע לעבנס־געשיכטע, אַ כאַראַקטעריסטיק פון זיין מאָראַלן אָדער נישט מאָראַלן אויפפירן זיך, נאָטיצן וועגן פּאָליטישע איבערצייגונגען, פינגער־אָפּדרוקן, צוויי פאָטאָגראַפיעלעך אין נאַטירלעכע קאָלירן, איינע אַן־פאַ און די צווייטע פון פּראָפיל, אפשר אויך אַ מאַגנעטאָפאָנישע לענטע מיט דעם פּאַראייביקטן קלאַנג פון דער שטימע.

מען זאָגט, אַז געלערנטע ספּעציאַליסטן פון דעמאָגראַפישע ענינים קאָנען אויסחשבונען וויפל מענטשן עס האָבן געלעבט אויף אונדזער ערד־קיילעך זינט אָדם הראשון. אַזאַ חשבון וואָלט מסתמא געווען זייער אינטערעסאַנט — מיר וואָלטן געוווּסט, ווי גרויס עס איז געווען אונדזער משפחה. די ציפערן וואָלטן געקאָנט זיין פאַנאַנדערגעטיילט: אַזויפיל און אַזויפיל מענטשן האָט מען פאַרברענט אויפן שייטער ווייל זיי זענען געווען כישוף־מאַכערס, אָדער ווייל זיי האָבן געמאַכט כישוף נישט אַזוי ווי מען האָט געדאַרפט. אַזויפיל און אַזויפיל האָט מען פאַרשטיינערט אָדער אויפגעהאַנגען, ווייל זיי האָבן צו פיל געוווּסט. אַזויפיל און אַזויפיל האָט מען דערשאָסן, ווייל זיי האָבן געפּרוּווט דערווייזן, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיר און נישט פינף. אָדער דערפאַר, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז דער קעניג איז נאַקעט. און אַזויפיל און אַזויפיל זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווייל דאָס לעבן איז זיי נימאס געוואָרן, זייערע נערוון האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן דעם דרוק פון דער ווירקלעכקייט.

ער האָט געעפנט די טיר פון צווייטן צימער, אויך דאָרט האָט ער אָנגעצונדן ליכט. איצט האָט ער שפּאַצירט פון איין צימער אין צווייטן, אויסמיידנדיק די אַלטע טונקעלע מעבל — ווי אַ שיף, וואָס באַוועגט זיך צווישן פעלדזן.

זייט פיל טעג האָט ער נישט גענומען די פען אין דער האַנט אַריין. אויף דעם שרייב־טיש איז שוין געלעגן אַ דיקער שטויב. היינט האָט ער

שוין געצווייפלט, צי ער וועט נאָך בכלל אַמאָל פעיק זיין צו אַ שעפעריש גוט שרייבן. אַפילו קיין בריוו האָט ער שוין לאַנג צו קיינעם נישט געשריבן. אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער זאַך. קיין בריוו האָט ער קיין מאָל נישט ליב געהאַט — תמיד האָט אים געאַרט דער אויסגעטאָקטער און אויף אַן איבערגעטריבענער אַרט העפלעכער און אַזוי אָפט פאַלשער קאָמפּלעמענט, וועלכער איז אַנגענומען אין דער קאָנווענציאָנעלער קאָרעספּאָנדענץ. ער האָט פיינט געהאַט יעדע סיטואַציע, אין וועלכער דער מענטש איז געצווונגען צו שפּילן טעאַטער מיט די אייגענע געפילן. ער האָט געשאַצט די אייגענע אומאָפּהענגיקייט און געשוינט די אומאָפּהענגיקייט פון אַנדערע מענטשן. אפשר דערפאַר טאַקע איז ער פאַרבליבן אַן אַלטער בחור, וועלכער איז פיל מאָל געווען פאַרליבט און געליבט, פיל מאָל האָט מען אים פאַראַטן, און אויך ער אַליין האָט אַ סך מאָל געענדערט דעם אָביעקט פון זיינע געפילן, אַן אומרו און טייל מאָל די נייגעריקייט האָט אים געטריבן פון איין פרוי צו דער צווייטער. אָבער דאָס איז געווען מיט פיל יאָרן צוריק, ער איז נאָך דעמלט געווען געגוג יונג, ער האָט נאָך דעמלט געגלויבט, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועט ער באַגעגענען דעם אידעאַלן טיפּ, דעם אידעאַלן מוסטער פון אַ פרוי, וואָס אין דער היעראַרכיע פון באַשעפענישן וועט זי פאַרנעמען אַן אָרט ערגעץ אינמיטן צווישן אַ בשׂר ודם און אַ מלאך. פלעגט ער זיך פיל מאָל ברענען אין פייער פון די אייגענע ליידנשאַפטן און יעדעס מאָל פלעגט עס זיין אַן אמתדיק גהינום, אָדער אַן אמתדיק גן־עדן, אַן ערד־ציטערניש אָדער אַ שׂריפה. איינמאָל האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז ער האָט פאַרגעסן דעם נאָמען פון אַ פרוי, וועלכע ער האָט מיט אַ צייט צוריק געליבט און מיט וועלכער ער איז געווען גליקלעך. ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דער דאָזיקער פאַרגעסלעכקייט: וויאַזוי האָט דאָס געקאָנט געשען, וויאַזוי האָט ער געקאָנט פאַרגעסן? דערנאָך האָט ער זיך באַרויִקט: סוף־כל־סוף האָט עס שוין היינט נישט קיין גרעסערן ווערט, דאָס דאָזיקע געפיל; דעמלט איז עס געווען פייער, היינט איז עס אַש.

ער האָט געעפנט דאָס שענקל, אַרויסגענומען אַ פלעשל בראָנפן, געעפנט דעם קאָריק, צוגעטראָגן עס צו דער נאָז, ער האָט זייער געוואָלט כאַפּן אַ טרונק, אפשר וואָלט דאָס אויף אים גוט געווירקט. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צוטרוי צו זיך. ער האָט געוווסט, אַז טאָמער פאַרזוכט ער

פון פלעשל איין טרונק, וועט ער שוין נישט אויפהערן, ער וועט טרינקען און טרינקען, ביז ער וועט פאַלן פון די פיס. און וואָס מערער ער וועט טרינקען, אַלץ שטאַרקער וועט אים נאָגן דער אומעט. איינמאָל האָט ער אויסגעטרונקען עטלעכע כּוסות און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע געדאַנקען זענען פּלוצים לויטער געוואָרן, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיינע מחשבות זענען איצט באַפליגלט, דערהויבן און באַגייסטערט. ער האָט זיך שנעל אַוועקגעזעצט צום שרייבן און געאַרבעט אַ גאַנצע נאַכט. צומאָרגנס, ווען ער איז שוין געווען ניכטער, האָט ער גענומען לייענען דאָס פריש אָנגעשריבענע, און ער איז געוואָרן דערשראָקן און דערשלאָגן. ער האָט געציטערט פון אויפרעגונג — דאָס גאַנצע שיכּורע שרייבעכץ האָט נישט געהאַט קיין הענט און פיס. אַ פאַרשעמטער, האָט ער פאַרברענט די בלעט־לעך און זיינע מחשבות זענען יענעם טאָג געווען שוואַרץ און שווער.

איצט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צוגערוקט צו זיך עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און גענומען גלעטן זיי, כּמעט מיט געפיל, כּמעט מיט ליבע. דערנאָך האָט ער אָנגענומען די פּען, געוואויגן זי אַ ווײַלע אין דער האַנט, באַטראַכט זי מיט צוגעבונדנקייט, אַזוי ווי אַ האָלצהעקער באַטראַכט זיין האַק. און ער האָט זיך פאַרטראַכט איבער דער פּאָטענציעלער נוצלעכ־קייט פון אַזעלכע זאַכן ווי אַ פּען מיט אַ בויגן פּאַפּיר. אויסטערלישע זאַכן קאָן מען אויפטאָן מיט אַזאַ פּען. אויף אַזאַ בויגן פּאַפּיר קען מען מיט איר אויסשרייבן אַ טויט־אורטייל אויף אַ מערדער, אָדער אויף אַן אומשולדיקן מענטש. אָדער מען שרייבט אונטער אַ פּאָליטיש־מיליטערישן באַפעל וועגן אַ מלחמה — אויך דאָס איז אַ טויט־אורטייל, שוין נישט אויף איין מענטש, נאָר אויף מיליאָנען מענטשן. מיט אַזאַ פּען און אויף אַזאַ בויגן פּאַפּיר קאָן מען אויך שאַפן לירישע סאָנעטן, אָדער אַ קאַפּיטל פון אַ ראָמאַן וועגן ליבע און וועגן גליק און וועגן אַנדערע גוטע זאַכן.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און שווער געאָטעמט: ער האָט פאַרגע־פילט די מינוט, ווען ער וועט גובר זיין די שוואַכקייט און אָננעמען דעם טיוול ביי די הערנער. די אַרבעט וועט אים ווידער ברענען אין די הענט, אָ — אין אַזאַ מינוט ווייסט מען צוליב וואָס מען לעבט. ער וועט ווידער אַרבעטן, ער וועט נאָך נישט איין בוך שאַפן, די שכינה וועט ווידער שוועבן איבער זיין שרייב־טיש. אָבער ווען? ווען וועט עס געשען? אפשר היינט?

אינדרויסן איז נאָך אַלץ געווען טונקל, אָבער די שטאָט האָט זיך שוין געגרייט צום טאָג. אין הויז אַנטקעגנאיבער איז שוין אין עטלעכע ווױנונגען געווען ליכטיק. דורך איינעם פון די פענצטער האָט ער געזען אַ פרוי ביים שפּיגל — יעדן פאַרטאָג פלעגט ער זי באַטראַכטן, ער האָט שוין אַפילו געוווּסט דעם סדר פון אירע געוויינלעכע טאָג־טעגלעכע באַוועגונגען. אַ האַלב נאַקעטע צינדט זי צוערשט אָן דעם פּאַפּיראָס, איצט נעמט זי זיך צום קאַמען, באַלד וועט זי מאַכן ליכט אין וואַש־צימער, זי קומט פון דאָרט אַרויס איינגעהילט אין אַ באַד־האַנטעך, דערנאָך טרינקט זי קאַווע, ער פלעגט נאָך אירע באַוועגונגען, זי שטייט ביי דער אָפענער שאַפע, מסתמא טראַכט זי איצט וואָס פאַר אַ קלייד היינט אָנצוטאָן, דערנאָך... ער האָט זיך פאַרשעמט און גענומען לאַכן — דאָס לאַכט ער אויס זיין אייגענע עלטער און זיין אייגענע מענערישע נייגעריקייט צו דער אומבאַקאַנטער שכנטע. אין פינף מינוט אַרום וועט זי אויסלעשן דאָס ליכט און גיין צו דער אַרבעט. דעמלט וועט דער זייגער אויסשלאָגן זעקס מאָל — זעקס אַ זייגער אינדערפרי.

דעמלט וועט ער זיך ווידער אַוועקזעצן ביים טיש און ווידער וועט ער פּרוּוון צו פאַרנעמען זיך מיט זיין ניי בוך, מיט זיינע אויסגעטראַכטע העלדן, וועלכע קומען אים צו חלום יעדע נאַכט, אין יעדן דרימל. און ער וועט באַדויערן, וואָס עס איז נישטאָ אויף דער וועלט קיין שדים, ביי וועלכע מען קען פאַרקויפן אָדער פאַרזעצן די נשמה פאַר אַ יאָר שעפעריש לעבן, אָדער כאָטשבי פאַר איין לאַנגן און פּרוכטבאַרן טאָג, אין וועלכן אַ שריפט־שטעלער זאָל קענען שאַפן זיין גרויס ווערק.

הויכע בערג

ער איז געגאַנגען אויף דרום, אין דער ריכטונג פון די הויכע בערג, וועלכע פלעגן זיך באַווייזן גאַנץ פרי נאָך פאַר דעם זון־אויפגאַנג, און פלעגן נעלם ווערן אין אָוונטיקן נעפל.

ער איז געגאַנגען און געגאַנגען און די בערג האָבן זיך אַלץ דער־ווייטערט, אַנטלאָפן זענען זיי פאַר אים. און כאָטש ער איז שוין געווען אונטערוועגנס פיל טעג און נעכט, האָט זיך אים דער וועג נישט אויסגעוויזן שווער, ער האָט זיך נישט געלאַנגווייליקט און ער איז נישט געווען מיד.

עס פלעגן אים באַגלייטן ווייסע וואָלקנדלעך ווי זעגלען ווייסע, ער האָט געהערט דעם זיסן געזאַנג פון די פעלד־פייגעלעך, און עס איז אים געווען פריילעך. ער האָט באַוווּנדערט דעם וואַלד, די ערד, דעם הימל — און ער איז געווען גליקלעך.

אָבער נישט תמיד איז אַזוי געווען. טייל מאָל פלעגט רעגענען, טייל מאָל פלעגט זיך די לאַנדשאַפט אַרומוויקלען מיט אַ פאַרהאַנג פון אומעטיקן גרויען נעפל. דעמלט זענען די אויגן פון וואַנדערער געווען מרה־שחורהדיק.

דורך פיל טעג האָט ער נישט באַגעגנט קיין שום מענטשן. אָבער אין אַ געוויסן אָוונט האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג אַ ווילדער פאַרשוין אין אַן אָפּגעריסענעם מונדיר — עס האָט געקאָנט זיין אַ מונדיר פון אַ פייער־לעשער, אָדער אפשר פון אַ זשאַנדאַרם פון קיסר פראַנץ יוספס צייטן. זיין פנים איז געווען אָפּגענוצט און אָפּגעריבן ווי אַ שטיק רעטעך, די באַקן זענען געווען גרין ווי אַ פעטרישקע, און איינגעפאַלן, ווייל ער האָט שוין נישט געהאַט קיין ציין. איין אויג איז ביי אים געווען פאַרבונדן מיט אַ שוואַרץ שטיקל לייוונט צי לעדער, און מיטן צווייטן אויג האָט ער געקוקט אויף כעלעם. ליפּן האָט ער געהאַט דינע, אַכזריותדיקע. ער איז געווען

שמוציק און פּאַרוואַקסן — זיין לאַנגע גרויע באָרד האָט ביי אים געגרייכט ביז צו די קניען.

ער איז געשטאַנען אינמיטן וועג און געהאַלטן אין דער האַנט אַ פּיסטויל גרייט צום שיסן. צוערשט האָט ער זיך אָבער פאַרגעשטעלט און דערקלערט, אַז ער איז אַ מערדער. אַמאָל, מיט פיל יאָרן צוריק, אין דער צייט פון גרויסע שׂרפות, איז ער געווען אַ פייערלעשער, און שפּעטער האָט ער גע־דינט ביים אומפאַרגעסלעכן קיסר פראַנץ יוסף דעם ערשטן ע״ה. שפּעטער האָט ער זיך באַליידיקט אויף דער וועלט און איז געוואָרן אַ רויבער. ער באַפאַלט אומברחמנותדיק אויף רייזנדיקע מענטשן, ער רויבט און מאָרדעט.

דער איינזאַמער וואַנדערער האָט געפרעגט, צי דער רויבער האָט פּרנסה, ווייל דער דאָזיקער וועג איז דאָך פאַרוואַקסן מיט ווילדע קרייטעכצער און דאָס זאָגט עדות, אַז מענטשן באַווייזן זיך דאָ זעלטן. דערויף האָט דער מענטש אין צעריסענעם מונדיר שווער אָפּגעזיפצט און זיין פּרצוף איז געוואָרן נאָך ווילדער און נאָך גרויזאַמער ווי ביז איצט.

דער וואַנדערער האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַן אָפּגעהאַקטן און פאַר־פוילטן שטאַם פון אַ בוים. דער געוועזענער פייערלעשער און דעם קיסרס משרת האָט אים גענומען באַטראַכטן מיט גרויס אינטערעס, און וואָס לענגער ער האָט אים באַטראַכט, אַלץ מער פריינדשאַפט האָט זיך געוועקט אין זיין מערדעריש האַרץ.

— אַזאַ ווילער מענטש — האָט ער געטראַכט מיט רחמנות — אַזאַ ווילן מענטש איז אַ שאָד צו הרגענען.

און ער האָט באַשלאָסן צוערשט צו כאַפּן מיט אים אַ שמועס, אַראָפּ־צורעדן זיך פון האַרצן און צו דערציילן דעם וואַנדערער וועגן דעם אייגע־נעם עבר און וועגן דעם אייגענעם נישט לייכטן לעבן און אויך וועגן דעם פאַרשאָלטענעם שווערן באַרוף פון אַ רויבער. און ערשט שפּעטער, ווען עס וועט אים שוין זיין לייכטער אויפן געמיט, וועט ער אים הרגענען בכדי צוצונעמען זיין פאַרמעגן.

און ער האָט גענומען דערציילן, ווי מיט יאָרן צוריק, בשעת ער איז איינמאָל געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט ער זיך דערלויבט אַ בליק צו טאָן דורך די שפּאַרונעס, ווייל אים איז זייער אינטערעסאַנט געווען צו וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין דעם קיסרס שלאָפצימער.

דאָס וואָס ער האָט דעמלט דערזען, האָט אים אויף אייביק באַפרייט פון כבוד צום הערשער. צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט ער זיך אויסגעוויילט די פּראָפעסיע פון פאַרברעכער.

די צייטן זענען דעמלט געווען שווערע — ס׳איז גראָד געווען אַ טריקעניש אין לאַנד, אַ הונגער, בהמות זענען געפאַלן ווי פליגן, און שווערע חולאתן האָבן אומגעבראַכט טויזנטער מענטשן. אויף אַלע וועגן האָבן זיך געמערט רויבער. זייער צאָל איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, ס׳איז געווען מער רויבער, ווי מענטשן צום באַרויבן. ס׳איז געווען ענג. פלעגן זיך די וואַלד־באַנדיטן אויסראָטן און אומברענגען איינער דעם צווייטן, בכדי צו דערפירן זייער צאָל צו אַ נאָרמאַלן צושטאַנד. אַזוי האָט דערציילט דער רויבער, וועלכער האָט באַפאַלן אונדזער אומשולדיקן וואַנדערער.

דער באַפאַלענער מענטש האָט געפרעגט וויפל קרבנות דער געוועזענער פּייערלעשער האָט שוין אויף זיין געוויסן. די תשובה איז נישט געווען גאַנץ קלאָר. דער רויבער האָט באַשיידן געענטפערט, אַז עס איז אים שווער צו זאָגן גענוי, ווייל זינט פיל יאָרן איז שוין קיינער נישט געגאַנגען מיטן דאָזיקן וועג, עס איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט שוין פיל מענטשן געהרגעט, ווייל ער פילט אַ מאָדנע שווערקייט אויפן האַרץ. איבע־ריקנס: מעגלעך, אַז ער האָט ערשט געהאַט בדעה צו הרגענען. מעגלעך, אַז ער האָט ערשט באַשלאָסן, אָבער מיר ווייסן, אַז אַ שלעכטער באַשלוס איז שוין אַ האַלב פאַרברעכן. יעדנפאַלס — האָט דער רויבער דערקלערט — וויל ער צוערשט פאַרלאַנגען, דער וואַנדערער זאָל אים צוערשט אָפּגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן, דאָס גאַנצע גאָלד און געלט, און דערנאָך וועט מען זען וואָס צו טאָן.

דער באַפאַלענער מענטש האָט רויִק געענטפערט, אַז ער איז אָרעם ווי די נאַכט. ער פאַרמאָגט נישט קיין געלט און פאַרמאָגט נישט קיין גאָלד. ער פאַרמאָגט בלויז דאָס לעבן. און נאָך האָט ער דעם מערדער אויפגעע־קלערט, אַז מיט דעם לעבן, וואָס מען נעמט עמיצן צו, קאָן מען נישט פאַרלענגערן דאָס אייגענע לעבן אַפילו אויף איין טאָג, אַפילו אויף איין מינוט. דאָס צוגענומענע לעבן ברענגט נישט קיין שום נוצן דעם מערדער.

דער רויבער האָט אויסגעהאָרכט און ער איז געווען אין אַ גרויס פאַר־לעגנהייט. ער האָט געטראַכט און געטראַכט און צום סוף האָט ער זיך מיישב

געווען און געזאָגט, אַז אויב עס איז טאַקע אַזוי, טאָ שענקט ער דעם וואַנדערער דאָס לעבן.

דער מענטש, וואָס האָט געוואָלט דערגרייכן צו די הויכע בערג, האָט אים שיין געדאַנקט פאַר זיין גוט האַרץ און האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז פאַרשיידענע מענטשן האָבן אים שוין פיל מאָל איינגערעדט, אַז זיי שענקען אים דאָס לעבן. דאָך איז עס נישט וואָר. ווייל וואָלט עס געווען וואָר, וואָלט ער שוין היינט געהאַט אַ סך לעבנס, אָבער ער האָט נאָר איין איינציק לעבן, וואָס זיין פאָטער און זיין מוטער האָבן אים געשענקט.

זיי האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט און דער וואַנדערער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די הויכע בערג, איינגעהילטע אין געדיכטן נעפּל, זענען נאָך אַלץ געווען זייער ווייט.

ער איז געגאַנגען און נישט אומגעקוקט זיך אויף צוריק. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט אויפן ווייכן גראָז און איז איינגעשלאָפן.

דער פרימאָרגן האָט אים אויפגעוועקט מיטן געזאַנג פון די פייגל. ער האָט באַנעצט די ליפן מיט עטלעכע טראָפּנס טוי, דערנאָך האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ קוועלכל, האָט ער געטרונקען וואַסער און געלאָשן דעם דורשט. דעם הונגער האָט ער געשטילט מיט ווילדע יאַגדעס און ס׳איז אים געווען גוט.

ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך, האָט ער דערזען אַ זקנה, וועלכע איז געזעסן און געדרימלט אָנגעשפּאַרט אונטער אַ בוים. ער איז צו איר צוגעגאַנגען און האָט זי פריינדלעך באַגריסט. זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און זיך זייער מיט אים דערפריייט.

— ווער ביסטו? — האָט ער געפרעגט — ווער ביסטו, איינזאַמע מוטער, אָנגעשפּאַרטע אין אַ שטאַם פון אַ בוים.

די אַלטיטשקע האָט געזאָגט, אַז מיט פיל יאָרן צוריק איז זי געווען אַ גאַסנמויד, זי האָט פאַרקויפט איר לייַב, זי איז געזעסן ביים וועג און האָט געוואַרט אויף יונגע מענער, וועלכע האָבן געאיילט צו די הויכע בערג. זי פלעגט זיי אָנרעדן צום שלעכטן, זי פלעגט זיי איבערצייגן, אַז יצר־הרע און זינד זענען גוטע זאַכן, זי פלעגט זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז עס זענען בכלל נישט פאַראַן קיין שום הויכע בערג, צו די דאָזיקע בערג האָט נאָך

קיינער נישט דערגרייכט, די הויכע בערג זענען נישט מער ווי קליינע בערגעלעך, וועלכע עס האָט מיט פיל יאָרן צוריק אויסגעטראַכט אַ קראַנ־קער און שיכּורער דיכטער.

— אין די צייטן פון מיין יוגנט — האָט זי ווייטער דערציילט — זענען דאָ פאַרבייגעגאַנגען פיל בחורים. די וועלט איז דעמלט געווען אַן אַנדערע, מענטשן האָבן דעמלט געהאַט שטאַרקע הערצער און אײדעלע באַגערן. היינט איז דער דאָזיקער וועג פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז, קיינער זוכט שוין נישט קיין הויכע בערג, כ׳זיץ דאָ גאַנץ אומנייטיק, די פיס זענען מיר שוין איינגעאַנצן פאַרשטאַרט געוואָרן, נישטאָ שוין וועמען צו פאַרפירן, נישטאָ שוין מיט וועמען צו זינדיקן, כ׳לעב דאָ ווי אַ הייליקע, נימאס ווערט מיר שוין דאָס לעבן, אָבער אויך שטאַרבן ווילט זיך נאָך נישט, וואָרט איך: אפשר וועט אין אַ געוויסן טאָג אַ יונגערמאַן זיך באַווייזן אין אַ זיידענער בעקעשע, ער וועט קומען און ער וועט מיך ליבן, און דעמלט... ערשט דעמלט וועל איך שטאַרבן.

און זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַן אויסטערלישן געלעכטער. דער וואַנ־דערער האָט געקוקט אויף איר הונדערטיעריק פּנים און אים איז געווען זייער אומעטיק. זי האָט עס באַמערקט און גענומען טרייסטן אים מיט אַזעלכע ווערטער:

— איך ווייס, אַז כ׳בין נישט די שענסטע פרוי אויף דער וועלט. אָבער איך גלויב, אַז איך בין נישט מיאוס. מיט יאָרן צוריק האָב איך געהאַט אַ קליין שפּיגעלע און האָב אין אים געזען מיין יונג געזיכט. אַ סך יונגע קרעפטיקע מענער פלעגן דעמלט דערציילן וועגן מיין שיינקייט. דערנאָך האָב איך דאָס דאָזיקע שפּיגעלע פאַרלוירן — ס׳איז געווען אין זעלבן טאָג, ווען כ׳בין געלעגן אין די אָרעמס פון איינעם אַ דיכטער, וועלכער האָט פאַר מיר פאַרפאַסט אַ סך סאָנעטן וועגן ליבע, לעבן און טויט. מעגלעך, אַז דאָס האָט ער מיר אַוועקגענומען דאָס שפּיגעלע, בכדי איך זאָל נישט צו פיל טראַכטן וועגן מיין שיינקייט. זינט יענעם טאָג האָב איך זיך יעדן אינדערפרי באַטראַכט אין טייכל, אָבער קיין מאָל האָב איך נישט געזען קיין שום ענדערונגען אין מיין געזיכט. היינט זע איך אויס פּונקט אַזוי ווי נעכטן. נעכטן האָב איך אויסגעזען פּונקט אַזוי ווי אייערנעכטן. מאָרגן וועל איך אויסזען אַזוי ווי היינט.

זי האָט געפּרוּווט אויפשטיין פון אָרט, אָבער זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז שיער נישט אומגעפאַלן. ער האָט איר געהאָלפן צוריק אַנידערזעצן זיך אונטערן בוים. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און שווער געאָטעמט. און געוויינט האָט זי שטיל, טרערן האָבן זיך געקייקלט אויף אירע אַלטע פאַרקנייטשטע באַקן.

ער האָט געקניט ביי די פיס פון דער אַלטער ציטערנדיקער פרוי און געקושט אירע דאַרע ביינערדיקע הענט, וואָס האָבן געשמעקט מיט וואַלדיקע שוואָמען. און ער האָט געפליסטערט ווערטער וועגן גרויסער אַלמענטש־לעכער ליבע, וועגן הויכע בערג — און ווען ער האָט דערנענטערט די ליפּן צו איר שטערן, איז פּלוצים איר הויט ווידער געוואָרן יונג און ראָזעווע. און אין אירע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פונקען פריילעכע און יונגע.

— נעם מיך אויף די הענט — האָט זי געבעטן — טראָג מיך צו די הויכע בערג, פון וואַנעט מע זעט די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן.

האָט ער זי גענומען אויף די הענט. זי איז געווען לייכט ווי אַ פאַר־טריקנטע בלום, אָבער — זי האָט שוין נישט געלעבט. ער האָט זי פאַרזיכ־טיק אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, צוגעמאַכט איר די אויגן, דערנאָך האָט ער אַרומגעבויט דאָס טויטע לייב מיט שטיינער און די שטיינער האָט ער צוגע־דעקט מיט ווילדע קווייטן. און ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ער איז ווידער געגאַנגען דורך דעם געדיכטן וואַלד, און לעבן אים האָט גערוישט דאָס געוויינלעכע וואַלד־לעבן. מוראַשקעס האָבן אַרבעטזאַם און איילנדיק באַוועגט זיך, אויספירנדיק זייער טאָג־טעגלעכע אַרבעט. ווילדע בינען האָבן געזשומעט און געטרונקען דעם האָניק פון די בלומען־בעכערס. פייגל האָבן געזונגען אָדער גערופן איינער דעם צווייטן און דערציילט מעשיות אויף זייער פויגל־לשון. גרילן האָבן געשפּילט אויף זייערע קליי־נינקע פידעלעך.

פּלוצים האָט זיך פאַר אים באַוויזן אַ ברייטער נאַקעטער פּלאַץ, אויף וועלכן עס האָט זיך געזען אַן איינזאַמער קוימען, אַרום דעם קוימען זענען געוואַקסן שטעכעדיקע דערנער. עטוואָס ווייטער איז געשטאַנען אַ הילצער־נער וועגווייזער, דער פינגער פון וועגווייזער איז געווען געוואָנדן אַרויף, צום הימל. און אויך אַ שטיינערנער מאָנומענט איז דאָ געשטאַנען, אַ מאָנו־

מענט אָן אַ קאָפּ. דער וואַנדערער האָט נישט געוווּסט וועמענס מאָנומענט דאָס איז און ווו עס איז אַהינגעקומען דער קאָפּ.

עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ פאַרגעסענער שטאָט, ווו עס האָבן אַמאָל געלעבט מענטשן. וואָס איז מיט זיי געשען? זענען זיי אויסגעשטאָרבן אין אַ געוויסן טאָג אָדער אין אַ געוויסער נאַכט? זענען זיי געפאַלן אין קאַמף? זענען זיי אומגעקומען פון הונגער אין דער צייט פון טריקעניש? אָדער זענען זיי אַוועק אין דער ריכטונג פון די הויכע בערג?

אַזוי טראַכטנדיק איז דער וואַנדערער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון זיין אויסגעחלומטן ציל — צו די בערג וועלכע האָבן זיך אַלץ דערווייטערט פון אים.

— אין אַ געוויסן טאָג וועל איך זיי דערגרייכן — האָט ער געטראַכט — און אויב אַפילו נישט, אויב איך וועל קיין מאָל נישט דערגיין צום ציל, וועט דאָך מיין זיין און מיין פאַרבלייבן דער דאָזיקער וועג, די זון, דער שאָטן, דער טוי, די באַוועגונג, דער ריח פון וואַלד, דער ווינט און דער רעגן.

פון די דאָזיקע ווערטער זיינע איז צו דרינגען, אַז ער איז געווען אַ קלוגער מענטש. ווייל נאָר אַ חכם קאָן פאַרשטיין, אַז הונגער און דורשט זענען גרעסער פון זאַטקייט, אַז הערלעכער פון ליבע איז די בענקשאַפט, און אַז וויכטיקער פון די העכסטע בערג איז דער וועג צו זיי.

איז ער געגאַנגען און געגאַנגען און גענערט זיך מיט ווילדע יאַגדעס און מיט וואַסער פון קוואַל.

אין אַ געוויסן טאָג איז ער צוגעקומען צו אַן אַלטער קרעטשמע, וועלכע האָט געהאַט פיל פענצטער, און אַלע פענצטער זענען געווען צוגעמאַכט. די טיר איז אָבער געווען אָפן, איז ער אַריינגעקומען און אינעווייניק האָט ער דערזען אַן אַלטן מענטשן — מסתמא איז עס געווען דער קרעטשמער — מיט אַ בעזעמל אין דער האַנט. דער זקן האָט זיך געפּאָרעט לעבן די ליידיקע פעסער, אַראָפּגעקערט פון זיי דעם שטויב. די גאַנצע קרעטשמע איז געווען באַהאַנגען מיט שפּינוועבס.

דער אַלטער בעל־אַכסניה און דער אָנגעקומענער האָבן אָנגעהויבן צו רעדן, אָבער זייער שמועס האָט נישט געהאַט קיין שום זין, ווייל דער אַלטער איז געווען טויב ווי אַ געפּלאַצטער גלאָק.

— אַלץ מער אַרבעט — האָט געזאָגט דער קרעטשמער — אַלץ מער שטויב שיט זיך פון הימל, גאַנצע טעג און נעכט פרווו איך אַרויסקערן דעם דאָזיקן שטויב, אָבער וואָס מער איך אַרבעט, אַלץ מער שטויב שיט זיך אויף דער וועלט.

און דער אַלטער טויבער קרעטשמער האָט ברייט אויסגעצויגן די ציטערנדיקע אָרעמס, ווי ער וואָלט מיט זיי געפרווט אַרומצונעמען און צו באַשיצן אַלע לערע ביר־פעסלעך, אַלע בענקלעך, וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרגעסן צו וואָס זיי דינען, אַלע ביר־גלעזער, אין וועלכע ס׳זענען געלעגן טויטע פליגן, אַלע נאַפט־לעמפּלעך אונטערן באַלקן, אַלע טישן פאַרשטויבטע און פאַראיינזאַמטע.

— אַזויפיל מענטשן — האָט געזאָגט דער אַלטיטשקער, שמייכלענדיק צו זיינע זכרונות — אַזויפיל מענטשן היינט! זיי עסן און טרינקען, זאָל זיי וויל באַקומען, אין מיין אַכסניה איז שטענדיק לוסטיק, נישטאָ ביי מיר קיין הונגעריקע, נישטאָ קיין דורשטיקע...

אַ טוכלער גערוך פון שימל איז געהאָנגען אין דער לערער קרעטשמע. אַלץ איז דאָ געווען טויט. נאָר די שפינען האָבן אַרבעטזאַם און אָן אויפהער געוועבט זייערע ווונדערבאַרע צאַרטע נעצן. און אַן אומעט איז געלעגן אונטער די טישן, ביי וועלכע מען האָט אַמאָל געפראַוועט סעודות, אַן אומעט איז געהאָנגען אויף די ווענט, אַ געדיכטער, אַ קלעפּעדיקער, אַ גרויער ווי דאָס פּנים פון אַ בר־מנן.

דער אַלטער האָט געשמייכלט צו זיינע ווייטע דערמאָנונגען. ער האָט געלאַכט: לעבעדיקע שטאַרבן פון אַזאַ געלעכטער, טויטע שטייען אויף תחית־המתים פון אַזאַ לאַכן.

דער וואַנדערער האָט שווייגנדיק פאַרלאָזט די טויטע אויסטערלישע קרעטשמע און ווידער געלאָזט זיך אין וועג אַריין. איצט האָט ער ווידער אָנגעטראָפן אויף אַ וועג־ווייזער, דאָס מאָל איז דער פינגער פון וועג־ווייזער געווען געוואַנדן אַראָפּ, צו דער ערד. מעגלעך, אַז עס איז געווען אַ צופאַל, בייזע ווינטן האָבן עס מסתמא אויפגעטאָן אין אַ טונקעלער נאַכט.

דער וואַנדערער איז געגאַנגען און געטראַכט וועגן דער פאַרלאָזטער קרעטשמע, וועגן דעם טויבן בעל־אַכסניה, וועמענס דור איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט שטויב. עס האָט אים אַרומגענומען אַ גרויס רחמנות — ער האָט

געטראַכט וועגן דער שטילקייט פון געשטאָרבענע וועלטן, וועגן דער פאַרמיידלעכקייט פון יאָרן, וועגן דער וועלקונג פון בלומען און מענטשן.

ער האָט געקוקט אויף די הויכע בערג, וועלכע זענען געווען לעבעדיק, לעבעדיק און באַוועגלעך, טאַנצנדיקע בערג, זיי זענען אַנטלאָפן פאַר זיין בליק אַלץ ווייטער און ווייטער. האָט ער צוגעאײַלט זיינע טריט און איז געלאָפן גיכער און גיכער, און באַלד איז ער שוין געווען גאַנץ נאָענט — ער איז געווען גיכער פון די בערג און געשווינדער פון ווינט, געשווינדער פון אַ פויגל און גיכער פון אַ פייל פון בויגן.

אַ פרייד אַ ווילדע האָט אין אים גענומען שרייען, ער איז איצט געווען באַפליגלט, און וווּנדערבאַר איז געווען זיין געשריי.

הימלען האָבן זיך פאַר אים געעפנט, ער איז געלאָפן גלייך צום ליכט און גלייך אין פייער, גלייך אין אָפּגרונט — אין דער אומענדלעכער טיפע־ניש, הינטער וועלכער עס האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַר אים די הויכע הויכע בערג...

אַ מעשׂה וואָס האָט פּאַסירט אין טעאַטער

אַ גאַנצן נאָכמיטאָג האָב איך פאַרבראַכט אויף אַ שׂמחה ביי איינעם פון מיינע גוטע פריינד. מיר האָבן געטרונקען בראָנפן, דערנאָך אַנדערע משקאות, ווייל דער באַלעבאָס איז געווען אַ מענטש אַ האַרציקער און גאַסטפריינד־לעכער, וואָס האָט ליב דעם ביטערן טראָפּן — האָבן מיר געטרונקען און זיך משׂמח געווען.

אין אָוונט זענען מיר שוין געווען אין גוטע שטימונגען — מיר, דאָס הייסט דער באַלעבאָס אונדזערער און זיינע קאָלעגן, עטלעכע שרייבער, קונסטמאָלער און אויך איין קלעזמער — און מיר האָבן באַשלאָסן זיך אויס־צוקלייבן אין טעאַטער, וווּ מען האָט גראָד געשפּילט זייער אַן אינטערע־סאַנטע פּיעסע.

מיר זענען צוגעפאָרן מיט אַ טאַקסי, די פאָרשטעלונג האָט זיך נאָר וואָס אָנגעהויבן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין האַלב־טונקעלן טעאַטער־זאַל און געגומען באַטראַכטן, וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע.

און אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ שפּיגל, און פאַרן דאָזיקן שפּיגל האָט געשטעקט אַן אַקטיאָר, אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פלעשל משקה, אין דער צווייטער האַנט — אַ טיי־גלעזל.

— לחיים — האָט ער געזאָגט, טרינקענדיק צו זיין אייגענער אָפּשפּיג־לונג — לחיים, ליבע פריינד! לאָמיר זיך האַלטן צוזאַמען, וועלן מיר קיין מאָל נישט זיין איינזאַם. היינט איז דיין געבוירנטאָג, כ׳וויל דיר ווינטשן אַלדאָס גוטס...

און ער האָט אויסגעליידיקט דעם כּוס, און די געשטאַלט אין שפּיגל האָט אים געענטפערט:

— אָ, מיין ליבער, ס׳פרייט מיך זייער, וואָס דו האָסט נישט פאַרגעסן וועגן דאָזיקן טאָג. דעם אמת געזאָגט, ביסטו שטענדיק געווען דער איינציקער מענטש, וואָס האָט מיך קיין מאָל נישט פאַרפירט. צו דיר האָב איך שטענדיק געהאַט דעם גרעסטן צוטרוי.

דער אַקטיאָר איז געווען גערירט, און אַלע צושויער אין זאַל האָבן באַמערקט, אַז אויף זיינע באַקן קייקלען זיך צוויי טרערן, ווי צוויי פינקלענדיקע איידלשטיינער. דערנאָך האָט דער אַקטיאָר אָפּגערוקט זיך פון שפּיגל און גענומען רעדן צום עולם.

— אַזוי זעט עס אויס. — האָט ער געזאָגט צו אונדז, דאָס הייסט צום פּובליקום — היינט האָב איך געענדיקט זעכציק יאָר. און וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאַנצביל, וועלכער ענדיקט זעכציק? אַן אונטערגייענדיקע שיף אויף דעם אומענדלעכן ים. נישטאָ קיין רייד שוין וועגן גרויסע זיגן. עס וועקט זיך אין מענטש אַ פרומקייט און אַ ליבשאַפט צום רבונו של עולם. מען ליידט אויף שלאַפלאָזיקייט. עס ווערן קאָנסערוואַטיוו די אָנשויונגען אויף דער מאָראַל פון אונדזערע באַקאַנטע און גוטע פריינד. די נאַכטיקע חלומות זענען פול מיט עראָטיזם. אפשר איז בעסער געווען צו שטאַרבן מיט אַ יאָר פריִער?... לחיים!

און ער האָט ווידער אויסגעטרונקען אַ גלאָז און פון זאַל האָט זיך דערהערט אַ ווייבערישע שטימע:

— האַרציקע גרוסן צום געבוירנטאָג!

— אַ שיינעם דאַנק — האָט געענטפערט דער אַקטיאָר — און איך ווייס אַפילו נישט, ווו עס זענען אַהינגעקומען די דאָזיקע זעכציק יאָר מיינע. ערשט נעכטן בין איך געווען אַ קינד און היינט... היינט בין איך אַן אַקטיאָר אין דאָזיקן נעבעכדיקן טעאַטער און איך טרינק לחיים צום שפּיגל.

— טרינקסט צו פיל — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די צושויער, מיט אַ שטימע, וואָס האָט געהילכט, פונקט ווי זי וואָלט זיך אַרויסבאַקומען פון אַ ברונעם — און דער דירעקטאָר פון טעאַטער האָט פיינט שיכּורים.

כ׳האָב נישט קיין מורא פאַר קיין שום דירעקטאָר — האָט געענטפערט דער אַקטיאָר — איך בין אַ פרייער אַרטיסט, איך שפּיל וואָס איך וויל און איך טו וואָס איך וויל. אין מיין משפחה האָט יעדער שטענדיק געטאָן דאָס, וואָס עס איז אים איינגעפאַלן. מיין עלטער־זיידע איז געווען אַן אויטענטי־

שער אַנאַרכיסט, פערציק יאָר האָט ער פאַרבראַכט אין אַ טיפן געדיכטן וואַלד, ער האָט דאָרט געוואַרט אויף איינעם אַ קיסר, וועלכן ער האָט געוואָלט אומברענגען. דער דאָזיקער קיסר איז שוין לאַנג געוואָרן פאַר־טריבן פון לאַנד און איז געשטאָרבן אין פאַרגעסנקייט און נויט. אָבער מיין זיידע האָט וועגן דעם נישט געוווּסט, און ער האָט געוואַרט און געוואַרט און איז געשטאָרבן אין דאָזיקן געדיכטן וואַלד, אין שאָטן פון אַן אַלטער סאָסנע.

דער אַקטיאָר האָט נאָך געוואָלט דערציילן און דערציילן וועגן זיין זיידן און וועגן זיין עלטער־זיידן, אָבער פון זאַל האָט זיך ווידער דערהערט די שטימע פון דעם זעלבן צושויער, וואָס האָט זיך שוין אַמאָל אָנגערופן:

— ס׳איז אַ ליגן! און בכלל גייט מיך נישט אָן דיין זיידע. מעגלעך, אַז דו האָסט בכלל קיין מאָל קיין זיידן נישט געהאַט. און אויב דו ווילסט אונדז דווקא יאָ פאַרווילן, טאָ דערצייל אונדז וועגן זיך און נישט וועגן דיינע אָבות.

דער אַקטיאָר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. ער איז געווען פאַרשעמט און נעבעכדיק.

— כ׳האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אין אַזאַ טאָג ווי היינט, וועלן אַרום מיר זיין טויזנטער בלומען. ווען כ׳בין געווען יונג, האָב איך געטרוימט וועגן אַזאַ טאָג. און מיינע טרוימען זענען געווען פאַרביק און דופטיק. וווּנדער־באַר זענען זיי געווען.

— טרוימען? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען — וויאַזוי טרוימט מען? און וואָס איז דאָס אַזוינס — אַ טרוים?

דער מענטש אויף דער בינע האָט זיך פאַרטראַכט און אויפגעקלערט:

— טרוימען, הייסט לעבן און שפּייזן זיך און פרייען זיך מיט דעם, וואָס איז שוין אַמאָל געווען, אָדער מיט דעם וואָס וועט ערשט זיין. אָדער מיט דעם, וואָס האָט געקאָנט זיין. טרוימען, הייסט אַנטציקן זיך און פרייען זיך מיט דעם, וואָס איז פאַראַן, כאָטש אין אמתן האָט עס קיינער נישט געזען. וווּנדערבאַר זענען די טרוימען. וווּנדערבאַר.

און ער האָט געפּרווּט אונדז געבן צו פאַרשטיין, וויאַזוי מען טרוימט און וואָס עס קאָן פאָרקומען אין אַזאַ טרוים. ער האָט פאַרגעלייגט, אַז אַלע אָנוועזנדיקע זאָלן אויף אַ ווײַלע צומאַכן די אויגן. האָבן מיר אויף אַ ווײַלע

צוגעמאַכט די אויגן און גראָד דעמלט האָט זיך געלאָזט הערן זייער אַ שיינע און זיסע מוזיק, פון יענעם מוזיק־רעפּערטואַר, וואָס מען פלעגט זינגען און שפּילן אין מיינע קינדעריאָרן, ווען די וועלט איז נאָך געווען שענער און יינגער מיט אַ האַלב יאָרהונדערט.

דערנאָך האָבן מיר אויפגעמאַכט די אויגן און מיר האָבן דערזען אויף דער בינע אַ גאַנץ נייע געשטאַלט: אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, זייער אַ שיינע איז זי געווען, שלאַנק און עלעגאַנט — זי איז געשטאַנען באַשיידן און געשמייכלט צום אַקטיאָר און געשמייכלט צום פּובליקום.

דער אַקטיאָר האָט זיך זייער מיט איר דערפרייט און האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין אַקטריסע און איר אָנקומען האָט אַ גאַנץ פּריוואַטן כאַראַקטער.

— אָט איז די פרוי, וועגן וועלכער איך האָב תמיד געטרוימט — האָט ער געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — דאָס איז די פרוי פון מיינע חלומות. איר בין איך געווען געטריי, זי האָב איך געליבט, אויף איר האָב איך געוואַרט. אַ דאַנק דיר, מיין ליבע, דערפאַר וואָס ביסט געקומען. גראָד היינט, ווען איך בין אַלט געוואָרן זעכציק יאָר.

און ער האָט זיך צעוויינט. און די פרוי איז געשטאַנען שטיל, ענלעכער צו אַ מלאך ווי צו אַ מענטש. און איך האָב זיך געחידושט, אַז זי איז אַזוי יונג און ער איז אַזוי אַלט, ווייל וואָס לענגער זי איז געשטאַנען אויף דער בינע, אַלץ יינגער האָט זי אויסגעזען. און דער אַקטיאָר — פאַרקערט: וואָס לענגער ער האָט געשפּילט זיין שיכּורע ראָל, אַלץ עלטער האָט ער אויסגעזען.

און פּלוצים איז פון הינטער די קוליסן אַרויסגעקומען אַ יונגער בחור, ער איז אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע און מיט אַ פריילעכן געלעכטער געוואָרפן זיך צום אַקטיאָר.

— טאַטע! — האָט ער אויסגערופן.

— מיין קינד! — האָט אים אַרומגענומען דער בעל־יובל — מיין שיינער זון!

זענען שוין איצט געשטאַנען לעבן אַקטיאָר צוויי נייע פּערזאָנען, וועלכע זענען געקומען ווינטשן אים אַלדאָס גוטס צו זיין יובל: אַ פרוי און דער זון פון דער פרוי.

דער אַקטיאָר איז געווען טיף גערירט און גליקלעך. ער האָט ווידער גענומען דערציילן וועגן זיינע חלומות, וועגן זיין בענקשאַפט צו האָבן אַזאַ שיינע פרוי און אַזאַ געלונגענעם זון.

די מענטשן אין זאַל האָבן געהאָרכט מיט גרויס פאַרגעניגן, ווייל בענקשאַפט איז אַ מענטשלעכע זאַך, מיר הערן גערן וועגן פרעמדע בענקשאַפטן, און הערנדיק, טראַכטן מיר וועגן אונדזערע אייגענע ענינים.

אָבער די פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער בינע, האָט איראָניש געשמייכלט און אויך זי האָט זיך געווענדעט צום פובליקום, נאָר אירע רייד האָבן געקלונגען גאַנץ אַנדערש ווי זיינע רייד.

— גלייבט אים נישט — האָט זי געזאָגט — אַלץ וואָס ער רעדט, איז ליגן. ער איז נישט מער ווי אַן אַקטיאָר, ער רעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער, בכלל איז ער אַ פאַרלוירענער מענטש, אַלע אַקטיאָרן זענען פאַרלוירענע מענטשן, אַלע זענען זיי טרוימער, עס פעלט זיי גענוג ערנסטקייט צו זיין אַ מאַן פאַר אַ פרוי, עס פעלט זיי פעיקייטן צו זיין אַ טאַטע פון קינדער. אַקטיאָרן זענען ליגנער, קונסט איז ליגן, ליגן, ליגן...

אַזוי האָט זי היסטעריש געשריגן, און דער אַקטיאָר האָט זי געפּרוּווט באַרויִקן, און זי האָט אַלץ געשריגן, אַז קונסט איז ליגן. זי האָט געזאָגט, אַז דער אַקטיאָר וואָלט זיי ביידן אומגליקלעך געמאַכט, דאָס הייסט: זי און דעם זון — ווען זיי וואָלטן געווען מענטשן פון בלוט און פלייש. צום גליק זענען זיי אָבער נישט מער ווי געשטאַלטן פון אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג, נישט מער ווי שאָטנס פון אַ טרוים.

אַזוי האָט געשריגן די פרוי און דער אַקטיאָר האָט מיט ביידע האַנט־פלאַכן פאַרדעקט דאָס פנים, און דער יונגער בחור האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, ער האָט זיך געשעמט פאַר די סקאַנדאַליעזע רייד פון זיין מוטער.

— מיר זענען נישט מער ווי אידעען פון זיינע שיכּורע חלומות — האָט זיך געקלאָגט די פרוי — ווייל ער איז דאָך אַ שיכּור, ער איז אַ מענטש, וואָס האָט ליבער צו ליידן די גרעסטע יסורים אין טרוים, איידער צו זיין גליקלעך אויף דער וואָר. ער איז פאַרליבט אין זיינע דמיונות. און ווען ער טרינקט אויס אַ גלעזל משקה, הערט ער אויף צו זען די גרענעץ צווישן אמת און ליגן, און ער הערט אויף צו זען די גרענעץ צווישן קונסט

אוןווירקלעכקייט. מיט פיל יאָרן צוריק האָט ער איינמאָל געשפּילט די ראָל פון אָטעללאָ און ער האָט שיער נישט דערוואָרגן די אַקטריסע, וועלכע האָט געשפּילט די ראָל פון דער אומגליקלעכער דעסדעמאָנאָ. זי האָט געהאַט מזל, ווייל באַצייטנס זענען אַרויפגעלאָפן אויף דער בינע צוויי פייערלעשער און דער אינספּיציענט, און זיי האָבן זי אָפּגעראַטעוועט פון זיכערן טויט.

און די פרוי פון דעם אַקטיאָרס חלומות האָט מיט אַ רירנדיק געוויין דערציילט, אַז אייגנטלעך איז זי גליקלעך, ווייל עס איז איר געלונגען צו פאַרבלייבן אין קרייז פון זיינע חלומות און נישט אין קרייז פון רעאַלע און ווירקלעכע איבערלעבונגען. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי רעדט צו אַן עולם פרעמדע מענטשן, און זי האָט אַנטפּלעקט דאָס אמתדיקע געזיכט פון אַקטיאָר. זי איז געווען איבערצייגט, אַז כאָטש ער האָט שטענדיק וועגן איר געחלומט, דאָך וואָלט זי נעבן אים איבערפירט איר לעבן, זי וואָלט שטענדיק געווען איינזאַם אין זיינע אָרעמס, ווייל ווי נאָר ער וואָלט געשטילט דעם דורשט פון זיין ליידנשאַפט, וואָלט ער מסתמא באַלד פעסטגעשטעלט, אַז זי איז נישט ענלעך צו אַ בת־מלכּה און אין אַ געוויסן טאָג וואָלט ער איר געוואָרפן אין פּנים אַריין, אַז זי איז נישט גענוג שיין, אָדער אַז זי איז נישט גענוג אינטעליגענט. און דעמאָלט וואָלט זי געליטן שווערע ליידן און זי וואָלט געוועלקט ווי עס וועלקט אַ האַרבסטיקע בלום. זי וואָלט זיך געפילט באַליידיקט און זי וואָלט אָנגעהויבן וועבן חלומות וועגן אַן אַנדערן מאַן. זי וואָלט געוואַרט אויף אַ מאַנצביל, וועלכער איז נישט קיין אַקטיאָר, נאָר אַ באַשיידענער גוטער מענטש. און דער דאָזיקער באַשיידענער גוטער מענטש וואָלט זיך אין אַ געוויסן טאָג באַוויזן פאַר אירע אויגן, ער וואָלט געקומען פון דער ווייטער וועלט, און ער וואָלט געהאַט אַ סך געדולד און צייט צו רעדן מיט איר נישט וועגן דער גרויסער אומשטערבלעכער קונסט, נאָר וועגן פּשוטע טאָג־טעגלעכע זאַכן, וועגן ליבע, וועגן קליידער אָדער וועגן מאכלים. און טאַקע דער דאָזיקער באַשיידענער גוטער מענטש וואָלט געווען דער פאָטער פון איר קינד.

דער אַקטיאָר איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, דער בחור האָט שטיל געוויינט און די פרוי האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן. אירע רייד זענען געווען אומברחמנותדיק.

— ער האָט געקאָנט האָבן אַ ווייב — האָט זי געזאָגט — און ער האָט געקאָנט האָבן אַ זון. און ער האָט גאָרנישט. ער האָט נישט קיינעם. מיר זענען בכלל נישט פאַראַן. מיר זענען נישט מער ווי אַ חלום.

אַזוי האָט זי געזאָגט. אירע ווערטער זענען געווען אַלץ שטילער און שטילער, און איר געשטאַלט, און אויך די געשטאַלט פון יונגן בחור זענען געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער, ביז זיי זענען אינגאַנצן נעלם געוואָרן, אַזוי ווי עס ווערט נעלם אַ נעפּל.

אויף דער בינע איז ווידער געשטאַנען דער איינזאַמער אַקטיאָר מיטן פלעשל אין דער האַנט און מיט דעם גלעזל אין דער צווייטער האַנט.

— כ׳בין איינזאַם — האָט ער ווייטער געצויגן זיין טריבן מאָנאָלאָג — איינזאַם ווי אַ געוויסער בן־מלך מיטן נאָמען האַמלעט. עס לאָזט זיך ממש נישט גלייבן: איינזאַם צווישן אַזויפיל מענטשן. איך שטיי דאָ פאַר אייך און מיין נשמה איז פול מיט ליבע. אפשר וויל עמיץ אַ ביסל ליבע? אפשר וויל עמיץ אַ שטיקל האַרץ? ווער וויל אַ שטיקל האַרץ?

אַ דאַמע מיט אומעטיקע אויגן, וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון מיר, האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און געזאָגט:

— מיר. מיר אַ שטיקל האַרץ. איך האָב זייער ליב אַ שטיקל האַרץ.

דער אַקטיאָר האָט זי שווייגנדיק באַטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער געבעטן זי זאָל זיך דערנענטערן צו אים, בכדי דאָס גאַנצע פּובליקום זאָל זי קאָנען זען. ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט און זי איז אַרויפגעקראָכן אויף דער בינע. דער עולם האָט געפּאַטשט אין די הענט, ווייל זי איז געווען אַ סימפּאַטישע, כאָטש שוין נישט קיין יונגע. דער אַקטיאָר האָט זי אַרומגענומען און געקושט איר שטערן. זיי זענען געווען אַ גאַנץ שיין פּאָרל. ער האָט גענומען פון טישל אַ פּאַפּירענע רויז און האָט איר דערלאַנגט.

זי איז געווען זייער אָפּנהאַרציק און זי האָט דערקלערט, אַז זי איז אין אים פאַרליבט זייט יענעם אומפאַרגעסלעכן טאָג, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אין דער ראָל פון אָטעללאָ אין דער אומשטערבלעכער דראַמע פון וויליאַם שעקספּיר.

— ווען איך האָב אייך דערזען יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר זענט אַ גרויסער אַקטיאָר און איך האָב שוין דעמלט באַגערט צו זיין אייער דעסדעמאָנאַ.

— דאָס איז פֿאַרשטענדלעך — האָט געענטפֿערט דער אַקטיאָר — אין דער ראָל פֿון אָטעללאָ בין איך שטענדיק אַ מייסטער.

און זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיי האָבן זיך ליידנשאַפֿטלעך געקושט, און דער עולם האָט געפּאַטשט אין די הענט, און דער פֿאָרהאַנג האָט זיך פּאַוואָלינקע אַראָפּגעלאָזט.

די אַפּלאָדיסמענטן האָבן געדויערט לאַנג און זיי האָבן מיך אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף מיט אַ שווערן קאָפּ־ווייטיק. איך האָב געגומען אַריינטראַכטן, וויאַזוי דאָס איז מעגלעך, אַז איין קאָפּ זאָל קאָנען אַזוי וויי טאָן ווי טויזנט קעפּ. און איך האָב נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען עס נעמען זיך אַזעלכע אויסטערלישע חלומות. ווייל די דאָזיקע גאַנצע פֿאָרשטעלונג מיטן אַקטיאָר איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ חלום.

און איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט מיר אַמאָל געזאָגט איינער אַ גרויסער קינסטלער: אין טעאַטער און אין חלום איז אַלץ מעגלעך...

פון יענעם לאַנד

דאָס איז פֿאַרגעקומען אין איינעם פון די לעצטע טעג, וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין יענעם לאַנד, ווו כ׳בין געבוירן געוואָרן — געבוירן און דערצויגן. אין פּאַרטפעל האָב איך שוין געהאַט דעם פּאַספּאָרט מיט דער וויזע און די צוויי רענצלעך מיינע זענען שוין געווען איינגעפּאַקט.

כ׳האָב זיך שוין געהאַט אָפּגעזעגנט מיט הונדערט פֿאַלשע און מיט אַ מנין אמתדיקע גוטע פריינד. פאַרבליבן איז נאָך איין מענטש, מיט וועלכן כ׳האָב געוואָלט און געמוזט פאַרברענגען דעם דאָזיקן נאָכמיטאָג: דזשוליעט.

אונדזער באַקאַנטשאַפט דויערט שוין לאַנג — זייט יענער שלאָפלאָזער נאַכט, ווען איך האָב אָנגעשריבן מיין ערשט ליריש ליד, וואָס איז געווען — כ׳שעם זיך אויסצוזאָגן: פונקט, ווי איך, סענטימענטאַל, אָבער פאָרט אַ ליד.

ווייל צווישן אונדז זאָל עס בלייבן: דאָס האָב איך אויסגעטראַכט די דאָזיקע יונגע פרוי, וואָס הייסט דזשוליעט. און אויך אונדזער קעגנזייטיקע ליבע האָב איך אויסגעטראַכט, און איר חן און איר שמייכל — די גאַנצע פערזענלעכקייט אירע. און אויך די גאַנצע ענלעכקייט צו אַן אַנדערער יונגער פרוי מיט אַן אַנדערן נאָמען, וועלכע האָט אַמאָל געלעבט און גע־אָטעמט, געהאָפט און געליבט, געבליט ווי אַ שיינע בלום אין אונדזער מענטשישן גאָרטן.

דזשוליעט האָב איך אויסגעטראַכט. כ׳האָב מיר געקאָנט דערלויבן אויף אַזאַ נס: כ׳בין דאָך אַ שרייבער, און דערצו נאָך אַ יידישער. און כ׳האָב גוט געטאָן, אויסטראַכטנדיק אין אונדזערע צייטן און אין דאָזיקן לאַנד, אַזאַ וווּנדערבאַרן מענטש.

דזשוליעט. אַ שטילע און חנעוודיקע, איז זי נעבן מיר געווען תמיד ווען כ'האָב זי באַדאַרפֿט. זי האָט געקאָנט לאַכן און שמייכלען, רעדן און שווייגן — אַלץ אין דער פּאַסיקער צייט.

צי זי איז באמת געווען שיין? כ'ווייס נישט. שיינקייט איז רעלאַטיוו.

— כ'האָב פלאַמיקע האָר — פלעגט זי זאָגן — רויטע צעפּ, רויטע און לאַנגע ביז די קני.

ערגעץ האָב איך שוין אַזאַ צאָפּ אַמאָל געזען. וווּ?

און איצט, ערב דער גרויסער רייזע, גיי איך מיט איר דורך דעם שטילן שפּאַציר־גאָרטן. די זון איז שוין פאַרקראָכן הינטער דעם באַרג. ס'איז קיל, אַ ווינט טראָגט דעם שאָרכנדיקן בלעטערפאַל.

— אַ שאָד אַז מיר זענען נישט ביים ים — זאָגט זי — אַ שאָד, אַז עס שיינט נישט די זון.

און איך פאַרשטיי וואָס זי איז אויסן. אַ ביסל פלעגט זי טיילמאָל זיין אויסגעלאַסן. אין דער זון, און אַפילו ביים שיין פון דער לבנה פלעגט זי ליב האָבן אַרומצוגיין נאַקעט אויפן ברעג פון ים, דאָרט וווּ עס זענען נישט געווען קיין מענטשן, דאָרט וווּ קיינער האָט זי נישט געזען — אַפילו איך. אפשר האָט אין איר געדרימלט — אין אירע צאַרטע מוח־קעמערלעך — די אַטאַוויסטישע דערמאָנונג פון יענע ווייט־ווייטע צייטן, ווען מיר זענען נאָך געווען וויביימער, וואָס שטעקן מיט די וואָרצלען טיף אין דער שוואַרצער יונגער און שמעקעדיקער ערד: שוין נישט קיין ביימער און נאָך נישט קיין בני־אָדם — נאָך נישט קיין פּוריטאַנער.

גייען מיר אַזוי, פאַרטראַכט, כמעט שווייגנדיק, און פון דער ווייט, אפשר פון סאַמע הימל דערנעענטערט זיך אַ געזאַנג, אַ כאָר פון יונגפרויען. דער ניגון איז האַרמאָניש און רירנדיק, מיט אַזאַ געזאַנג קאָן מען גיין אין גרעסטן געפאַר.

— קיינער זינגט נישט — זאָגט זאַכלעך דזשוליעט — חלומסט. ווילסט דערטרינקען די זאָרגן אין חלומות.

און זי נעמט אַרויס פון דער קליינער האַנט־טאַש אַ בילדל פון זשאַן קאָקטאָ, וואָס זי טראָגט עס שטענדיק מיט זיך, אַזוי ווי אַ פרומער קריסט טראָגט להבדיל אַ בילדל פון דער הייליקער מאַמען.

— קאַקטאַ? — זאָג איך — נאָך איין זאַמלער פון חלומות.

און איך דערצייל איר: איין מאָל האָט זיך מיר געחלומט, אַז מען האָט מיך אויפגעהאַנגען. דערנאָך האָט זיך דער זעלבער חלום איבערגעחזרט אַ סך מאָל. יעדעס מאָל האָב איך דורכגעלעבט מיין אייגענעם טויט און יעדעס מאָל אויף אַן אַנדער אופן. און איך בין געווען דורכגענומען און אָנגעפּילט מיט פּחד, אַז כ׳וועל אויפהערן צו זיין. און אַז עס וועט מיך איינשלינגען די אייביקייט. בין איך אַנטלאָפן און אַרום זענען געווען הייזער ווי פעסטונ־גען, שטומע, אָן טירן, מיט בלינדע פענצטער. און עס איז געווען אַזוי ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיך פון מיר אָפּגעקערט און געוויזן מיר רק די פּלייצעס.

— דזשוליעט — זאָג איך — הערסט, וואָס כ׳דערצייל דיר? פאַר־שטייסט מיך? איך מוז דאָך צו דיר רעדן מיט סימבאָלן, ווייל עס רירט זיך עפּעס אין דער געדיכטעניש פון דאָזיקן קינסטלעכן וועלדל, און עס איז מעגלעך אַז עמיץ האָרכט וועגן וואָס איך זיפץ און וועגן וואָס דו לאַכסט.

ווייל זי האָט זיך פּלוצים צעלאַכט און זי איז אַרויפגעלאָפן אויף אַ בערגל — מעגלעך, אַז זי האָט דאָרט דערזען אַ שמעטערלינג, אָדער אַ פּאָרפאָלק פון שמעטערלינגען וואָס ליבן זיך און צערטלען זיך מיט די פליגל אויף אַ צווייגל פון דער ווילדער רויז.

— זע — זאָגט זי — די ערד איז דאָ באַוואַקסן מיט גראָז ווי מיט סאַמעט. ווייך איז דאָ, עס שמעקט מיט קימל, לאָמיר זיך אַנידערלייגן און דו וועסט מיך ליבן.

און זי ווערט ערנסט און אומעטיק און דערציילט מיר, אַז בשעת דער ערשטער מלחמה און אויך בשעת דער צווייטער מלחמה זענען דאָ געווען וויכטיקע סטראַטעגישע פּאָזיציעס, האַרמאַטן זענען דאָ געשטאַנען, זעקס־און־ניינציקער און אויך צוויי־און־זיבעציקער. פון וואַנען ווייסט זי דאָס? פון דעם אָרט האָט מען באַשאָסן די שטאָט, זאָגט זי. און פון דער שטאָט האָט מען באַשאָסן דאָס דאָזיקע בערגל. און דאָס גאַנצע בערגל איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בלוט, ווייל אַלע זעלנער זענען דאָ אומגעקומען. דערפאַר איז דאָס גראָז דאָ אַזוי זאַפטיק.

— איך וויל מיר זאָלן זיך אויפן דאָזיקן אָרט ליבן — פאַרלאַנגט זי מיט עקשנות פון אַ קאַפּריזנע קינד — דעם טויט דאַרף מען אַנטקעגנשטעלן

דאָס לעבן. ווייל נאָר דאָס לעבן קאָן מנצח זיין דעם טויט. מען דאַרף זיך ליבן אויף אַלע שלאַכטפעלדער און אויף אַלע צווינטערס.

איך שווייג און עס דאַכט זיך מיר אַז אַ קערן פון אמת איז פאַראַן אין אירע ווערטער.

איר שטימע ווערט הייזעריק, באַלד וועט זי זיך צעוויינען, און איך פאַרטראָג נישט קיין געוויין, כאָטש איך ווייס אַז אונדזער זכרון איז אַ קוואַל, פון וועלכן עס קאָנען אַרויסשווימען טייכן טרערן.

— איך וויל זאָלסט מיך ליבן — זאָגט זי — און איך וויל האָבן אַ קינד און איך וויל אַז מיין קינד זאָל אויך האָבן אַ קינד וואָס וועט בענקען צו ליבע.

דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמאַרעס. און מיר איז קאַלט. איך ציטער פון דער קעלט. אַזויפיל מאָל איז מיר שוין געווען קאַלט און היינט איז מיר אַזוי, ווי כ׳וואָלט געפילט די קעלט פון אַלע פרירנדיקע.

— קום — זאָגט זי — מיר וועלן אַריינגיין אין אַ קראָם און איך וועל דיר קויפן אַ וואַרעמען פוטער־מאַנטל.

— מאַנטל ? שוין צו שפּעט. באַלד וועל איך שטאַרבן.

— מוזט לעבן — זאָגט זי — איצט האָבן מיר זיך באַגעגנט אין איין חלום. ס׳וואָלט געווען אַן אומזין צו שטאַרבן.

— אַן אומזין ? דער טויט איז תמיד אַן אומזין.

— פאַראַן נאָך אַזויפיל זאַכן צו טאָן.

— וואָס זאָל איך טאָן ? כ׳בין מיד.

זי זאָגט מיר, אַז איך מוז אָנהייבן פון אָנפאַנג, נאָך אַ מאָל, אָדער נאָך צוויי מאָל, אָדער צען מאָל, און אַז איך מוז טאָן פאַרשיידענע זאַכן, איך מוז גיין און פאָרן, בייקומען גרענעצן, אַנטדעקן לענדער און מענטשן, ווייל —

און זי האָט אויפגעהערט צו פליסטערן, זי האָט שוין איצט כמעט געשריגן, און מיר האָבן אַפילו נישט באַמערקט, אַז אַרום אונדז האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפשער עולם, מענטשן מיט בייזע געזיכטער און מיט אויפ־רעגונג אין די אויגן.

אַ זקנה מיט אַ שיפּענדיקער שטימע איז צו מיר צוגעלאָפן מיט אַ געשריי.

— איר זענט אַ ליגנער, איר האָט געשריבן, אַז רויזן האָבן אַ פיינעם גערוך. איר האָט געשריבן, אַז איך האָב ליב דעם גערוך פון רויזן...

— האָסט געשריבן? — פרעגט דזשוליעט.

— כ'האָב געשריבן.

— דאָס איז אַ ליגן. איך האָב אַ סך געליטן אין מיין לעבן און איך וויל נישט קיין שום רויזן. איך האָב ליב דעם ריח פון ברויט, דעם ריח פון מילך, פון ציבעלעס און קנאָבל.

איך לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ און כ'אַנטשולדיק זיך.

— זאָל ער זיך נישט אַנטשולדיקן — שרייט אַ מאַן מיט צוויי הילצערנע שטאָלצן — איר ווייסט ווער איך בין? איך בין געווען אַ טרוימער, אַן אוטאָפּיסט און איך האָב פאַרלוירן אַ פוס און אַ האַנט און אַן אויג און אויך אַ שטיק האַרץ. און איר ווייסט ווער עס איז שולדיק?

— איך בין שולדיק.

— דו! האָסט אונדז געהייסן ליב האָבן די מענטשן און ליב האָבן דעם שׂונא. און איך האָב דיך געפאָלגט און איך האָב געליבט. און דער שׂונא איז געשטאַנען אויפן בערגל און האָט מיך באַוואָרפן מיט גראַנאַטן.

זיי האָבן מיך אַרומגערינגלט, אַזוי גיך וועלן זיי מיך נישט אַרויסלאָזן. דזשוליעט פּרווט מיך פאַרטיידיקן.

זיי האָבן געשאָסן, ווייל ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַלע שׂונאים אויסצולערנען ליבן.

— הענגט אים! — שרייט דער אינוואַליד און ער איז מסתמא גערעכט — הענגט דעם פאַרשאָלטענעם דיכטער. צוליב אַזעלכע ווי ער, זענען ביי אונדז אויסגעפּגרט אַלע הינער.

— איך בין נישט קיין דיכטער — קלער איך אויף — איך בין אַ פּראָזאַטאָר.

— ס'מאַכט נישט אויס. פּראָזאַטאָרן מעג מען אויך הענגען. נאָכן טויט זענען זיי פיל סימפּאַטישער.

דאָס מיידל וויל מיך ראַטעווען.

— וועק זיך אויף! — שרייט זי — ס'איז אַ וויסטער חלום. וועק זיך אויף, ווייל ביסט אין געפאַר.

פון איר געשריי אַנטלויפן די מענטשן אַרום, און מיר זענען ווידער אַליין. און פּלוצים הער איך ווידער דזשוליעטס געשריי. און אַרום אונדז: אַ געשטאַנק. נאָך פינף און צוואַנציק יאָר איז דאָ נאָך אַלץ פאַראַן דער דאָזיקער גערוך. ביינדעלעך גליענדיקע, ביינדעלעך אָפּגעקילטע, ביינדעלעך ווייסע שיטן זיך אַרויס פון אויוון. אַש.

דזשוליעט ווייזט מיר אַ פאַרטריקנטע מאַרגעריטקע אויף אַ באַרג פון קינדערשע טשיזשמעלעך.

קום נענטער — זאָגט זי — רויטע פרויען־האָר ליגן דאָ. אַ שווערער צאָפּ רויטע האָר. דאָס זענען מיינע האָר.

זי נעמט דעם צאָפּ פון דער גלעזערנער וויטרינקע און פלעכט אים אַרום דעם שטערן. די האָר פלאַמען ווי אַ לעבעדיק פייער.

— קוש מיך — בעט זי — איך וויל נישט פאַרגעסן ווערן אין דער אייביקער איינזאַמקייט.

...קיפּאַריסן זאָגן אַז פאַר דזשוליעט
און פאַר ראָמעאָ
איז די טרער פון איבער דער פּלאַנעט
און מענטשן זאָגן אַז נישט טרערן זענען עס
נאָר שטיינער
און אַז עס וואַרט אויף זיי נישט קיינער —

— דאָס איז נאַרוויד.

— אַלטע דיכטערישע מאַניערן.

— און ערשט נישט לאַנג האָסטו געזאָגט, אַז ס'איז פריש ווי דער אויפגאַנג פון דער זון.

— מעגלעך. אָבער היינט לייענט שוין קיינער נישט קיין דיכטונג — קלער איך אויף — דיכטער שרייבן און דיכטער לייענען. בעקערס, וואָס באַקן זעמעלעך פאַר אַנדערע בעקערס. באַגרעבער, וואָס באַגראָבן נאָר קברנים.

רעדן מיר איצט וועגן קברנים און עס צעבילט זיך אַ הערשערישע שטימע:

— אוף! נידער! אוף! נידער!

טויזנט גרויע גופים פאַלן צו דער ערד און הייבן זיך אויף, און פאַלן און הייבן זיך, און פאַלן און די שטימע איז אַזאַ, אַז זי באַוועגט און פאַראַליזירט.

— כ׳וועל אים הרגענען — טראַכט איך — כ׳וועל צוגיין און הרגענען.

— וועסט עס נישט טאָן — זאָגט דזשוליעט — קענסט עס נישט.

זי איז גערעכט. איך קאָן נישט. איך בין נישט קיין העלד. כ׳בין געגאַנגען אינמיטן גאַס, דאָרט ווו עס זענען געפאָרן די וועגענער, דאָרט ווו מען האָט געטריבן בהמות. און עמיץ, וואָס איז געגאַנגען אויפן טראָטואַר, צווישן מענטשן, האָט געהירזשעט און געלאַכט:

— דו, פערד! איז דיר באַקוועם דאָרט צו גיין? איז דיר נישט ענג?

כ׳וויל אַנטלויפן, אַנטלויפן, כ׳האָב דאָך שוין דעם פּאַספּאָרט און די וויזע און די רענצלעך מיינע זענען שוין איינגעפּאַקט. אַנטלויפן!

— וועסט נישט אַנטלויפן פאַר דעם אייגענעם דמיון.

און דאָ האָט עמיץ פאַרפלאָנטערט דעם סצענאַר: אַ קינדיש געוויין האָט דאָ פאַרבלאָנדזשעט, אַ געוויין וואָס איז איינזאַם און זוכט עמיצנס געוויין, און אַרום דעם באַראַק איז נישטאָ קיין איינציקער מענטש, קיינער.

— מאַמע — שרייט דאָס קינד — מאַמע!

און באַלד דערהערט זיך דאָס דרעשן פון מאַשין־געווער. און קיינער זאָגט נישט קדיש און קיינער וויינט נישט. נאָר אין מיינע אויערן ברומט די רוגזהדיקע נײַנטע סימפאָניע פון אַ טויבן גיבור.

אַ מאַן, אַן אַטלעטיש געבויטער, האָרכט אַ ווײַלע און הייבט אָן זיין מאָנאָלאָג. ער באַשולדיקט. ער רעדט הויך און איך פאַרשרייב זיינע ווערטער, בכדי זיי זאָלן נישט פאַרגעסן ווערן.

— איר האָט קיין מאָל נישט געשריבן קיין וואָרט וועגן מיר. און אויך נישט פאַר מיר. איר האָט נישט געזוכט קיין געלעגנהייט צו דערנענטערן זיך צו מיר. איר האָט מיך נישט געוואָלט קענען. איר האָט זיך אַפילו נישט אינטערעסירט, צי עס איז בכלל דאָ עמיץ אַזעלכער ווי איך. ווייל אויב איך וואָלט נישט געווען, זענט איר דאָך מחויב געווען מיך צו באַשאַפן. אָבער איך בין געווען און אַלע האָבן וועגן דעם געוווסט, אַלע אַחוץ איך און אַחוץ ענלעכע צו איך, פאַרשיכורטע פּאָעטן און קראַנקע אַבסטראַק־

ציאָניסטן. איך בין געווען, כאָטש איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין צייט אויף פּוסטע חלומות. כ׳האָב געהאַרעוועט פון פּאַרטאָג ביז אָוונט, ווי אַ שקלאַף. דערנאָך זענען זיי געקומען און זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט און פאַרמאַכט מיך אין אַ קאַמער. איך האָב געהאַט דריי טעג און דריי נעכט בכדי וועגן אַלעם צו טראַכטן. האָב איך געטראַכט און געטראַכט און האָב מיר איבערגערעכנט וואָס איז געווען גוט און וואָס איז געווען שלעכט. פון באַרוף בין איך געווען אַ שטיינברעכער. דאָס איז געווען אַ שיינע אַרבעט. איך האָב געקאָנט צוגיין צו אַ באַרג, צו אַ סקאַלע, און צעשמעטערן די פעלדזן וואָס גאָט האָט מיט די אייגענע הענט באַשאַפן אין די ששת ימי בראשית. אָבער קיין מאָל האָב איך נישט געהערט אַזאַ שיינע מוזיק ווי די דאָזיקע איצט, פון וועלכער עס ציטערט די ערד. איר זאָגט, אַז דאָס איז בעטהאָווען, מעגלעך. קיין מאָל האָב איך נישט געלייענט קיין ביכער, נישט געהערט קיין ווערטער, פון וועלכע עס שטיקט אין האַלדז. תמיד בין איך געווען מיד. און ווי נאָר איך פלעג אָפּעסן די וועטשערע, פלעג איך גיין שלאָפן. איר ווייסט ווי אַזוי עס שלאָפט אַ שטיינברעכער? אָט וועגן דעם האָב איך געטראַכט דריי טעג און דריי נעכט, ביז מען האָט מיך אַרויסגע־שלעפּט פון דער קאַמער.

ער האָט אָפּגעהאַקט דעם מאָנאָלאָג. און איך האָב נישט געקאָנט פאַר־שטיין, וויאַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז אַזאַ פּשוטער מענטש זאָל רעדן אין נוסח פון האַמלעט.

האָב איך זיך דערמאָנט אַ סטראָפע פון עליאָט:

...אָט בין איך
אַן אַלטער מענטש אין חודש פון טרוקעניש
איך האָרך
עס לייענט מיך אַ ייִנגל
איך וואַרט אויף אַ רעגן.

און נאָך:

אַ צייכן ווילן מיר זען
אַ וואָרט וואָס איז בתוך פון וואָרט
נישט פעיק אַרויסצוברעגגען דאָס וואָרט
אין פינצטערניש אַרומגעהילט...

— איך פֿאַרשטיי נישט — זאָגט דער שטיינבערעכער — איך בין מיד. אָבער כ׳ווייס, אַז דאָס איז שיין.

און ער האָט זיך באַרויִקט און איז אַוועק.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געוואָלט באַגליקן די וועלט, שרייבנדיק אַ לאַנגע פּאָעמע וועגן אַ שטיינבערעכער. אָבער אין אַ געוויסן טאָג האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז קיינער פֿאַרלאַנגט נישט פֿון מיר איך זאָל אים באַגליקן — און איך האָב שוין מער קיין פּאָעמעס נישט געשריבן. נאָר רעמיניסצענצן פֿון מיין גוטן ווילן זענען אין מיין אונטערבאַוווּסטזיין פֿאַרבליבן.

— איר דאַרפֿט דאַנקען גאָט — רופֿט זיך אָן אַן אַנדערע שטימע — איר זענט תמיד געווען גליקלעך מיט אייערע בליענדיקע עפּלביימער, מיט דעם ריח פֿון די שטערן, מיט די גלי־ווערעמלעך און מיט די גרילן. און דערפֿאָלג ביי די פֿרויען האָט איר אויך מסתמא געהאַט.

— און איר? — פֿרעג איך.

— איך בין געווען אַ קצב. איר האָט אַמאָל געזען אַ קצב אַ ראָמאַנטי־קער? דאָס בין איך. כאָטש מיר קצבים זענען, בדרך כּלל, מענטשן ברוטאַלע. און מיר ליבן ברוטאַל. אָבער איך האָב קיין מאָל נישט געהאַט קיין שום גרויסע ליבע. פֿרעג איך היינט: ווו איז מיין גרויסע ליבע? ווו זענען מיינע טרוימען? (איר הערט? זיינע טרוימען...).

די שטימע האָט אים אָנגעהויבן ציטערן, כ׳האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צעוויינען.

— מיינע הענט זענען געווען פֿאַרנורעט אין בלוט ביז צום עלנבויגן, כ׳האָב געפּרעסן פֿלייש און געטרונקען בראָנפֿן און איך האָב געוואַרט אויף דער אומשטערבלעכער ליבע.

— אַלע וואַרטן מיר — פּרוּוו איך אים טרייסטן — איך וואַרט אויך.

און איך באַרויִק אים אַזוי ווי מען באַרויִקט אַ לעבעדיקן מענטש, כאָטש ווייסן ווייס איך, אַז עס זענען ווערטער אויפֿן ווינט.

— דזשוליעט! — רופֿ איך — ווו ביסטו?

איך האָב געשריגן און נישט געהערט מיין אייגענע שטימע און איך האָב נישט געוווּסט ווו דזשוליעט איז נעלם געוואָרן. אַלץ איז אַ חלום, האָב איך געטראַכט, אָבער יעדער מוז זיינע חלומות דערפֿירן ביז צום סוף —

גוטע צי שלעכטע — פונקט ווי עס וואָלט געווען אין וואָר.

עמיץ איז צוגעקומען און געזאָגט:

— הער אויף זיך נאַריש צו מאַכן, ביסט נישט אין טעאַטער. און עס איז נישט פאַראַן קיין שום דזשוליעט. קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע קעלבערנע אויגן. דו קענסט דאָך מיך, דו ווייסט ווער איך בין.

אַזוי רעדט ער צו מיר און איך ציטער ווי אַ פיש. עך, דער פאַרשאָלטענער פחד מיינער. תמיד האָב איך מורא געהאַט פאַר אומבאַקאַנטע מענטשן.

— ווי אַזוי דאַרף איך דאָס פאַרשטיין? ווער זענט איר? איך דערמאָן זיך נישט אייער נאָמען. דער זכרון דינט נישט.

— איך בין גרויס.

פאַרשטיי איך נישט צי ער הייסט גרויס, צי ער איז גרויס. און צי ער איז אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָסן אים? און אפשר איז ער אַזוי גרויס, אַז מענטשן האָבן אים ליב?

— געגוג, אַז איך בין — קלערט ער אויף מיט אַ שמייכל פון אַ וואָלף — האַלט זיך אָן מיין פאָלע, וועט אויף דיר אויך פאַלן אַ טראָפּן פון מיין גרויסקייט. אין מיין שאָטן וועסטו זיין כמעט אומשטערבלעך.

— כ׳וויל נישט זיין אומשטערבלעך — זאָג איך. און אפשר זאָג איך עס נישט, אפשר טראַכט איך בלויז אַזוי? — איך האָב נישט פאַרדינט אויף אומשטערבלעכקייט. איך וויל לעבן אַזוי לאַנג, ווי כ׳וועל לעבן. און דערנאָך —

אין אַ געוויסן טאָג ווען איך אפשר זיין זאַט פון לעבן (אַזוי זאָג איך, און איך ווייס אַז כ׳זאָג ליגן, ווייל ווי קאָן מען דען זיין זאַט מיט דעם לעבן...) — דעמלט וועל איך זיך לאָזן גיין צו די הויכע בערג, דאָרט ווו עס איז פאַראַן אַ סך בלויקייט און אַ סך ליכט, און בלומען און שמעטערלינגען כלערליי און דאָרט וועט מיט מיר זיין די פרוי מיט די רויטע צעפּ, מיר וועלן דאָרט וווינען אין הויז פון סאָסנאָווע צווייגן, אונדזער הויז וועט זיך צעוואַקסן און מיר וועלן זיך מערן, מיר וועלן דאָרט האָבן אַ סך קינדער, ביי־געבוירענע קינדער, קינדער פון נעכטן, ווידער־געבוירענע קינדער, אין זיי וועט זיין מיין המשך, מיין אומשטערבלעכקייט —

דער בעל־דבר לאַכט. איך פיל אויף זיך זיין פייכטע האַנט און עס עקלט מיך און איך האָב מורא פאַר דעם דאָזיקן באַריר זיינעם און פאַר זיין

רעדן און פאַר זיין לאַכן און פאַר זיין ווילן. כאָטש ער אַליין זעט אויס צו זיין אַ חלוש — ער איז אַ בלאַסער, מיט איין האַנט גריבלט ער אַז אויפהער אין די הויזן, אפשר מאַטערן אים דאָרט די העמאָראָידן.

— שרייב וועגן מיר אַ גרויס ווערק — זאָגט ער — אַזוי אָרום וועסטו אויך גרויס ווערן. כ׳וועל דיך באַלוינען. וועסט זיין ביי מיר אַ סערזשאַנט און ווען עס וועט קומען די צייט וועל איך דיך דעקאָרירן מיט אַ מעדאַל, וואָס וועט זיין אַזוי גרויס ווי אַ פאַטעלניע און אַלע מענטשן וועלן דיך מקנא זיין. שרייב אַ ווערק וועגן מיין גרויסקייט.

— כ׳וועל נאָך דיר שרייבן אַ נעקראָלאָג — זאָג איך, אָבער ער הערט עס נישט, ווייל איך זאָג עס בלויז אין די מחשבות — איך וועל שרייבן אַזאַ נעקראָלאָג, אַז מענטשן וועלן הירזשען פון געלעכטער.

— וועסט שרייבן דאָס, וואָס איך הייס דיר שרייבן — זאָגט ער — און איך האַלט זיך ביי מיינעם, ס׳וועט מיך קיינער צו קיין שום זאַך נישט צווינגען, ווייל תמיד האָב איך דאָך אַן אויסוועג: אויפוועקן זיך.

אָבער דערווייל ווערט ער זייער בייז און שרייט פונקט אַזוי ווי מען האָט שוין אויף מיר געשריגן איין מאָל און אפשר טויזנט מאָל:

— אויף, נידער! אויף, נידער!

הייב איך זיך אויף און איך פאַל אויף דער ערד, און כ׳הייב זיך ווידער אויף און איך קען שוין נישט אויפשטיין און איך קען שוין נישט פאַלן. איך בין שוין פאַרטיק, ווידער פאַל איך, און מיינע ביינער טרעשטשען. דער רעוומאַטיזם לאָזט זיך ווידער פילן, איך ליג שוין אין דר׳ערד.

זעט ער מיט וועמען ער האָט צו טאָן, ווערט ער נאָך וויכטיקער און ער וויל מיר ווייזן, אַז ער באַהערשט פרעמדע שפּראַכן:

— זי ווערדען הינגעריכטעט!

פאַרמאַך איך די אויגן.

— פויער!

זיי שיסן, אַ פייער זוכט זיי. און זיי האָבן מיך געטראָפן. דזשוליעט לייגט מיר די האַנט אויפן שטערן.

— באַרויק זיך, עס איז נאָר אַ חלום.

אַמאָל, אין די אַלטע גוטע צייטן, ווען די וועלט איז נאָך געווען אַ

וועלט, פלעג איך האָבן חלומות זיסע, אָדער חלומות בלויע, אָדער חלומות וואָס האָבן געשמעקט מיט צימרינג צי מיט קימל.

היינט חלומט זיך מיר, אַז איך חלום. און קיין שום זאַך איז נישט לאָגיש. און אַלץ נעמט זיך פון די פסיכאָאַנאַליטיקער. פרויד איז שולדיק, זיגמונט פרויד פון בוטשאַטש. בכלל זענען יידן שולדיק. אין קעלץ, צום ביישפיל, האָבן זיי דערהרגעט אַ קינד צו די פסחדיקע מצות. בכלל די יידן: טראָצקי, היטלער. דרייפוס — אַן אַגענט פון זקני ציון, אַ מענטש מיט צוויי פאַטערלענדער. יידישע אַרבעט, יידישע פּראָוואָקאַציעס: פּאַנאַר, באַבי־יאַר. וועגן אַנדערע זאַכן וועט מען נאָך געוווירער ווערן.

— לאָמיר אַנטלויפן — זאָגט דזשוליעט, אָבער עס איז נישט אַזוי לייכט צו אַנטלויפן פון אַ בייזן חלום. און בכלל: וואָס הייסט אַנטלויפן? ס׳זענען דאָך פאַראַן גרענעצן און ימען, און איך קאָן נישט שווימען. און וויפל מאָל קאָן מען עס אַנטלויפן, ווען מען איז אַלט אַ האַלב יאָרהונדערט און אין די ביינער נאַיעט דער רעוומאַטיזם און דערצו נאָך דאָס האַרץ — אין האַרץ האָב איך אַ שטיין וואָס איז גרויס ווי אַ קאָפּ פון אַ פערד.

פּלוצים באַגעגן איך אַן אַלטן קלעזמער, וואָס פלעגט שפּילן אויף יידישע חתונות. אויך ער האָט צו מיר פּרעטענזיעס. ער פאַרשטייט נישט וואָסערע באַדייטונג עס האָט די גאַנצע מעשה: אַלץ וואָס איך דערצייל דאָ, איז לויט אים נישט מער ווי וויסטע קאַטאָוועס. ער זעט דאָ נישט קיין אָנהייב און נישט קיין סוף. און אינמיטן איז אויך גאָרנישט פאַראַן.

און ער איז גערעכט. כ׳באַטראַכט זיך אין שפּיגל. כ׳בין גראָ, די אויגן איינגעפאַלן. איך בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, איך האָב שוין נישט אַזויפיל צייט ווי אַמאָל. איך גיב אייך דעם קיצור פון אַ מעשה. דאָס איבעריקע שרייבט אייך צו אַליין, דערזאָגט אייך דאָס איבעריקע, אויב איר האָט אַ סך צייט און אַ לייכטן קאָפּ. אויב עס איז צו געדיכט, גיסט צו אַ ביסל וואַסער, און זאָל אייך נישט פאַרדריסן.

דזשוליעט זאָגט, אַז דאָס איז ברוטאַל, מען טאָר אַזוי נישט רעדן וועגן קונסט. מענטשן האָבן ליב אַ שיינעם ראָמאַן וועגן ליבע און פאַראַט, וועגן געטרייקייט און וועגן טויט. מענטשן האָבן ליב צו לאַכן ביים לייענען, און זיי האָבן אויך ליב ווען מען דריקט פון זיי אַרויס אַ טרער. דאָס מאַכט אַ גוטע שטימונג, עס ווירקט גוט אויפן אַפּעטיט און אויפן פּראָצעס פון

פֿאַרדייען. און אַזוי איז עס טאַקע: אַלע פּסיכישע חולאתן נעמען זיך פֿון בויך־וויטיק אָדער פֿון געדערים־אַבסטרוקציע. טייל מאָל זענען די דאָזיקע זאַכן גורם אויף דער גרויסער וועלט־פּאָליטיק, מלחמות נעמען זיך פֿון דעם, פֿאַרשווערונגען און איבערקערענישן.

מיט וואָס היילט מען די דאָזיקע געפּערלעכע זאַכן? אפֿשר מיט דיכטונג. אויב אַזוי וועל איך זיך אָוועקזעצן און שרייבן אַ ליד: פֿאַרוואָס נישט? אַ מאָזאַיִק: גרינקייט, פּעטרישקע, אַ הויפֿטל קרויט, אַ ביסל גאָלד פֿון ראָט־שילדס אוצר, שטערן ליגן אין דער בלאָטע, מען דאַרף זיי נאָר אויפֿהייבן. מען קאָן צוגעבן אַ ביסל געֿרוך פֿון ברויט, ציבעלע, קנאָבל. ריח פֿון מענטשלעכן שווייס נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. און דער ריח פֿון אַ פֿרויען־לייב אין דער שעה, ווען עס געשעט דער נס פֿון פֿאַרזייען דעם זאָמען פֿון לעבן.

— ניטע — פֿליסטערט דזשוליעט — צו שפּעט שוין צו שרייבן אַזעלכע סענטימענטאַלע פּאָעמעס, עס איז נישט די פּאַסיקע צייט. איך ווייס דאָך, אַז דו קלויבסט זיך אין וועג אַרייַן.

זי ווייסט.

מיר רעציטירן ווי אין אַן אַמאַטאָרן־טעאַטער: גיב מיר די האַנט, דזשוליעט, מיר וועלן גיין אַלץ ווייטער און ווייטער, מיר וועלן זוכן שטילע און זיכערע לאַנדשאַפֿטן און טייכן ביי וועלכע עס וווינען מענטשן צאַרטע און פֿילבאַרע. ווילדגראָז וועט באַדעקן אונדזערע שפּורן, דער וואַלד וועט זיך הינטער אונדז פֿאַרמאַכן, מיר וועלן צוריקקערן אַהין, פֿון וואַנען מיר זענען אַרויס.

גייען מיר אין דער ריכטונג פֿון האָריזאָנט, און עס באַגלייט אונדז אַ קאַצן־מוזיק, יונגע מענטשן שפּילן אויף זייערע גיטאַרעס, אַלטע הייזעריקע שיכּורים זינגען, ס׳איז לוסטיק, נאָר מיינע נערוון זענען נישט אין בעסטן צושטאַנד. אַלע לאַכן און מיך נעמט אַרום אַ פּחד און איך שריי.

— לאָמיר האַלטן די האַנט אויף דעם דופּק פֿון דער וועלט!

לאַכן זיי מיך אויס און איינער זאָגט, אַז דאָס וואָס זיי טוען, איז אַ וויכטיקע זאַך: ס׳איז די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראייניקונג אויף דער באַזע פֿון דזשאַז־מוזיק.

גייען מיר ווייטער, דורך אַ הויכער בריק, איבער אַ טיפֿן טייך, און

דער טייך הייסט מסתמא סמבטיון. און אין אמתן איז עס נישט קיין טייך און נישט קיין בריק. ס׳איז דער ברעג פון אַ ים. פון וואַנען נעמט זיך דאָ אַ ים?

און דזשוליעט: זע, קינדער בויען דאָ אַ פּאַלאַץ אויס זאַמד.

— און די דערוואַקסענע? — פרעג איך — וואָס טוען די דערוואַקסענע?

— דערוואַקסענע זענען פאַרנומען מיט ערנסטע זאַכן. זיי קעמפן איצט. פאַר פרייהייט, אָדער קעגן דער פרייהייט.

— אָבער נישט אַלע האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט אָדער קעגן פריי־הייט. איך דערזע אַ המון פון מענטשן און מסתמא זענען עס געווען מענטשן דערפאַרענע, נישט דווקא קינדער. זיי שטייען ביי אַ באַרג פון גאָלד און איידלשטיינער און זיי אַרבעטן שווער: זיי וואַרפן דאָס גאָלד אין ים אַריין, פּונקט ווי עס וואָלט געווען נישט גאָלד נאָר מיסט. ס׳געפעלט מיר די דאָזיקע אַרבעט.

נאָר איין אַלטע פרוי, יענע טריבע זקנה וואָס האָט נישט ליב קיין רויזן, יענע וואָס האָט ליב ברויט און מילך און קנאָבל — זי שטייט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט טרערן אין די אויגן זאָגט זי, אַז מען טאָר נישט אַרויסוואַרפן קיין גאָלד, ווייל פאַר גאָלד קאָן מען קויפן מעל און פּוטער און אַנדערע גוטע זאַכן. און זי בעט מען זאָל איר געבן אַ קליין דימענטל. אָבער קיינער באַמערקט זי נישט, ווייל זי איז אַן אַלטע און דאַרינקע, און מענטשן זענען איצט זייער פאַרנומען. אַן אַנאַרכיסט אין אַ שוואַרצער רובאַשקע ווישט דעם שוויס פון פּנים און ער זאָגט, אַז דער ים איז גרויס, אין די אָפּגרונטן פון ים איז נאָך פאַראַן אַ סך פּלאַץ, מען קאָן נאָך דאָ אַריינשיטן וואַגאָנען מיט באַנקנאָטן, מינץ, וועקסלען, און אויך אַזעלכע זאַכן ווי ביקסן און האַרמאַטן. אַלץ קאָן מען אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

— לאָמיר גיין — זאָגט דזשוליעט — מיר האָבן נישט קיין צייט, דיין צוג וואַרט, דו מוזט פאָרן.

איך מוז. תמיד האָב איך עפּעס געמוזט.

דער צוג: שווערע רעדער קייקלען זיך פאָרויס.

— די רעדער פון דער געשיכטע — זאָגט מיין באַגלייטערין.

מיר פאָרן שוין. מיר פאָרן שוין לאַנג. מיר פאָרן אויף אַ פּערמאַ־נענטן אופן.

זאָל זיין אַזוי. זאָל זיך מיר דאַכטן, אַז מיר פאָרן. מיר מיידן אויס שראַנקנס און וואָקזאַלן, יעדן וואָקזאַל מיידן מיר אויס בלויז איין מאָל אין לעבן.

— שוין? — פרעגט זי — וואָס איז געשען? ווו וועט מען אונדז איצט פירן?

ס'איז גאָרנישט געשען. דער מאַשיניסט האָט דערזען אַ בלויען שמע־טערלינג, האָט ער פאַרהאַלטן דעם צוג, ער איז געגאַנגען כאַפּן דעם שמעטערלינג, ער זאַמלט שמעטערלינגען.

איינער פון די פּאַסאַזשירן האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער פון וואַגאָן, ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס דאָ קומט פאָר. און דער ווינט האָט געכאַפּט זיין קאַפּעליוש און אַוועקגעטראָגן אים ווייט, ווייט. דער קאָנדוקטאָר און הונדערט אַנדערע פּאַסאַזשירן לויפן נאָך, זיי ווילן אָפּ־נעמען ביים ווינט דעם קאַפּעליוש. פּלוצים דערזעען זיי אַ לאָנקע מיט מאַרגאַריטקעס, לאָזן זיי זיך צו די מאַרגאַריטקעס. אַלע זענען זיי איצט גליקלעך. אַלע לאַכן זיי און אויך דזשוליעט פרייט זיך און לאַכט —

קומט אָן אַ מענטש אין אַ מונדיר מיט מעשענע קנעפּלעך און פרעגט מיט אַ רוגזהדיקע שטימע:

— ווער לאַכט דאָ?

געלאַכט האָבן אַלע, אָבער ער קוקט נאָר אויף אונדז — אויף דזשוליעט און אויף מיר, ער פאַרלאַנגט אַ תשובה.

די גאַנצע פרייד האָט מיטאַמאָל דער שלאַג געטראָפן, ער האָט אונדז פאַרשטערט די שמחה.

זאָג איך אים, אַז קיינער לאַכט נישט.

— איך זע און איך הער, אַז איצט לאַכט שוין קיינער נישט. אָבער איך וויל וויסן ווער עס האָט געלאַכט פריער.

— איך האָב געלאַכט — זאָג איך — איך האָב נישט געוווּסט, אַז מען טאָר נישט לאַכן.

— איך זאָג נישט, אַז מען טאָר נישט. מען מעג. איר מעגט לאַכן, אָבער בלויז אויף אייער אַחריות.

איך פֿאַרשטיי נישט, קלערט ער מיר געדולדיק אויף.

— איר פֿאַרשטייט נישט? דעמלט ווען איר וועט פֿאַרשטיין, קאָן שוין זיין צו שפּעט. ווייל עס איז נישט גענוג צו פֿאַרשטיין, וויכטיק איז מען זאָל פֿאַרשטיין אין דער ריכטיקער צייט. עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט אַ סך מדינות, אין יעדער איינציקער מדינה זענען פֿאַראַן אַנדערע געזעצן און מינהגים. איך בין אַמאָל געווען אין אַ לאַנד, ווו מען טאָר נישט וויינען. פֿאַראַן לענדער, ווו מען טאָר נישט קרעכצן. כ׳האָב געהערט וועגן אַ לאַנד, ווו עס ווערן קאָנטראָלירט די חלומות פֿון אַלע בירגער. אָבער ביי אונדז זענען פֿאַראַן אַנדערע געזעצן, מער ליבעראַלע. ביי אונדז מעג מען קרעכצן און חלומען, דאָס איז נישט פֿאַרבאָטן. מען מעג אויך לאַכן, נאָר עס זענען פֿאַראַן ספּעציעלע מלוכהשע אָרגאַנען, וואָס פֿירן רשימות: ווער לאַכט, פֿאַרוואָס לאַכט ער, ווי אָפֿט לאַכט ער און קעגן וועמען איז געוואָנדן דער דאָזיקער געלעכטער. עס מוז אויך פֿעסטגעשטעלט ווערן וויאַזוי ער לאַכט. איר ווייסט מסתּמא, אַז לאַכן קאָן מען אויף הונדערט זיבעצן פֿאַרשידענע אופֿנים: צום ביישפּיל — איראָניש, סאַרקאַסטיש, סאַרדאָניש, אידיאָטיש, גיפֿטיק, און אַזוי ווייטער. אונדזערע וויסנשאַפֿטלער מאַכן אויף דעם דאָזיקן געביט פֿאַרשידענע וויכטיקע פֿאָרשונגען און זיי האָבן שוין גרויסע דער־גרייכונגען און דערפֿאָלגן. גרעסערע ווי אין אַנדערע לענדער אויף יענער זייט פֿון דער גרענעץ.

דזשוליעט האָט געפֿרעגט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ גרענעץ און ווו זי געפֿינט זיך. דער מאַן מיט די מעשענע קנעפּלעך האָט אויפֿגעקלערט, אַז די גרענעץ איז דאָ, און דאָרט. און אומעטום. ער האָט געזאָגט, אַז ווען עס שטייען צוויי מענטשן נעבן זיך, איז די גרענעץ צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן. און אויך אינמיטן פֿון דעם ערשטן איז פֿאַראַן אַ גרענעץ, און אויך אינמיטן פֿון דעם צווייטן. און ער האָט צוגעגעבן, אַז עס זענען פֿאַראַן גרענעצן האָריזאָנטאַלע און ווערטיקאַלע, אָבער דאָס האָב איך שוין נישט פֿאַרשטאַנען. און פֿרעגן האָב איך זיך געשעמט.

דזשוליעט האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און זי האָט זיך צעוויינט. זעט אויס, אַז ווידער האָט זיך איר עפּעס דערמאָנט.

— וויין נישט — זאָג איך — מיר האָבן שוין אַזויפֿיל טרערן פֿאַרגאָסן, אַ ים מיט טרערן האָבן מיר פֿאַרגאָסן און קיינעם האָט עס נישט גערירט.

— װעגן װאָסערער גרענעץ האָט ער געזעדט? איז עס די גרענעץ פֿון טויט?

— ניין — װײַל איך זי טרייסטן — ס'איז די גרענעץ צװישן לעבן און לעבן.

— װײַז מיר די דאָזיקע גרענעץ אויף דער מאַפּע.

זאָג איך איר, אַז איך האָב נישט בײַ זיך קיין שום מאַפּע, בכלל האָט נאָך קיינער אַזעלכע מאַפּעס נישט אויסגעטראַכט. און בכלל איז דאָך דאָס אַלץ, װעגן װאָס מיר רעדן, רעלאַטיװ און סימבאָליש. און קיין אָפֿענע דיבורים קענען מיר דערװײַל נישט רעדן, װײַל די װענט האָבן אויערן און די ביימער האָבן אויערן און אַפֿילו די גאַסן־לאַמטערנעס שלאָפֿן נישט

— זי שטייען און האָרכן:

— האָסט מורא?

— אַװדאי האָב איך מורא.

— איך בין מיט דיר.

זי איז שיין — בלי מום.

— איך בין אַ געלע — זאָגט זי — און מײַנע האָר זענען װי אַ פֿלאַם אויפֿן װינט.

אַ האָן קרייעט אויף דעם ציבעלע־דאַך פֿון דער װיטעבסקער צערקװע, אַ פּאַװע פֿליט איבער דעם בית־המדרש. אַ קברן פֿון מײַן יידישן ראָמאַן קריכט אויף דעם לייטער אין הימל אַרײַן. אויף טשיזשמעלעך קינדערשע װעלקט אַן אײַנזאַמע פּאַרטריקנטע בלום. אויף אַ באַרג פֿון אַש װאַקסן פּיאַלקעס. ס'פֿאַלט צו דער אָװנט. עס דראָט די גרויסע שװאַרצע און אומ־ענדלעכע נאַכט.

— טראַכט נישט װעגן טויט — זאָגט דזשוליעט — האָרך!

און איך האָרך. עס איז שטיל. אָבער אין דער דאָזיקער שטילקייט איז אויך אַ מוזיק פֿאַראַן. אַ גרויזאַמע מוזיק אין דער שטילקייט. און אַ גרויסע שטילקייט אין דער מוזיק. און איך װייס, אַז עס איז אַ מוזיק, װאָס קיינער הערט שוין דאָ נישט — קיינער אַחוץ אונדז.

ס'איז נאַכט, אָבער װײַסע פּאַסמעס ליכט באַװעגן זיך אַרום אונדז. אפֿשר זענען עס לבנות און שטערן, אפֿשר זונען אומבאַקאַנטע פֿון חלל. און די מוזיק װערט אַלץ נענטער און נענטער. קלאַנגען צוריקגעקומענע

פון דער אומענדלעכקייט, אַלטע און אויך באַנייטע, אויפגעשטאַנענע תּחית־המתים, וואַרעמע, פריידיקע, האַרצרייסנדיקע.

ביסט שיין, מיין יונגע פריינדין, כּלה מיינע, רויז נישט צעבליטע. זי טאַנצט אַרום מיר, איך לייג די הענט אויף אירע אַקסלען, איך קני און קוש אירע פיס — דיינע זילבערנע טשיזשמעלעך, ווייסע טשיזשמעלעך טוסט זיי אָן אין פלי און מיר טאַנצן דעם וואַלס פון אַ זומערדיקער נאַכט, כאַטש אַרום איז האַרבסט און בלעטערפאַל, מיר טאַנצן אונדזער חתונה־טאַנץ אין גרויסן זאַל, ווו עס בליט אַ מאַרגאַריטקע אויף דעם באַרג פון קינדערשע שיכלעך, מיין ליבע, מיין שיינע, איך האַלט אין דער האַנט דיין שווערן צאָפּ, און אַרום אונדז טאַנצן פאַרן חתונה־געסט: יונגע פאַרן, שיינע פאַרן, פאַרן גרויע בכבודיקע זקנים — אונדזער גרויסער באַל איז היינט, און דו ביסט די מלכּה פון באַל, דו ביסט די מלכּה פון שיינקייט, די מלכּה פון מיידאַנעק — מיין הייפעלע אַש און טרוקענע ביינדלעך, מיין הייפעלע —

אין דער סאַמע מיט פון וואַלס האָט עמיץ אַ כליאַסט געטאָן מיט דעם קצבישן מעסער — און אויס!

ווו איז די מוזיק? דזשוליעט ווו איז? ווו זענען מיר?

מיר.

— זייט וואַך! — וואָרנט די בילנדיקע שטימע אין ראַדיאָ־הילכער — דער שׂונא איז צווישן אונדז. דאָס אינטערנאַציאָנאַלע יידנטום האָט צוגע־גרייט אַ פאַרשווערונג. דער ציוניזם וויל פאַרכאַפּן די מאַכט אין אונדזער פרידלעך לאַנד. דער יידישער פאַשיזם וויל באַהערשן די וועלט. זייט וואַך! די יידישע אַגרעסאָרן און פעלקער־מערדער צוזאַמען מיט די נעאָ־היטלע־ריסטן הרגענען אומשולדיקע קריסטלעכע און מוזולמענישע קינדער. זייט נישט פּאַסיוו אין קאַמף קעגן די פרעמדע עלעמענטן וואָס האָבן יאָרהונדער־טער לאַנג פאַרשוועכט אונדזער נאַציאָנאַלן כּבוד!

— האָרך אים נישט! — וואָרקעט אויף מיר מיין געטרייער פריינד, דער הונט מיינער, און ער שלעפּט מיך ביי דער פּאָלע פון מאַנטל — האָרך אים נישט. לאָמיר אַהיימגיין און געזעגענען זיך מיט אונדזערע פיר ווענט...

יציאת פוילן

אַ סך יאָרן האָב איך זיך אין די געדאַנקען געמאַטערט מיט דער דאָזיקער פראַגע: פאָטערלאַנד, היים. ווי אַזוי שאַפט מען זיך אַ נײַ פאָטערלאַנד? עס איז דאָך נישט די זעלבע זאַך, ווי צו פאַרשאַפן זיך אַ נײַע פּאָר הויזן, אַ נײַעם קראַוואַט אָדער אַ נײַ רענצל. און די שוועריקייט איז געווען נאָך אַ גרעסערע, ווײַל איך האָב פײַנט פּאַטעטישע ווערטער, קיין מאָל פלעג איך דאָרט דאָס וואָרט „פאָטערלאַנד" נישט באַנוצן. נישט אין רעדעכץ און נישט אין שרײַבעכץ. ביז הײַנט פיל איך אַן אומחן צו רעדנער און שרײַבער, וועלכע באַניצן זיך מיטן דאָזיקן וואָרט ווי מיט אַ רוישטאָף צו זייער טעגלעכער אַרבעט. און ווען איך פלעג הערן דאָס דאָזיקע וואָרט דאָרט, ווו איך האָב פריער געלעבט, פלעגט זיך מיר דערמאָנען דער היסטאָרישער אַנעקדאָט וועגן דער שיינער פוילישער גראַפין וואַלעווסקאַ און וועגן דעם פראַנצויזישן קיסר נאַפּאָלעאָן. ווען זי איז צום ערשטן מאָל געקומען צו אים אין שלאָפצימער און ווען דער ענערגישער באָנאַפּאַרטע האָט גענומען אויפקנעפּלען איר בלוזקעלע, האָט זי פּאַטריאָטיש און פרום אַ פרעג געטאָן: און וואָס וועט זײַן מיט מײַן פאָטערלאַנד, מאַיעסטעט?

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַ ייִד, וואָס האָט זיך געקליבן צו פאָרן קיין ישׂראל, איז דאָס פּראָבלעם געווען אַן אַנדערע. מיר זענען דאָך געפאָרן נישט אין אַ נײַ פאָטערלאַנד, נאָר אין דעם אַלטן לאַנד, וואָס יאָר־טויזנטער איז עס געווען פאַרלאָזט און אין קייטן, ווער עס האָט געוואָלט און געקאָנט, דער האָט דאָרט באַלעבאַטעוועט, באַבילאָנער און רוימער, גריכן און מאַמעליוקן, מיצרים און קרייצטרעגער, טערקן און ענגלענדער, און אַפילו נאַפּאָלעאָן האָט דאָ אַרײַנגעשטעקט אַ פוס. דאָס איז דאָס לאַנד, ווו מײַן עלטער־

זיידע, דער בראָדיאַגע, דער דאָרפס־ייִד מיט נאָמאַדישע מינהגים האָט זיך דאָ ווי אַ בעדוויִנער אַרומגעשלעפּט איבער די מידבריות, געפּאַשעט די שאָף, געחתמעט אָפּמאַכן מיטן רבונו־של־עולם, פאַרפירט אַ שיינע אַראַבישע שיקסע און געמאַכט איר אַ קינד. אויפן מוריה־באַרג איז ער גרייט געווען דעם געזעצלעכן זון צו ברענגען פאַר אַ קרבן אַזוי, ווי עס פלעגן דאָס אויך געוויסע ערטער טאָן די אויטאָכטאָנען, אין חברון איז ער געווען פאַר־מישט אין אַ ליבע־אַפּערע פון זיין פרוי און מיין עלטער־באָבע שׂרה — אָבער דאָס אַלץ איז שוין אַן אַלטע מעשׂה, נישט שיין צו באַרעדן די אייגענע אָבות, וואָס איז געווען איז געווען — וויכטיק איז, אַז ער איז געווען מיין זיידע. און אַז מען פאָרט צו אַ זיידן, פאָרט מען אַהיים. ריכטיק?!

האָב איך דאָס פריערדיקע פאָטערלאַנד מיינס — דאָס סלאַווישע, פּוילישע — פאַרלאָזט און אין אַ געוויסער האַרבסטיקער נאַכט בין איך אַריין אין שנעלצוג וואַרשע־ווין, כ׳האָב זיך אָוועקגעשטעלט ביים פענצטער פון וואַגאָן. עס איז מיר געווען שווער און אומזיכער אויפן האַרצן. דער האַרבסטיקער רעגן ווירקט אויף מיר תמיד דערדריקנדיק. אויפן פעראָן זענען געשטאַנען אַ צוויי מנינים מענטשן, מיינע פּוילישע פריינד און אויך עטלעכע פאַרזאָרגטע יידן, ס׳איז געווען טריב, שווייגנדיק, עטלעכע פרויען האָבן זיך צעוויינט. פּלוצים האָב איך דערזען אַ פרעמדן פאַרשוין מיט אַן אומעטיק פּנים, ער האָט זיך דורכגעשטופּט פאָרויס און זיך פאַרהאַלטן ביי דער טיר. גלינאַ — האָט עמיץ געזאָגט שטיל, און מיטן וואָרט „גלינאַ״ רופט מען אין פּוילן אַ פּאָליציאַנט אָדער אַ שפּיצעל. ער האָט דערהערט און זיך אומגעקוקט. שיין פון אייער זייט, אַז אויך איר זענט געקומען צו דער לוויה, האָב איך צו אים געזאָגט; גיט איבער פון מיר אַ גרוס אייער פרוי און אייער נאַטשאַלניק.

דאָס איז מיין פליכט, האָט ער געענטפערט. און האָט צוגעגעבן מיט אַ געמאַכטן שמייכל: עס איז מיר זייער פיינלעך.

איך האָב זיך צעלאַכט, עס האָט מיר פּלוצים אויפגעהערט צו זיין קאַלעמוטנע אויפן האַרץ, כ׳האָב צו אים אויסגעצויגן די האַנט און האָב אים געגומען טרייסטן. נעמט אייך נישט איבער, מיר איז אויך זייער פיינלעך און דער אָוונט איז אַ קילער און איר זענט אַן אַ מאַנטל, איר וועט באַך, חלילה, כאַפּן אַ קאַטאַר.

עמיץ האָט זיך צעלאַכט, דער שפּיצעל האָט זיך מיר אויסגעוויזן סימ־פּאַטיש, איך האָב געהאַט אויף אים רחמנות, אויף דעם אָרעמען פונקציאָנער פון דער אינקוויזיציע.

— איך ווינטש איך גליק — האָט ער געזאָגט — דריקנדיק מיין האַנט, פון גאַנצן האַרץ ווינטש איך אייך.

און שוין האָט ער זיך צוריקגעצויגן, ער איז אַוועק, און איידער ער האָט זיך אויסגעמישט מיטן המון, האָט ער נאָך לאַנג געפאָכעט צו מיר מיט דער האַנט. פאַרוואָס איז ער געקומען? פאַרוואָס איז ער אַוועק?

מיט אַ טאָג פריער האָב איך דערליידיקט די פאָרמאַליטעטן אין דער גרויסער האַלע פון צאָלאַמט. פאָרמולאַרן, דערלויבענישן, באַשטעטיקונגען און טויזנט אַנדערע פּאַפּירלעך און אַ סיכסוך מיטן באַאַמטן וועגן דעם, וואָס מען מעג מיטנעמען און וואָס מען טאָר נישט. איז געקומען דער נאַטשאַלניק אין אַ מונדיר מיט גילדענע קנעפּ, ער האָט באַשמעקט די פּאַפּירלעך, אָפּגעשייגעצט דעם אונטערגעאָרדנטן צאָל־באַאַמטן, און שוויינג־דיק האָט ער אויף מיר געקוקט און אויך איך האָב אים שווייגנדיק באַ־טראַכט, און פּלוצים האָבן מירביידע גלייכצייטיק אויסגעשאָסן אין אַ געלעכטער.

אין אַלטערטימלעכן ישראל האָט מען פיינט געהאַט צאָל־אַנגעשטעלטע — האָב איך געזאָגט — מען האָט זיי פאַראַכטעט. און דאָך איז איינער פון זיי געוואָרן אַן אַפּאָסטאָל, אַ תלמיד פון ישו הנוצרי.

ער האָט אַוואַנסירט אויף אַ הייליקן, ווייל ער האָט נישט גענומען קיין כאַבאַר — האָט מיר אויפגעקלערט דער נאַטשאַלניק. איך נעם אויך נישט.

די ערגסטע זענען די, וואָס נעמען נישט — האָב איך געענטפערט.

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ הילצערנעם קאַסטן און פאַר־רויכערט.

איר פאָרט אַוועק — האָט ער געזאָגט — איר האָט זיך באַליידיקט פון די דאָזיקע נאַרישע מעשׂיות וועגן ציוניסטן און אימפּעריאַליסטן, איך פאַרשטיי, קיינער דאַרף קיינעם נישט באַליידיקן, קיינער דאַרף זיך נישט פון קיינעם לאָזן באַליידיקן, דאָס איז נישט האַנאַראָווא, יעדע באַליידיקונג דאַרף מען פון זיך אַראָפּוואַשן ווי בלאָטע, אָבער אַרויספאָרן דאַרפט איר

נישט, איר זענט דאָך נישט זיכער, צי דאָרט וווּהין איר פאָרט, וועט מען אייך ווידער נישט באַליידיקן, אומעטום איז דאָך די זעלבע וועלט.

ווי אַזוי זאָל איך זיך אָפּוואָשן — האָב איך געפרעגט — מיט וואָסער? מיט זייף?

דער נאַטשאַלניק האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, זיך אויסגעגלייכט דינסטלעך, ווי אַן אונטעראָפיצער אויף דער דעפילאַדע און האָט געזאָגט: דערלאַנג מיר אין די ציין, דאַבראַדזשעיו, דאָס וועט אייך באַרויִקן, איר וועט זיין סאַטיספאַקציאָנירט, און מיר וועלן גיין טרינקען ביר.

עס האָבן מיר געצירט זיינע ווערטער. איך האָב געדריקט זיין האַנט און אים געענטפערט: עקסצעלענץ! לאָמיר וואָס גיכער ענדיקן דעם דאָזיקן באָרדעל, ביר טרינקען, וועלן מיר נישט, מיר וועלן גיין טרינקען בראַנפן, מיר וועלן היינט אויסטרינקען אַ ים פון אָקעוויט.

ער האָט אויסגעטאָן זיין אָפיצערישן שינעל, אַריינגעקראָכן אין דעם אָפענעם קאַסטן און האָט גענומען פּאַקן מיינע ביכער, בילדער, שרייב־מאַשינען, אַ גיטאַרע, די גאַטקעס און העמדער, און אויך דעם פוקסענעם פעלץ וואָס איך האָב מיטגענומען, ווייל מען האָט געזאָגט, אַז אויפן באַרג חרמון פאַלט אַ שניי.

די צווייטע נאַכט בין איך שוין אַרויסגעפאָרן קיין ווין. צווישן קאַטאָוויץ און דער טשעכישער גרענעץ איז אַריינגעקומען אין קופּע אַן אָפיציר פון דער גרענעץ־וואַך. איך האָב אים דערלאַנגט מיין נעבעכדיק פּאַספּאָרטל, וואָס איז געווען געדרוקט ספּעציעל פאַר יידן און פאַר דייטשן, וועלכע עמיגרירן פון פוילן. דאָס פּאַספּאָרטל איז געווען פאַרזען מיט אַ קלאַוזול: „באַרעכטיקט נישט צום צוריקקער".

דער אָפיציר האָט אַ קוק געגעבן אויף דער פאָטאָגראַפיע אין דאָקו־מענט, דערנאָך אויף מיר, מיין נאָמען איז אים זעט אויס, נישט געווען גאַנץ פרעמד: פיינלעך, אַז אויך איר פאָרט אַרויס — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון מיטגעפיל.

כ׳האָב געעפנט דאָס רענצל צום קאָנטראָל. אָבער ער האָט נישט גע־וואָלט קאָנטראָלירן, און אויך ער האָט מיר געוווּנטשן אַ סך דערפאָלג.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געוואָיעט דער ווינט, דער רעגן איז אַראָפּגע־שווומען פון די פענצטער. כ׳האָב געטראַכט, געפייניקט זיך מיט די געדאַנ־

קען, קיין שום פרייד האָב איך אין זיך נישט געפילט. פאַר מיר שטייט איצט אָפן די גאַנצע וועלט, אַוודאי, אָבער — וואָס איז די פרייע וועלט? אַנדערע פאָרמען פון באַטריגן? אַנדערע אילוזיעס?

בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן, און ראָזענבערג, מיין שכן, איז אַריינגעקומען און האָט געזאָגט: איידער דו גייסט אַוועק, פאַרבייג זיך טיף, בוק זיך פאַר די ווינקעלעך פון דער שטוב, דאַנק זיי, האָסט דאָ געלעבט, ס׳איז דיר דאָ גוט געווען, ביסט דאָ געווען גליקלעך, וועסט שוין אפשר קיין מאָל נישט ווינען אין אַזעלכע פריינדלעכע ווענט.

האָב איך זיך געבוקט, געגנייגט זיך פאַר יעדן ווינקל, געדאַנקט. מיין הונט איז מיר נאָכגעגאַנגען, געקוקט אויף מיר מיט זיינע קלוגע אויגן, וועלכע זענען היינט געווען אומעטיק און אומרויִק — ער האָט שטיל געוויינט, ער האָט שוין לאַנג פאַרשטאַנען, אַז עפּעס קומט דאָ פאַר נישט פריילעכס, ס׳איז מיר געווען אַ רחמנות אים איבערצולאָזן, אַ קלוגער הונט איז ער געווען, אַ גוטער, געטרייער. איין מאָל בין איך אַרויסגעפאָרן אויף דאַטשע און האָב אים איבערגעלאָזט ביי מיין שכן, אַ גאַנצע וואָך בין איך נישט געווען אין דער היים, און ער האָט אַ גאַנצע וואָך נישט געוואָלט פרעסן, ער האָט קוים געזשיפּעט, ווען איך בין צוריק געקומען, ער האָט אויף מיר פיינטלעך געבילט, געשטשירעט די ציין, ער איז געווען באַליידיקט, נישט געלאָזט זיך אָנרירן, געקריגט זיך מיט מיר און געזידלט אויף זיין הינטישן לשון, איך האָב געשוויגן, ווייל כ׳האָב זיך געפילט שולדיק. צום סוף האָט ער מיר מוחל געווען, געבראַכט אין די ציין די לעדערנע סמיטשע, כ׳זאָל מיט אים גיין שפּאַצירן. איצט האָב איך אים ווידער איבערגעלאָזט, דאָס מאָל וועל איך שוין נישט צוריקקומען אין אַ וואָך אַרום, דאָס מאָל וועל איך שוין קיין מאָל נישט צוריקקומען.

אַזוי האָב איך געחלומט יענע נאַכט אין וואַגאָן וואָס האָט זיך געשלעפּט צו דער טשעכישער גרענעץ. קודם האָט זיך מיר געחלומט דאָס הינטל און דערנאָך האָט זיך מיר דער חבר וויעסלאַוו * באַוויזן. ער האָט געהאַלטן אַ

* וויעסלאַוו גאָמולקאַ, ערשטער סעקרעטאַר פון פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי.

גרויסע רעדע, אַ שטימע האָט ער געהאַט אַ הייזעריקע, מינוטנווייז אַ קוויטשעדיקע, פּונקט ווי אויף דער וואָר, ער האָט גערעדט און גערעדט, גרויסע יופּיטערן האָבן באַלויכן דאָס בלאַסע געזיכט פֿון ערשטן סעקרעטאַר, מעטאַליש האָט געגלאַנצט זיין פּליך, אויפֿן עקראַן פֿון טעלעוויזאָר האָט זיין קאָפּ אויסגעזען ווי אַ גרויס איי, אַזוי דעפּאַרמירט האָט ער זיך מיר אין חלום, פֿון די מויל־ווינקעלעך איז אים גערונען אַ שוימיקע סליונע, ער האָט שווער געאַרבעט, נערוועז איז ער געווען אין דאָזיקן טאָג, געשריגן, געוואָרנט, געדראָט, באַלד האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז עס גרייט זיך עפּעס אַן אַפּערע, עפּעס אַ חזירײַ גייט מען דאָ עמיצן אָפּטאָן, ווייל וואָס העכער אַן אָנפּירער שרייט, אַלץ מערער ליגנס האָט ער צו פֿאַרקויפֿן. וועגן דעם געדענקט מען אַפֿילו אין חלום. די דרשה איז געווען אַן אידעאָלאָגישע, ער האָט זיך ווי געוויינלעך פֿאַררופֿן אויף דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, אויף דער מאַרקסיסטישער דיאַלעקטיק, די לעניניסטישע וואַכזאַמקייט האָט ער דערמאָנט, די געטריישאַפֿט צו די פֿענער פֿון אַרבעטער־קלאַס, די גאַנצ־קייט פֿון דער פּאַרטיי, די פֿאַראייניקטע רייען. און דערנאָך מער פּאַדראָבנע, דאָס הייסט געניער: אַז דאָס געשפּענסט פֿון אימפּעריאַליזם און רעאַקציע, אַז דער קאַפּיטאַליזם, אַז דער ציוניזם, די ציוניסטישע אַגענטור, די יידישע פֿינפֿטע קאָלאָנע, דאָס מאָרדן פֿון שוצלאָזע אַראַבישע קינדער און פֿרויען אין אַנדערע אומשטענדן, אַלץ האָט ער שיין אויסגעמישט, צוגעפּעפּערט מיט קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט ישׂראלדיקער אַגרעסיע, פֿאַשיזם און נעאָ־פֿאַשיזם, ראָטשילד, אַמעריקאַנער מיליאָנערן פֿון משהס גלויבן, — איצט בין איך שוין נישט געשלאָפֿן, כ׳האָב שוין נישט געחלומט, מיט זיין געשריי האָט מיך דער חבר וויעסלאַוו אויפֿגעוועקט, פֿון שלאָף אַרויסגעריסן. און דער צוג האָט זיך ריטמיש געקייקלט צו דער טשעכישער גרענעץ, איך האָב נישט געעפֿנט די אויגן, ווייל וואָס וועט דאָס העלפֿן, צי איך וועל האָבן אָפֿענע אויגן, צי פֿאַרמאַכטע, זייט ער האָט יענע רעדע געהאַלטן, האָט מיר אַן אויפֿהער זיין שטימע געסקריפּעט אין די אויערן, כ׳האָב זיך נישט געקאָנט פֿון יענער דערמאָנונג באַפֿרייען.

כ׳האָב געפּרוווט אַריינדרינגען אין דער טיפֿעניש פֿון מיין אייגענעם עקלהאַפֿטיקן אינגעווייד, אין מיינע אייגענע אינעווייניקסטע איבערצייגונ־גען און געפֿילן, אין מיין כאַראַקטערלאָזער אידעענלאָזיקייט. כ׳האָב אָנגע־

הויבן אַ קליינע אונטערזוכונג, אַן אויספאָרשונג קעגן זיך אַליין. דו, אַלטער פאַרברעכער, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט ווי אַן אמתער אויספאָרשער צו אַן אמתן פּרעסטופּניק, דו פאַרשאָלטענער רעאַקציאָנער, ביסט אַ פאַר־פוילטער אימפּעריאַליסט, האָסט נישט ליב דעם ערשטן סעקרעטאַר, האָסט נישט ליב דאָס פּוילישע פאָטערלאַנד, ביסט אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער נאַציאָנאַליסט פון משהס גלויבן, דו אַלט פערד, ערשט נישט לאַנג האָסטו זיך צעוויינט, הערנדיק אַ פּלאַטע מיט „כּל־נדרי״, פון אַזעלכע זאַכן הייבט זיך אָן דער דעקאַדענטיזם און דער פאַרראַט, ס׳הייבט זיך אָן פון עסטעטי־שער גערירטקייט, דערנאָך לייענט מען די הייליקע שריפט, און שטופּנוויז קומט מען צו צום שאָוויניסטישן קולט פון משה דיין. אַזאַ קליינינקן מוסר האָב איך זיך אַליין שטילערהייט געפּרעדיקט און, פאַרשטייט זיך, איך האָב זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן: תּמיד האָב איך געהאַט אינטערנאַציאָנאַ־ליסטישע טענדענצן, איך בין געווען פאַר דעם, אַז יידן זאָלן נאָכגיין משה רבינוס ביישפּיל און זאָלן זיך משדך זיין מיט די בעדוּיִנער, זיי זענען דאָך אונדזערע געשוועסטערקינדער. אמת, איך פלעג אין די יונגע יאָרן זייער שטאָלץ זיין דערמיט, וואָס שלמה המלך איז געווען אונדזער מלך, מיין סימפּאַטיע צו אים האָט זיך אָבער געגומען בלויז פון זיין ליבע צו דריי גוטע זאַכן, צו דיכטונג, ווײַן און פרויען, אָבער קיין נאַציאָנאַליסט בין איך נישט געווען, כ׳בין נישט געווען קיין ציוניסט, נישט קיין טעריטאָריאַליסט, כ׳בין נישט געווען קיין קאָמוניסט, נישט קיין טראָצקיסט, נישט קיין סאָציאַליסט, נישט קיין סינדיקאַליסט, כ׳בין אַפילו קיין מאָל קיין פילאַטע־ליסט נישט געווען — איז וואָס וויל ער פון מיר, דער חבר נומער איינס?

וויעסלאַוו האָט געקלאַפּט מיט די פויסטן אין טיש, די ראַדיאָ־מיקראָ־פאָנען האָבן זיך געוואַקלט ווי אין אַ שטורעם־ווינט, שטיקער שוים זענען געפאַלן פון זיין באַגייסטערט מויל, ער האָט געשוויצט, איבער דער טריבונע האָט געשיינט דער געניאַלער פּליך פון חבר לענין, אויך ער האָט געהאַט אַ קוויטשענדיקע שטימע, קאַרל מאַרקס האָט געקוקט אויף מיר בייז, אויך ער האָט מיך פיינט געהאַט, יונגע יאַטן פון „סלוזשבאַ פּאָלסצע״ * און פון

---

* פּאַראַ־מיליטאַריסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

„זעט.עמ.פע." ** האָבן געפּאַטשט בראַוואָ: יידן קיין פּאַלעסטינע, און: נידער! נידער! און דערנאָך: זאָל לעבן וויעסלאַוו! ס'איז פּלוצים געוואָרן וואַרעם, ס'איז פּלוצים געוואָרן הייס, און איך האָב זיך דערפילט געפאַלן און געטראָפן, געטראָפן און געפאַלן, כ'האָב געוואָלט זיין קליין, קליין, נאָך קלענער, אַז קיינער זאָל מיך נישט זען, קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן — זיי האָבן מיך דעקאָנספּירירט, זיי האָבן פון מיין פּנים אַראָפּגעריסן די מאַסקע. כ'האָב אָנגעהויבן מורא צו האָבן, אַנדערע מענטשן האָבן מער מזל פון מיר, זיי ווערן געבוירן העלדן, אָדער זיי ווערן בכלל נישט געבוירן, און איך האָב שטענדיק מורא, כ'האָב מורא פאַר מונדירן, כ'האָב מורא פאַר אָנפירערס, פאַר פּאָליטיקאַנטן, פאַר אינטריגאַנטן, פאַר מוסרים, פאַר ערשטע סעקרעטאַרן און פאַר צווייטע סעקרעטאַרן, פאַר אַ סך מענטשן האָב איך מורא, אַזוי אַז דעמלט, אין יענעם טאָג ווען עס האָט מיך אַזוי שטאַרק באַהערשט דער פּחד, האָב איך אָנגעהויבן צו אַנטלויפן, דיווירקלעכקייט האָט אויסגעזען ווי אַ קאָשמאַרער חלום — און ווי אַזוי די חלומות מיינע האָבן דעמלט אויסגעזען, איז איבעריק צו דערציילן.

אויף דער גאַס איז גראָד פאָרגעקומען אַ דעמאָנסטראַציע, מענטשן האָבן הויך געשריגן: וואָל-נאָשטש! וואָל-נאָשטש! דאָס הייסט: פריי-הייט! פריי-הייט! — און דאָס אַלץ האָב איך זיך דערמאָנט אין צוג קיין וויך, אַ האַלבע שעה פאַר דער טשעכישער גרענעץ — האָב איך אויפגעהערט צו לויפן און בין געגאַנגען צוזאַמען מיט זיי, מיט די דעמאָנסטרירנדיקע, נישט צוליב מיין קעמפערישקייט, חס וחלילה, נאָר סתם, ס'איז מיר געווען אָנגענעמער צו געפינען זיך צווישן המון, צו פאַרלירן זיך אין המון. האָב איך מאַרשירט צוזאַמען מיטן שרייענדיקן נאַיִוון עולם, אַ סך סטודענטן זענען דאָרט געווען, אויך אַרבעטער זענען צוגעקומען; געשרייען, טראַנס-פּאַרענטן וועגן פרייהייט, וועגן פרייהייט פון וואָרט, פרייהייט פאַר מיצקיע-וויטשן, און — נידער מיטן אַנטיסעמיטיזם! זיי זענען אַרויס פון אוניווער-סיטעט און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער פּאַרטיי. ווען עס איז שוין געווען נישט ווייט, איז אָנגעקומען אַ קאָלאָנע פון לאַסט-אויטאָמאָבילן, מיליץ און זיכערקייט-מיליטער און אַ גרויסע געדעקטע לאַסט-מאַשין מיט

** פּוילישער יוגנט-פאַרבאַנד.

צוויי טורעמלעך, כ'האָב נישט געוווּסט, אַז דאָס איז אַ וואַסער־האַרמאַטקע, זיי האָבן אָנגעהויבן צו שיסן מיט וואַסער, ס'האָט מיר פֿאַרשטיקט דעם אָטעם, מענטשן זענען געפֿאַלן אויפֿן טראָטואַר, אַזאַ קראַפֿט האָט דאָס וואַסער געהאַט, און שוין האָט זיך דערנענטערט אַ טיראַליערע פֿון מיליציאַנטן, זיי האָבן געדראָשן מיט די קאָלבעס, דערנאָך האָבן זיי די נאַסע דעמאָנסטראַנטן געקליבן פֿון דער ערד און אַריינגעוואָרפֿן אין פֿאַרקראַטעוועטע אויטאָס, זיי האָבן עס געטאָן זייער געשיקט און מיט דערפֿאַרונג. די דעמאָנסטראַציע איז צעטריבן געוואָרן, ווער עס האָט געהאַט מזל און כּוח אין די פֿיס, דער איז אַנטלאָפֿן. די, וואָס מען האָט אַרעסטירט, האָט מען אַריינגעריבן אין די ביינער, דערנאָך האָט מען אַ סך פֿון זיי אַרויסגעלאָזט, די אונטערזוכונג האָט געזאָלט דערווייזן, אַז די אַנטי־מלוכהשע דעמאָנסטראַציע האָבן אָרגאַניזירט ציוניסטישע פּראָוואָקאַטאָרן פֿון יידישן גלויבן.

און דערנאָך, דורך אַ לאַנגע צייט, יעדן טאָג אין דער פֿרי, אַרויסגייענדיק צו דער אַרבעט, פֿלעג איך קוקן אויף די ביימער און אויף די עלעקטרישע סלופּעס און איך האָב זיך געחידושט, אַז דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט אַזוי גלייכגילטיק אויפֿגענומען די רעדע פֿון חבר וויעסלאַוו און די קילאָמעטערדיקע אַרטיקלען אין דער פּרעסע און אין ראַדיאָ און אין טעלעוויזיע, טויב און גלייכגילטיק איז פֿאַרבליבן דאָס פּוילישע פֿאָלק אויף גאָמולקאָס געשריי וועגן די ציוניסטישע שונאים, ווייל אָט איז ווידער פֿאַרביי אַ נאַכט און נישט געקוקט אויף דעם רוף פֿון חבר נומער איינס, האָט מען קיין שום ייד נישט אויפֿגעהאָנגען און אין קיין שום יידישער שטוב האָט מען קיין שויבן נישט געהאַקט. און זונטיק...

זונטיק אין דער פֿרי האָט זיין עמינענץ דער קאַרדינאַל געהאַלטן אַ דרשה אין דער קירך פֿון הייליקן אויסלייזער אויפֿהייבנדיק די אָרעמס צום הימל האָט ער געזאָגט: ברידער קריסטן, לאָמיר קניִען און מתפּלל זיין פֿאַר אונדזערע ברידער יידן, פֿאַר זייער שלום, דאָ און אויף דער גאַנצער וועלט. אַזוי האָט ער געזאָגט זונטיק אין דער פֿרי, און צומאָרגנס האָט שוין גאַנץ פּוילן געהערט זיינע ווערטער דורך די כוואַליעס פֿון מערבדיקע ראַדיאָ־סטאַציעס, און אויך דער חבר וויעסלאַוו האָט עס געהערט, און גוט אינפֿאָרמירטע קרייזן האָבן דערציילט, אַז ער האָט דערפֿון באַקומען אַ

שרעקלעכע גאַל־אַטאַקע און זאָשע, זיין יידישע פרוי, האָט אַ גאַנצע נאַכט צוגעלייגט קאָמפּרעסן, צי וואַרעמע, צי קאַלטע, אָבער דאָס האָט שוין קיינער נישט געוווּסט.

און דערווייל איז שוין מיין צוג געקומען צו דער טשעכיש־פּוילישער גרענעץ־סטאַציע, עס איז געווען כּמעט פוסט און כּמעט פינצטער, בלויז עטלעכע באַן־אַרבעטער האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן פּעראָן און געפּאַכעט מיט די לאַמטערנדלעך, אויך עטלעכע צאָל־באַאַמטע זענען דאָ געווען — אויף דער דאָזיקער סטאַציע פלעגט זיך אָפּט טרעפן, אַז מען האָט וועמען ס׳איז אַראָפּגעזעצט פון וואַגאָן, בכדי נאָך אַ מאָל אים רעווידירן און מאַכן צרות. כ׳האָב געעפנט ס׳פענצטער פון קופּע: ביי אַ באַרג רענצלעך איז געזעסן אַ פרוי מיט קינדער — מסתּמא אַ יידישע. אַ באַן־אַרבעטער האָט זי געטרייסט, אַז אַלץ וועט זיך אויפקלערן, אַז זי וועט פאָרן מיטן צווייטן צוג, עס ברענט דאָך נישט, און ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מענטשן זענען נישט מער ווי מענטשן, יעדער וויל לעבן, די פרוי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, יעדער וויל לעבן, דאָס הייסט, אַז מען נעמט דאָ כאַבאַר, ערגער וואָלט געווען ווען מען נעמט נישט.

דער צוג האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין. אין דער פרי זענען מיר שוין געווען אויף דער עסטרייכישער גרענעץ. אַ ביסל שפּעטער האָבן מיר אויפן ווינער וואָקזאַל געגעסן דעם ערשטן פרישטיק אויפן חשבון פון סוכנות. מען האָט אונדז פאַרשריבן און העפלעך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָ־בוס. מיר זענען געפאָרן קיין שענאַו, אין אַ מיטלאַלטערלעכן חרובן שלאָס, וועלכער איז געווען אַרומגעוואָקסן מיט ווילד גראָז, אינעווייניק האָט אַ ביסל געשטונקען מיט פאַרשטאָפּטער קאַנאַליזאַציע, די אייזערנע בעטלעך האָבן זיך געקלעפּט פון שמוץ, דער סקריפּענדיקער דיל איז געווען פאַר־קערט און געוואַשן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. בלויז דער עסטרייכישער פּאָליציאַנט ביים טויער, איז געווען שפּאָגל־ניי, פון דער נאָדל, פריש און אויסגעפּוצט. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן אויף אים צו קוקן.

אידענטיפֿיקאַציע

...איך בין מיד, מיד. עס טוען מיר ווי די פֿיס, די נייע פּאָר שיך קוועטשן לייכט, אָבער קאָנסעקווענט. אַ ביסל צו פֿיל האָב איך אין די לעצטע טעג אַרומגעקלעטערט אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט און הינטער דער שטאָט, מיט דער מאַפּע פֿון רוים אין דער האַנט בין איך געגאַנגען צופֿוס פֿון „סטאַציאָנע טערמיני" ביז צו וויאַ אַפּיאַ, אין יענער געגנט, וווּ עס געפֿינט זיך דער בית־עולם פֿון יידישע געפֿאַנגענע און שקלאַפֿן: די זעלנער פֿון וועספּאַסיאַנוס און טיטוס האָבן זיי געטריבן פֿון די הרי יהודה אויף מערב, צום ברעג פֿון ים, דאָרט האָט מען זיי אויף רוימישע שיפֿן צוגעקאָוועט צו די וועסלעס, מער האָבן זיי שוין נישט געזען די היימישע בערג, נישט דעם היימישן ברעג, פֿון אָסטיע זענען זיי ווידער געגאַנגען צופֿוס. אויפֿן פֿאָרום ראָמאַנום האָט דער המון געפֿייערט דעם אָנקום און דעם זיג פֿון רוימישן קיסר און פֿון די רוימישע לעגיאָנען. דאָס פֿאָלק, דער שטאָלצער פּאָפּולוס ראָמאַנוס האָט געפּליעסקעט אין די הענט און געשפּיגן אויף די שקלאַפֿן, שוין נישט קריגס־געפֿאַנגענע, נאָר שקלאַפֿן, סאָלווע וועספּאַסיאַנוס, האָבן זיי געשריגן, עס לעבע דער פֿיהרער, און — האָך האָך הורראַאַאַ — איך בין געגאַנגען אויפֿן טראָטואַר און עמיץ איז צו מיר צוגעקומען און האָט מיר דערמאָנט, אַז פֿערד, הינט און יידן טאָרן נישט גיין אויפֿן טראָטואַר, האָב איך זיך געלאָזט גיין אין מיטן שאָסיי, און איצט גיי איך דורך דעם טיטוס־טויער אין דער ריכטונג פֿון רוימישן סענאַט, איך מוז נישט גיין אויפֿן טראָטואַר, איך בין שוין צוגעוווינט צו גיין מיט פֿאַרשיידענע וועגן, מיט סטעזשקעס, באַרג אַרויף, דורכן וואַלד, אָדער דורך אַ טייך, דורך בלאָטע, שניי אָדער אייז; מען האָט אונדז אַרויס־

געשלעפּט, אַרויסגעטריבן פון דער שטוב אין אַ געוויסער זומערדיקער נאַכט, צום ציל האָבן מיר דערגרייכט ערשט אין שפּעטן האַרבסט, ס׳איז געפאַלן אַ שניי און געבלאָזט האָט אַ פראָסטיקער ווינט, די נאַכט איז געווען אַ לאַנגע און ווייסע, אַ פּאָלאַרע, די טייגע איז געווען שיין ווי דער טויט, דאָ וועט איר איצט לעבן, האָט געזאָגט דער רוימישער אָפיציר, וועלכער האָט זיי צוגעפירט צום ברעג פון טיבּרוס, דאָ וועט איר לעבן און פּגרן, האָט געזאָגט דער רוסישער אָפיציר, פאַרן רום פון דער אייביקער רוימישער אימפּעריע, פאַרן רום פון דער צאַרישער אימפּעריע, פון דער צאַריש־סאָוויעטישער אימפּעריע, פון דער דייטשישער אימפּעריע, אַלע שווינערייען קומען פאַר אין נאָמען פון עמיצנס רום, זענען מיר געגאַנגען אין אויוון אַריין פאַרן רום פון טויזנטיאָריקן דויטשן רייך, האָבן מיר געקאָרטשעוועט די טייגע צום רום, זענען מיר געפּגרט פאַרן רום און פריער האָבן די לייז אויסגעזויגן אונדזער לעצטן טראָפּן בלוט, מען האָט געשאָסן צו אונדז ווי צו האָזן, מיר האָבן אונטערגעהאַקט די שיינע סיבּירערביימער, וועלכע דער רבונו־של־עולם האָט אייגנהענטיק פאַרפלאַנצט מיט אַ טאָג פריער איידער עס איז געבוירן געוואָרן דער ערשטער מענטש.

בין איך אַרומגעגאַנגען אויפן פאָרום ראָמאַנום, כ׳האָב געוואָלט זיין אַ פּאַטריציער, אָבער געווען בין איך בלויז אַ שקלאַף, אַרום דעם פּאַלאַץ פון ליוויאַ האָב איך געפלאָנצט בלומען, ווען עס האָבן געדאַרפט קומען געסט, האָב איך פאַר זיי צוגעגרייט משקאות, פינגער האָב איך געהאַט שטאַרקע און פלינקע, איך האָב געוווּסט ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַנוצן מיט שמעקעדיקע אייִלן, איך בין געווען דער, וואָס האָט געפלעגט דאָס ווייסע לייַב פון דער שיינער רוימערין — דאָמינאַ.

האָב איך איין מאָל געפרעגט, מאַסירנדיק אירע פיס, אירע לענדן, אירע בּרוסטן — דאָמינאַ, צי אַרט דיך נישט מיין בליק, דער באַריר פון מיינע הענט, איך בין דאָך אַ מאַנצביל — זי האָט זיך צעלאַכט: — ניין, מיין יינגל, עס אַרט מיך נישט, ווען עס וואָלט מיך געאַרט דיין בליק, וואָלט איך געהייסן דיר אויסשטעכן די אויגן, ווען עס וואָלטן מיך געאַרט דיינע הענט, וואָלט איך געהייסן אָפּהאַקן דיינע אָרעמס, ווען דו וואָלסט געווען אַ מאַנצביל, וואָלט איך געהייסן דיך קאַסטרירן, אָבער דו ביסט נישט קיין מאַנצביל, דו ביסט מיין שקלאַף.

איך בין צוגעפאָרן צו דער קאַטעדרע פון הייליקן פעטרוס אויף יענער זייט פון טייך, גראָד זענען דאָרט אָנגעקומען די קאַרדינאַלן מתפלל זיין, אין די רויטע מענטעלעך האָבן זיי געשפּאַנט בכבודיק אָבער באַשיידן, אַמעריקאַנער טוריסטן האָבן געטראַסקעט מיט די פאָטאָ־אַפּאַראַטן, די בראָנזענע פיגור פון הייליקן שמעון, דאָס הייסט פון הייליקן פעטרוס, האָט איין פוס אַ קלענערן, דאָס האָבן די פרומע פּילגרימען אויסגעקושט די פינגער פון פוס אַזוי, אַז עס איז שוין פון זיי קיין סך נישט פאַרבליבן, דער לינקער פוס, און אפשר איז עס דער רעכטער, זעט איצט אויס אַ סך קלענער. אין די טונקעלע ווינקלען פון די קאַפּליצעס האָבן התלהבותדיק מתפלל געווען בלאָסע נזירות, זיי האָבן היינט געזען דעם הייליקן פאָטער, דעם פּויפּסט, ער האָט אונדז געבענטשט, שטייענדיק אין אַן אָפענעם אויטאָמאָביל, אַרומגערינגלט מיט באַוואָפנטע מאָטאָציקליסטן, איך בין אויך דאָרט געווען, דער אויטאָמאָביל איז געפאָרן זייער פאַמעלעך, דער המון האָט אַפּלאָדירט, געלאַכט און אויסגעשריגן לכבוד דעם אַפּיפיור, אויך ער האָט געשמייכלט, דאָס אַלץ האָט אויסגעזען זייער סימפּאַטיש. אַ גרויע נאָנע פון סיציליע האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס גוטמוטיקע געזיכט פון הייליקן פאָטער, האָט זי געזאָגט, אַלע האָבן עס געהערט, אַז איצט קאָן זי שוין רויִק אַהיימפאָרן און שטאַרבן.

אין דער גראַנדיעזער קירך איז אַן ענגשאַפט, אָבער נעבן די קאָנפעסיאָנאַלן איז פּוסט, קיינער שטופּט זיך דאָ נישט, די גייסטלעכע דרימלען דאָרט אינעווייניק, קיינער קומט נישט זיך מתוודה זיין, כאָטש קיינער איז נישט פרײַ פון זינד, מיר ווילן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן מיט אונדזערע עבירות, אַז מען וועט זיך גוט פאַרטראַכטן, וועט מען קומען צו דער איבערצייגונג אַז אַפילו גאָט אַליין קען אויך נישט האָבן קיין רויִק געוויסן, און אויב אַזוי, אויב אַזוי גייען מיר ווייטער, צום שלאָס סאַנטאָ אַנדזשעלאָ, צום שלאָס פון הייליקן מלאך, דאָ איז אַמאָל געווען אַ לעבן, דער פּויפּסט האָט דאָ געוווינט, דאָ האָט מען געוווּסט ווי זיס איז דער טעם פון לעבן און ווי ביטער איז די גרויזאַמקייט פון מענטשן, דאָ האָט מען געפירט טעאָלאָגישע וויכּוחים, מען האָט דאָ באַשטימט גרענעצן, דעצידירט וועגן פּאָליטיק און מלחמות, פרויען שיינע האָט מען דאָ געליבט און באַמאַנט, יסורים האָט מען דאָ אָנגעטאָן, געבראָכן ריפּן אויף ספּעציעלע הילצערנע רעדער, אין

קעלער זענען געזעסן צוגעקאָוועט מיט אייזערנע קייטן הויך־געבוירענע פאַרברעכערס, אַפּיקורסים און שאַרלאַטאַנען, זיי האָבן געהאַט גאַנצע יאָר־צענדליקער צו טראַכטן וועגן באַגאַנגענע פעלערן און וועגן דער נישטיקייט פון דער אַכזריותדיקער וועלט, זיי האָבן געוואַרט אויפן טויט, תמיד און אומעטום וואַרט ווער מיט בענקשאַפט אויפן טויט, קאַליאָסטראָ איז דאָ געזעסן, ער איז געווען אַ מענטש מיט דמיון, האָט ער זיך באַמיט מיט זיינע געדאַנקען דורכצובויערן די דיקע ווענט פון דער פעסטונג און די געדיכטע פינצטערניש פון זיין קאַרצער, בכדי צו קענען נאָך איין מאָל זען די אייביקע שטאָט און דעם זון־אונטערגאַנג, וואָס שפּיגלט זיך אין די בורע וואַסערן פון טיבּרוס.

דעם צווייטן טאָג בין איך צוגעפאָרן צום רוימישן קאָמונאַלן בית־עלמין. אין דעם גרויסן מתים־הויז, געבויטן אין סעצעסיע־סטיל, איז אַן ענגשאַפט ווי אויף אַ מאַרק־פּלאַץ אָדער ווי אויף אַ וואָקזאַל, זיסער פאַר־טומלענדיקער ריח פון רויזן און אומעטיקער גערוך פון וועלקונג, שטילע טרומנעס אויסגעשטעלטע אין אַ געאָמעטרישן סדר, וואַרטן געדולדיק אויף זייער ריי, און אין די טרומנעס יום־טובדיק אָנגעטוענע, וועלכע זענען פון עמיצן אַוועק, יעדער באַזונדער איז געווען אַ גאון, אַלע צוזאַמען שטעלן שוין גאַרנישט מיט זיך פאָר, רויזן און ליליעס, בוקעטן און בלומען־קרענץ אַרומגעהילטע מיט ווייסע, שוואַרצע, גאָלדענע לענטעס, אויף יעדער לענטע אַ קורצע אָבער אינהאַלטסרייכע עפּיטאַפיע, זייער שיין.

סעקטאָרן. די וועלט איז פאַרטיילט אויף סעקטאָרן, דער הימל, דער בית־עלמין. אין יידישן סעקטאָר האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף דעם קבר כּמעט כּיק מאָדיליאַניס עלטערן. אָרעמער מאָדיליאַני, אָרעמע עלטערן. און אין קאַטוילישן סעקטאָר: עטלעכע קריפּטעס מיט קברים פון פּוילישן אָדל — עס האָט מיך אַ ביסל גערירט, אין אַ געוויסער מאָס בין איך דאָך אייך אַ פּאָליאַק, אַ פּאָליאַקאָזשיד, אַ זשידאָפּאָליאַק, פּאַקטיש בין איך אַ זשיד, אַ ייד, נישט קיין גלויביקער, אַן אומפּאַרטייאישער, אָבער איך בין געמלט און יעדער קען זיך וועגן דעם איבערצייגן. מיט דער אידענטיפיקאַציע פלעג איך אָפּט האָבן פאַרשיידענע שוועריקייטן, מען האָט צו מיר אָדער וועגן מיר געזאָגט: זשידעק, זשיד פּאַרך, יודע שווין, יעוורעיסקאַיאַ מאָרדאַ, איין מאָל האָט מען מיך קוואַליפיצירט פאַר אַ פּאָלסקי פּאַן און פּאָלסקי ווראָג באַראָ־

דאָ, * מיט דער צייט האָב איך זיך צו אַלעם צוגעוווינט און איך האָב זיך אויפגעהערט צו באַליידיקן.

מיטן טראָלעיבוס בין איך צוגעפאָרן צום שטאָט־צענטער, פאַרנומען אַ טישל אויף דער טעראַסע פון קאַפע־הויז נעבן דעם חרובן גאָלדענעם פּאַלאַץ פון קיסר נעראָן. ער איז געווען אַ גראַפאָמאַן, דער נעראָן, מיט אַ קרענקלעכער פאַנטאַזיע, שטענדיק זאָג איך, אַז גראַפאָמאַנען זענען גע־פערלעכע מענטשן, כאָטש דעמלט ווען זיי שאַפן, זענען זיי מלא חן. גראַפאָ־מאַנען דאַרף מען שיסן; בין איך געזעסן אויף דער טעראַסע פון קאַפע־הויז און דערנעבן האָט געשמעקט דער פלידער, דאָס הייסט דער בעז. ווען איך פיל דעם גערוך פון בעז, בין איך כמעט גליקלעך. האָב איך זיך דאָ אַ ביסל אָפּגערוט און געגאַנגען צום קאַפּיטאָל, דאָרט איז אַמאָל געווען דער צענטער פון דער וועלט, און אויפן קאַפּיטאָל בין איך געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די שיינקייט פון אַלטערטימלעכן רוים און פון זיין מיטלאַלטער איז טאַקע אוניווערסאַל, אָבער פאַר מיר זייער פרעמד, גאַנץ פרעמד, שרעקלעך פרעמד, און — שוין האָב איך אין זיך אָנגעהויבן אַ וויכוח מיט דער דאָזיקער פעסטשטעלונג, אין זיך און מיט זיך, שוין האָב איך גענומען דיסקוטירן: שיינקייט קען נישט זיין פרעמד, שיינקייט איז אַ באַגריף אָן אַבסאָלוטער, נאָר אַ קיטש קען זיין פרעמד, דער קאַפּיטאַליסטישער מאָנומענט פון קעניג וויקטאָר עמאַנועל אויף אַ רייטוואָגן, דאָס איז אַ קיטש, אָבער די קירך דע סאַנטאַ פיעטראַ אין ווינקולי איז אַ קונסט־טעמפּל, וווּ עס געפינט זיך דער גיגאַנטישער משה רבינו פון מיקעלאַנדזשעלאָ, אַפילו דאָס קלייניקע מאַמערטינום מאַכט אַן איינדרוק, כאָטש עס פאַרמאָגט נישט קיין שום קונסט־ווערק, דאָ, אין דעם אָ קאַרצער האָבן געוואַרט אויפן טויט דער הייליקער פעטרוס, דאָס הייסט שמעון, און דער הייליקער פּאַולוס, דאָס הייסט שאול, דער אַסימילירטער יידישער אינטעלעקטואַל, דער העלעניסט און מומחה צו מאַכן אידעאָלאָגישע פּראָפּאַגאַנדע. היינט פאַרקויפט מען אין מאַמערטינום ביליקע דעוואָציאָנאַליעס, הייליקע בילדלעך, פאַרביקע פאָטאָ־גראַפיעס פון פויפּסט, און ביי דער טיר שטייט אַ טריבער ברייט־פּלייציקער איטאַליענער און איינקאַסירט הונדערט לירעטעס פון אַ יעדן באַזוכער.

---

* פוילישער שונא פון פאָלק. (רוסיש)

איך דיסקוטיר מיט זיך אַליין און איך לאָז זיך באַאיינפלוסן אין דער דאָזיקער דיסקוסיע: אפשר גייט דאָ נישט אין אַ מכלומרשטער פרעמדקייט פון רוימס שיינקייט, אפשר איז עס בלויז אַן ענין פון מיינע אייגענע אַסאָציאַציעס, פון מיין אייגענער געוווינהייט צו בינדן פּראָבלעמען, צייטן, דערמאָנונגען, וויזיעס, דאָס איז זעט אויס שולדיק מיין אייגענער פאַרשאָלטענער זכרון, וועלכער שטערט מיר אין דער אַדאָראַציע פון דער רוימישן אַנטיק, מיין זכרון לאָזט מיר נישט אַקצעפּטירן פאַרשיידענע זאַכן, און לאָזט מיך אַפילו נישט זיין גלייכגילטיק, נישט אָביעקטיוו, אַזאַ שגעון, דאָרט ווו איינער איז גערירט, בין איך פאַרצווייפלט, אין מיין זכרון איז פאַרשריבן אַ פּלאָנטער פון צייט, פון געשעענישן, געשטאַלטן, אָרטשאַפטן און סיטואַציעס, גערוכן, קאָלירן און קלאַנגען, וואָס קומען צוריק פון דעם אומענדלעכן שווייגן.

רוים איז שיין, אַ לויב פאַר די אָרעמע גילדענע הענט פון די שקלאַפן, זיי האָבן געוווסט ווי אַזוי צו בויען מאָנומענטאַל, גאַנץ רוים איז אפשר אַ מאָנומענט פאַר זיינע שעפער, וועלכע זענען געווען שקלאַפן, אַחוץ די שטיינער האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ מיטאָלאָגיע, וועלכע אַטאַקירט דעם דמיון: היינט איז יום־טוב, יום־טוב פאַר די פּאַטריציער און אויך פאַר דעם אָרעמען המון, איך בין דער המון, דער פּלעבס, דער פּאָפּולוס ראָמאַנוס, איך איל זיך אין דער ריכטונג פון קאָלאָסעום, איך לויף; פון אַ שמאָלן אונטערערדישן קאָרידאָר שפּרינגט אַרויס אויף דער אַרענע אַ חיה, אַ נאָקעטער שקלאַף, אַ שקלאַף פון די יהודה־בערג שטייט אַנטקעגן דער הונגעריקער בעסטיע, גראָד היינט האָט דער לייב נישט באַקומען צו פרעסן, דער קערפּער פון שקלאַף גלאַנצט אין דער זון, איידער מען האָט אים אַרויסגעפירט פון קעלער, האָט מען אים איינגעריבן מיט שמעקעדיקע איילן, ער זאָל זיין אָנגענעם פאַרן אויג, מען האָט אים גוט דערנערט, ער זאָל זיין שטאַרק, מען האָט אים געגעבן די שאַנס, ער איז געווען פאַרשפּאַרט אין אַ קאָמער צווישן דיקע מויערן, די מויערן האָבן געבויט אַנדערע שקלאַפן פאַר אים — פאַר זיך און פאַר זיינעטוועגן, אַ ביסל ווייטער זענען געווען די קאָמערן פאַר ווילדע חיות, ער האָט געהערט זייער ברומען, איצט שטייט ער אויף דער אַרענע אַנטקעגן דעם הונגעריקן לייב, דער לייב האָט נאָך דערווייל נישט אַטאַקירט, ער איז נאָך דערווייל געווען צעטומלט דורך דעם

געוואַי פון אַכציק טויזנט מענטשן אין די לאָזשעס און אויף די מויערן פון קאָלאָסעום; ער איז שיין, האָט געזאָגט די מעטרעסע ליוויאַ צום סענאַטאָר מאַרקוס סעווערוס, און מיט די פינגער, מיט די נעגל האָט זי זיך אַריינגע־קלאַמערט אין זיין אָרעם, איך וויל האָבן אַזאַ שקלאַף ווי דער־אָ, האָט זי געזאָגט, איך וועל דיר שענקען הונדערט אַזעלכע, נאָך שענערע, נאָך שטאַרקערע, צי ווילסטו, אַז דער דאָזיקער שקלאַף פון יהודה זאָל הרגענען דעם לייב, ניין, האָט געענטפערט די פרוי, איך וויל זען זיין בלוט און איך וויל, אַז דאָס זאָל דויערן לאַנג, זייער לאַנג. דער מענטש אויף דער אַרענע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער ווונד, זיין קערפער האָט זיך צעבליט אין אַ גרויסער בלוטיקער רויז, און מיר זענען דעמלט געשטאַנען אויף דעם אַפּעל און עס האָט געבלאָזן אַ שאַרפער פראָסטיקער ווינט, דער שניי האָט אונדז געשמיסן איבער די פּנימער, דער שניי האָט געטייעט אויף אונדז און אונטער אונדזערע פיס, ווייל ביי אונדז איז דעמלט געווען אָנהויב ווינטער. ליוויאַ האָט שווער געאָטעמט, זי האָט אָנגענומען די האַנט פון סענאַטאָר און צוגעדריקט צו זיך, און ער, נישט אָפּווענדנדיק דעם בליק פון דער אַרענע, האָט אַריינגערוקט זיינע פינגער אונטער די פאַלדן פון איר טוניקע און ער האָט געשמייכלט מיט פאַרשטענדעניש. ער איז געווען אַלט און קלוג און ער האָט געוווסט ווי אַכזריותדיק עס קענען זיין פרויען, פרויען און קינדער און באַפרייטע שקלאַפן, ליבערטינער. ער האָט געפילט ווי איר לײַב צאַפּלט, זי איז שוין אין מצב פון אָרגאַזם, און דער המון האָט געשריגן, געשריגן. די היטלעריסטן אין לעדערנע מאַנטלען זענען אַרומ־געלאָפן צווישן אונדזערע רייען, זיי האָבן אונדז געציילט, סעגרעגירט, סעלעקציאָנירט, קוואַליפיצירט, דער שקלאַף האָט נאָך אַלץ געקעמפט, דער המון איז אַריינגעפאַלן אין התלהבות, אין אַ משוגעת.

תמיד איז אַזוי געווען, ווען עס האָבן געקעמפט די גלאַדיאַטאָרן, אַלע האָבן געוואַרט אויף זיין טויט, די גאַנצע וועלט האָט געוואַרט אויף זיין טויט. זיי האָבן אים דערמוטיקט צום קאַמף, זיי האָבן אים דערמוטיקט צום שטאַרבן. ער איז מסתמא געווען זייער איינזאַם אין שײַן פון דער אונטער־גייענדיקער זון, פון קוימען האָט זיך געהויבן אַ זייל פון שטינקענדיקן רויך, איך בין שוין געווען צוגעוווינט צו זען דעם דאָזיקן קוימען און צו פילן דעם געשטאַנק, אַזוי שטינקט פלייש פאַרברענט אויפן רעשט, פאַרברענטע

ביינער. אויף אייזערנע וועגעלעך האָט מען אַרויסגעפירט דעם טליענדיקן אַש. מענטשלעכע ביינער זענען זייער האַרט, זיי פאַרברענען זיך נישט ביזן סוף, עס בלייבן נאָך זיי קליינינקע האַלאָוועשקעס. דער לייב האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעריסן פון זיין קרבן, בכדי אָפּצוגעבן השתּנה, די מענטשלעכע ביינער פאַרמאָגן אַ סך קאַלציום, פון די דאָזיקע ביינדלעך און אַש האָט מען אָנגעשיט אַ גאַנצן געגוג הויכן באַרג. ער איז געגאַנגען אַ נאַקעטער, איך בין געגאַנגען אַ נאַקעטער. דער באַראַק, צו וועלכן מען האָט אים געטריבן, צו וועלכן מען האָט מיך געטריבן, דער באַראַק האָט געשטונקען מיט שאַרפע כעמיקאַליען. פאַר אים, פאַר מיר איז געגאַנגען אַ נאַקעטער מענטש אויף דאַרע פיס. איך האָב געזען זיין אויסגעמאָגערטן קערפּער, זיין רוקן באַדעקט מיט אַ דיניקער הויט — ביינער צוגעדעקטע מיט אַ דורכ־זיכטיקער בלאָנע, מען האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקעלע זייף, ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט עס נישט דאַרפן, דער שקלאַף האָט נאָך געלעבט, עס זענען פון אים געראָנען די לעצטע כּוחות, כאָטש דער גאַנצער קאַמף האָט געדויערט נישט מער ווי עטלעכע מינוטן, מיר זענען אַריינגעגאַנגען דורך דער טיר אין וועלכער עס איז געווען אַ קליין פּירעקיק פענצטערל, דער לייב האָט געדרעוועט ווייל דער גלאַדיאַטאָר האָט אים פאַרוווּנדעט מיטן שטילעט, אין דעם רעווען פון דער חיה האָט זיך אַריינגעפלאָכטן דער לעצטער געשריי פון אַ באַזיגטן מענטש, גיב מיר די האַנט, ברודער, עמיץ האָט געזאָגט: גיב מיר די האַנט, עמיץ האָט געזאָגט: לאָמיר מתפלל זיין, ער האָט נישט געוואָלט מתפלל זיין, אָבער ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט יענעמס האַנט פון זיין פויסט, דער שקלאַף האָט נאָך אַ מאָל געפּרוּווט זיך אויפהייבן, ער איז איצט עקלהאַפטיק, האָט געזאָגט ליוויאַ, מען האָט מיט אַ גרילץ פאַרמאַכט די טיר, דער שקלאַף האָט זיך געוואַקלט אויף די קניען ווי אַ קוסט אויפן ווינט, איך האָב מורא, האָט געזאָגט דער מענטש מיט די דאַרע פיס. דער שקלאַף איז געלעגן אומבאַוועגלעך, אַ צעריסענער שפּור פון אַ מענטש, אַ צעריסענער שפּור פון אַ שקלאַף, איך האָב מורא, האָב איך געזאָגט, פון באַלקן האָט געגומען טריפן דער טויט, אַ פּאָר גלייכגילטיקע אויגן האָבן זיך צוגעקלעפּט צום פענצטערל אין דער טיר, דער לייב איז געלעגן אַ מידער, אַ זאַטער, ער האָט אָפּגעלעקט דאָס בלוט פון די נאָזלעכער און פון די לאַפּעס, די שקלאַפן זענען געלאָפן אַרום דער אַרענע און גע־

פּרוּווט מיט געשריי און מיט לאַנגע שטעקענער אַרויסטרייבן די חיה צוריק אין איר קאַמער, אַנדערע שקלאַפן האָבן געוואַרט אַרויסצוטראָגן די פּאַר־בלוטיקטע רעשטלעך פון מענטש און פאַרשיטן מיט זאַמד די קאַליוזשעס בלוט, דער שמייכלענדיקער פּאַטריציער מאַרקוס סעווערוס און די צאַפּלענ־דיקע ליוויאַ זענען אַריין אין דער הינטערשטער טייל פון דער לאָזשע, אַ יונגע שקלאַפין האָט דאָרט צוגעגרייט און באַצירט זייער געלעגער, זי האָט זיי דערלאַנגט אַ בעכער קאַלטן וויין, פון באַלקן האָט געטריפט דער טויט, געטריפט דער טויט, און עס זענען שטיל געוואָרן די געשרייען, דאָס געוויין און דאָס הוסטן און עס האָט אויפגעהערט דער פּחד, וואַקלענדיק זענען זיי אומגעפאַלן איינער אויף דעם צווייטן, די דאָזיקע לאָזשע, דער דאָזיקער צימער עקזיסטירט נאָך, היינט איז ער ביז צו דער העלפט פון די פענצטער פאַרשיט מיט שטיינער און צעבראָכענע שטיקער סקולפּטורן און רעליעפן, דורך דעם פענצטער זעט מען פון דאַנען דאָס בערגל אויף וועלכן עס איז געשטאַנען נעראָנס פּאַלאַץ, דער קוימען איז אויך פאַרבליבן ביז היינט, אין אויוונס, די אייזערנע רושטן אויף וועלכע עס ליגן פאַר־ברענטע אָבער נישט אינגאַנצן פאַרברענטע ביינער, ביינדלעך, דער גלאַ־דיאַטאָר איז געווען פון ירושלים, צי פון גליל, און ער איז געווען פון גאַליציע, נישט פון גליל נאָר פון גאַליציע, איך מוז, איך פיל, איך בין פאַרפליכטעט אָנצושרייבן אַ בוך וועגן שקלאַף פון גליל, אַ גרויס בוך וועגן פרייען מענטש אין גליל, אַ ראָמאַן וועגן אייזערנע ווענעלעך, אויף וועלכע מען האָט געפּירט פלייש צו די רושטן פון אויוון, מענטשלעך פלייש צו די רושטן, מענטשן צו די רושטן, יונגע מיידלעך און קינדער צו די רושטן, שיינע פרויען און מיאוסע פרויען און בכבודיקע זקנות צו די רושטן.

פיל מאָל האָב איך שוין אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן וועגן רושטן, וועגן קוימענס, וועגן אַ שטיקעלע זייף, וועגן קאַנוואַליעס אויף יענעם באַרג, איר ווייסט וועלכן באַרג איך מיין, תּמיד שרייב איך אַ ראָמאַן וועגן רושטן, עס איז פאַראַן אַזאַ מינוט, ווען דאָס אָנמעכטיקע טויטע לײַב אַרומגעהילט אין רויטער שײַן פון גהינומדיקער טעמפּעראַטור, מאַכט אַן איינדרוק פון באַוועגונג, נישט פון באַוועגונג נאָר פון קאַנוולסיעס, פּונקט ווי עס וואָלט געפּרוווט אויפשטיין, אָדער מינדעסטנס אויפזעצן זיך, אָדער מינדעסטנס ענדערן די פּאָזיציע, שטענדיק שרייב איך וועגן דעם, און אויך וועגן

שלאָגן איבערן פּנים, וועגן שיסן, וועגן הענגען, אַרויסרייסן גילדענע ציין, פּאַרגאַזעווען, וועגן ליבשאַפט צו דער וועלט און וועגן ליבשאַפט צום טויט, וועגן פּחד פאַרן טויט, וועגן לעצטן אויפגאַנג פון דער זון.

אויך איצט, אין דער מינוט, ווען דער רוימישער פּאַטריציער און זיין מעטרעסע שטייען אויף פון געלעגער, בכדי זיך אַרומצוּוואַשן און אָנזאַלבן דאָס לייַב, שרייב איך דעם דאָזיקן ראָמאַן, איך טראַכט דעם דאָזיקן ראָמאַן, עס שטערט מיר נישט דער געזשום פון הונדערטער פרעמדע גלייכגילטיקע צופרידענע פלאַפּלענדיקע מענטשן, וועלכע וואַרטן דאָ אויפן רוימישן עראָ־דראָם, אויף אַ פּאַרשפּעטיקטן עראָפּלאַן, מיט וועלכן זיי ווילן פליען פון דער שטאָט רוים — וווּהין? אויף וועלכן שטערן? אויף וועלכן אינדזל? אויף וועלכן עק פון דער וועלט?

איבערפלאַנצונג

דאָס איז מיין ערשטער טאָג אין דער נייער דירה. די וווינונג איז קליין, באַשיידן. זי האָט אָבער אַ גרויסע מעלה: זי איז מיינע, איך האָב זי געדונגען, זי איז פאַרשריבן אויף מיין נאָמען. פריער האָב איך געוווינט אין אַ סובלאָקאַטאָריש צימער, ווו עס האָט זייער געשטונקען, ווייל די באַלעבאָסטע האָט דאָרט געהאַלטן פאַרשיידענע אַלטע פעלצן, וועלכע זי פלעגט באַשיטן מיט נאַפטאַלין, קעגן מילבן.

און נאָך פריער האָב איך געוווינט אין אַן אַראַביש האָטעלכל אין דער אַלטשטאָט. עס זענען דאָרט געשטאַנען דריי בעטן אין איין צימער, ס׳איז נישט געווען קיין טיש, קיין בענקל איז אויך נישט געווען, עס איז נישט געווען קיין וואַרעם וואַסער, די קאָצן זענען געווען שמוציק, עס איז נישט געווען קיין פענצטער און דורך דער טיר פלעגן אַריינקומען קעץ מיט קראַנקע אויגן און זיי פלעגן זיך לייגן שלאָפן אויף מיין געלעגער. און פון קלאָזעט האָט געשטונקען דאָס, וואָס עס שטינקט געוויינלעך אין אַלטע הייזער, וועלכע זענען נישט קאַנאַליזירט.

דער אַראַבער פון האָטעל האָט זיך צו מיר באַצויגן נישט העפלעך, ער האָט פיינט געהאַט יידן און האָט דאָס מיר ביי יעדער געלעגנהייט געגעבן צו פאַרשטיין. אין אַ געוויסער נאַכט האָב איך באַשלאָסן אים צו הרגענען. צוערשט אָבער האָב איך אָנגעקלונגען אין סוכנות און איך האָב צו וויסן געטאָן דעם אַמטירנדיקן פקיד — וואָס איך האָב בדעה צו טאָן. עס איז געווען איינס אַ זייגער ביינאַכט, דער מענטשביים טעלעפאָן האָט געגענעצט און האָט מיר דערקלערט, אַז מיט מערדערייען פאַרנעמט זיך די פאָליציי, אויב איך וויל קען איך דאָרט אָנקלינגען — און ער האָט מיר געגעבן דעם נומער פון דער פאָליציי: 100.

— אדוני — האָב איך אים געפּרוּווט איבערצייגן, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער — איך וויל אויך ביי דער געלעגנהייט הרגענען אייער דירעקטאָר און אויב כ'וועל באַוויזן, אויך דעם מיניסטער, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט נייע עולים.

— שלווּם... — האָט ער געענטפערט און אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל. ער האָט נישט געוואָלט רעדן מיט מיר, ער האָט אַפילו נישט געפרעגט ווי איך הייס און פאַרוואָס איך וויל הרגענען מענטשן.

כ'בין צוגעגאַנגען צו רחוב בן־יהודה, זוכנדיק אַ קאַפע־הויז, ווו כ'וואָלט געקאָנט זיצן ביז אינדערפרי. אָבער די קאַפעען זענען שוין געווען פאַר־מאַכט. צוויי אַמעריקאַנער אין ראָזעווע הייזלעך האָבן אונטערהאַנדלט מיט עטלעכע נאַכט־מיידלעך. די אַמעריקאַנער זענען שוין געווען גרוי און פליכעוואַטע, די מיידן זענען געווען אינטענסיוו גרימירט. פּלוצים איז איינע פון זיי צוגעגאַנגען צו אַ טאַקסי און האָט אויסגערופן אין דער ריכטונג פון די חברטאָרינס:

— זונות, הביתה!

עס זענען צוגעקומען נאָך דריי, זיי זענען אַריין אין אויטאָ און זענען אַוועקגעפאָרן.

איך האָב דערוויילי רעזיגנירט פון מיינע מערדערישע פּלענער און געלאָזט זיך צוריק אין דער ריכטונג פון דער אַלטשטאָט, צו איינעם פון די דריי בעטן, וואָס זענען געשטאַנען אין מיין פינצטערן צימער.

נו, איך ווייס נישט, צי עס לוינט שוין היינט וועגן דעם צו דערציילן, דאָס געהערט שוין צום עבר, צו דער געשיכטע.

היינט האָב איך שוין אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ. אין ווינקל שטייט אַ פרידזשידער, אַ ליידיקער, אָבער ער איז טעטיק. איך האָב אַ טיש, אַ בענקל. אַ בעט אויף אייזערנע פיסלעך. ס'איז אויך פאַראַן אַ קאָלאָסאַלע סאָפע, זי וועגט אפשר זעכציק פונט, זי איז באַצויגן מיט סאַמעט, דער סאַמעט איז אויסגעריבן, אויף אַ סך ערטער האָט ער אַ פליך. דאָס האָט מיר איינער פון די שכנים געשענקט די דאָזיקע סאָפע, ווען ער איז געוווּיער געוואָרן, אַז איך בין אַן עולה חדש. אַלע איינוווינער פון הויז האָבן געהאָלפן אַרויפשלעפּן די סאָפע אויפן דריטן שטאָק — ס'איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט. די סאָפע איז שוין אַלט מסתמא אַ הונדערט יאָר,

איך שטעל מיר פֿאָר אַז אַמאָל האָט אויף איר געשלאָפֿן אַ טערקישער באַשאַ. אָבער אויך היינט איז זי באַקוועם, איך בין נאָך קיין מאָל אין מיין לעבן נישט געשלאָפֿן אויף אַזאַ באַקוועם געלעגער.

אַנטקעגן דער סאָפֿע איז אַ וואַנט, וואָס איז נאָך לער, פּוסט ווי אַ מידבר. אָבער איך ווייס, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך זי באַדעקן מיט בילדער — אין ערגסטן פֿאַל מיט רעפּראָדוקציעס פֿון אַלטן מאָלעריי. אין וואַרעמע קאָלירן. איך האָב ליב דאָס מאָלעריי, וואָס איז שוין אַרויס פֿון דער מאָדע. אַזאַ מאָלעריי רעדט צו מיר מיט רמזים: אויך איך בין שוין אַרויס פֿון דער מאָדע — מיין געשמאַק, מיינע אָנשויונגען און מיינונגען וועגן ציל פֿון לעבן, וועגן מענטשלעכן מאָראַל, וועגן קונסט, וועגן דער־ציִונג... אַפֿילו די מוזיק, וואָס איך האָב ליב, איז שוין אויך אַרויס פֿון דער מאָדע.

כ׳בין געלעגן אויף דער סאָפֿע, געקוקט אויף דעם שניי־וויסן באַלקן און געפֿרייט זיך מיט דער שטילקייט, מיט דער איינזאַמקייט, מיט דער רו.

די רו איז אפֿשר אַ רעלאַטיווע אין דאָזיקן לאַנד און אין דער דאָזיקער צייט. מענטשן האָרכן דאָ די ראַדיאָ־ידיעות יעדע שעה, און יעדע שעה באַקומען זיי אַ קאָנדענסירטן קיצור וועגן די אינטריגעס פֿון דער גרויסער פּאָליטיק, וועגן פֿאַרכאַפּן עראָפּלאַנען, וועגן סאַבאָטאַזש־אַקטן — און הינטער דעם אַלעם איז פֿאַראַן בלוט און טויט, בלוט און טויט, בלוט און טויט. יאָ, פֿאַר עמיצן, וואָס האָרכט ראַדיאָ און לייענט צייטונגען, איז די רו נישט קיין רו, נאָר בלויז אַ מינוט פֿון שטילקייט, אַן אַנטראַקט אין אַ דראַמאַטישן שפּיל.

אָבער איך הער נישט קיין ראַדיאָ. איך האָב נישט קיין ראַדיאָ־אַפּאַראַט; איך לייען נישט קיין צייטונג, ווייל פֿון צען איבערגעלייענטע ווערטער, פֿאַרשטיי איך דערוויייל בלויז איין וואָרט. און נישט געקוקט דערויף איז מיר גוט. רויִק. כ׳פֿיל נישט קיין שום געפֿאַרן אַרום זיך, כאָטש פֿאַרגאַנ־גענע וואָך זענען עטלעכע מאָל געפֿלויגן איבער דער שטאָט שווערע קריגס־עראָפּלאַנען.

ס׳איז מיר גוט. איך ווייס נאָך נישט מיט וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד שמעקט. איך ווייס נאָך נישט, וואָסאַרע ליגנט עס שטעקט דאָ אונטער די ווערטער „פֿרייהייט״ און „דעמאָקראַטיע״. ווייל עס זענען דאָך מסתמא

פֿאַראַן וועלכע פֿאַסטקעס — עס איז נישט פֿאַראַן קיין אידעאַלע געזעל־שאַפֿט, עס זענען נישט פֿאַראַן קיין אידעאַלע פֿאָרמען פֿון מלוכהשער אָרדענונג, תּמיד איז איינער פֿון אויבן און צען טויזנט אַנדערע זענען אונטן. תּמיד מאַכט מען עמיצן צום נאַר.

אַן אָנגעזעענער שרײַבער, וועלכן איך האָב באַגעגנט באַלד אין די ערשטע טעג, האָט מיך פֿאַרזיכערט, אַז די פֿרייהייט פֿון אַ קינסטלער איז דאָ אַן אַבסאָלוטע און עס איז נישטאָ קיין פֿאַרגלײַך צו די נעבעכדיקע באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן און מוטשען זיך די שרײַבער הינטער דעם אײַזערנעם פֿאָרהאַנג. דאָרט זענען זיי קאָרומפּירט און באַגרענעצט אין זייערע מעגלעכקייטן.

— איר זענט גערעכט — האָב איך געזאָגט — דאָרט פֿלעגט מיך יעדן אינדערפֿרי באַזוכן אַ פּאָליציאַנט, ער פֿלעגט זיך צוזעצן צו מײַן שרײַב־טיש, ער האָט אַרײַנגעקוקט וואָס איך שרײַב. טאָמער האָט אים עפּעס נישט געפֿאַלן, האָט ער עס באַלד אויסגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלײַער.

— דאָ איז נישט פֿאַראַן קיין צענזור — האָט מיר אויפֿגעקלערט דער שרײַבער — דאָ איז אייך אַלץ דערלויבט. דאָ איז דערלויבט צו באַליידיקן אַ מיניסטער. דאָ איז דערלויבט אָנצושרײַבן אַ פּאָרנאָגראַפֿישן ראָמאַן...

— איך קאָן נישט.

— וואָס קאָנט איר נישט?

— איך קאָן נישט שרײַבן קיין פּאָרנאָגראַפֿישע ראָמאַנען — האָב איך געענטפֿערט — און אַ מיניסטער באַליידיקן איז טיילמאָל כּדאַי. אָבער דער־וויִל ווייס איך נאָך נישט וועלכן און איך ווייס נאָך נישט פֿאַרוואָס.

צום טײַוול! כ'האָב נישט געוווּסט, אַז באַליידיקן אַ מיניסטער איז די מאָס פֿון פֿרייהייט. איבעריקנס: כאַפּט זי דער וואַטנמאַכער, די גאַנצע ליטעראַטור! און די שרײַבערס אויך. שאַרלאַטאַנען אין די בגדים פֿון אַ כּהן־גדול. ראָזענקראַנץ האָט אָנגעשריבן איין שלעכט בוך און עס דאַכט זיך אים, אַז ער האָט שוין זוכה געווען אַרויפֿצוקריכן אויף דעם פּאַרנאַס. ווען ער וועט אָנשרײַבן צען שלעכטע ביכער, וועט ער אָנהייבן צו באַקומען פּרעמיעס און ער וועט זײַן זיכער, אַז ער האַלט שוין דעם רבונו־של־עולם פֿאַר די שטײַוול. איך קען ראָזענקראַנצן און איך ווייס וואָס איך זאָג. ס'איז אַ פּחד זיך צו דערנענטערן צו אים אָן אַ שטעקן. און אַ פּרצוף האָט ער

אַזאַ, אַז עס בעט זיך צו דערלאַנגען אים אין דער מאָרדע. נו, גוט. וואָס גייט מיך אָן ראָזענקראַנץ?

כ׳האָב פאַרענדיקט מיין וואָגל. מיינע אינטערנאַציאָנאַלע וואָיאַזשן. דאָ, אין דעם לאַנד וועל איך איצט לעבן. דאָ איז מיין נייער אַדרעס. דער לעצטער. כ׳וויל אים נישט ענדערן.

פרייטיק נאָכמיטאָג בין איך געגאַנגען אין דער גאַס, געשווומען אין אַ ים פון זונשיין, די היץ איז געווען אַ געדיכטע, די שטאָט האָט געהאַט דעם גאָלדענעם קאָליר פון האָניק, נאָר דער האָריזאָנט איז געווען פאַר־הילט אין אַ פיאָלעטן נעפּל.

פלוצים איז צו מיר צוגעקומען אַ קליין ייִנגעלע, אַ ייִדיש ייִנגעלע מיט שוואַרצע פּאהלעך און מיט אַ קליינינקע יאַרמלקע אויפן קאָפּ, אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ בלעכערנע פּושקע פון ר׳ מאיר בעל־הנס. ער איז געווען שעמעוודיק און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט ער צו מיר געזאָגט עפּעס אויף לשון־קודש. עפּעס האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים גאָרגל, כ׳האָב אַרייַנגעוואָרפן אַ מטבע, אַ גלעט געטאָן דאָס קינד און — אַנטלאָפן. בין איך סענטימענטאַל?

עפּעס טייעט אויף אין מענטש. כאָטש נישט תמיד אויף אַזאַ אופן, ווי עס שילדערן דאָס די היגע זשורנאַליסטן און דיכטער. אפשר נישט אַזוי סכעמאַטיש.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך צוגעגאַנגען צום כותל. דאָס איז געווען בשעת מיין ערשטער באַגעגעניש מיט דער הייליקער שטאָט. מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך געגאַנגען דורך די ענגע טויזנטפאַרביקע צעשריגענע און צעיאָכמעטע געסלעך, ווו עס איז תמיד פאַראַן אַ המון פון אַראַבישע הענדלער, קינדער און שנאָרער. כ׳בין געווען באַצויבערט — דער דאָזיקער ווירוואַר, די געשטאַלטן, פאַרבן און קלאַנגען האָבן דערוועקט אין מיין זכרון אַ שטימונג פון יענע אָריענטאַלע דערציילונגען פון „טויזנט און איין נאַכט״, וועגן קאַליפן און סולטאַנען, וועגן רייכע סוחרים און פליענדיקע טעפּיכער. אָבער איך האָב נאָך אַלץ נישט געפונען אין זיך קיין פונק פון געריררטקייט, וואָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט די געשטאַלטן און געשעענישן פון תנ״ך. כ׳בין נאָך נישט געקומען אויף די שפּורן פון אונדזערע אַלטער־

טימלעכע אַנטענאַטן, מלכים, נביאים און תנאים, וועלכע האָבן אויף די דאָזיקע געסלעך געטראָטן.

בין איך געגאַנגען אין דער ריכטונג פון כותל המערבי פול מיט יום־טובדיקער דערוואַרטונג, פול מיט שפּאַנונג — און באַלד האָב איך דערזען די דאָזיקע גרויסע הייליקע וואַנט, און דעם באַרג, אויף וועלכן עס איז אַמאָל געשטאַנען דאָס בית־המקדש, און אויף וועלכן עס שטייען היינט צוויי מעטשעטן. און עס איז מיר געוואָרן זייער אומעטיק, ווייל זעט אויס, אַז די דאָזיקע צוויי טויזנט יאָר, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין דער קאַלטער איראָפּע — די דאָזיקע צוויי טויזנט יאָר האָבן געמאַכט זייערס: איך האָב אין זיך דערפילט דאָס ווערק פון אַליענאַציע, פון גלייכגילטיקייט לגבי דעם הייליקן נאַציאָנאַלן דענקמאָל. ניין, רבותי, כ׳בין נישט געווען גערירט, נישט מער ווי שפּאַצירנדיק אויף די חורבות פון פאָרום ראָמאַנום, אָדער פון אַקראָפּאָליס אין אַטען. כ׳בין געשטאַנען ביים כותל המערבי און איך האָב נישט געוויינט, איך האָב נישט געקושט די הייליקע וואַנט און איך האָב נישט מתפלל געווען. אָבער דאָס אָרט האָט מיר זייער געפאַלן, און עס האָט מיר זייער געפאַלן די גרויסע שטילקייט אויפן הר המוריה, דאָרט ווו דער אַלמעכטיקער האָט באַפוילן אברהם אָבינו ברענגען זיין בן־יחיד פאַר אַ קרבן, ווייל ער האָט זיך געוואָלט איבערצייגן, ווי ווייט עס גרייכט די געטרייקייט פון אַ מענטש צו זיין גאָט.

צווישן איין מעטשעט און דעם צווייטן האָבן געדרימלט עטלעכע אַלטע בעטלערס — אַראַבישע. כ׳האָב באַמערקט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אַן אַראַבישן בעטלער און אַ יידישן. דער יידישער אָרעמאַן איז אַ מענטש פון ענערגיע און טאַט. דעם גרעסטן קמצן איז ער אין שטאַנד אַרויסצוררייסן פון האַלדז אַ גראָשן. און אויב ער טרעפט אָן אויף אַ קמצן וועלכער איז אַזוי עקשן און לאָזט זיך נישט באַאיינפלוסן, וועט ער אים באַוואַרפן מיט קללות, אַז יענער וועט נישט וויסן וויאַזוי צו אַנטלויפן. דאַקעגן דער אַראַבישער בעטלער — שווייגט. אויב ער שלאָפט נישט, קוקט ער אויף אייך דורך די פאַרזשמורעטע וויעס, און איך וואָלט נישט געזאָגט, אַז אין זיינע בליקן איז פאַראַן אַ פונק פון פריינדלעכקייט. אָבער מעגלעך, אַז איך האָב אַ טעות. מעגלעך, אַז דער דאָזיקער בעטלער איז בכלל קיין בעטלער נישט. אפשר איז ער פשוט אַן אַלטער מענטש, אַן אַלטער בראָדיאַגע, וואָס האָט פאַר־

שטאַנען די אמתדיקע חכמה פון לעבן: די וועלט איז שיין, שיין איז דאָס דאָזיקע לאַנד, די גילדענע בערג, אַלטע הייזער, מויערן און קאָפּולן — אַלץ איז שיין, אָבער דאָס לעבן איז גענוג קורץ און צייטווייליק — דאָס איינציקע וואָס איז כּדאי צו טאָן אין דער דאָזיקער הייסער שעה, איז צוטוליען זיך צו דער ערד אין שאָטן פון אַ וואַנט און — כאַפּן אַ דרימל. מעגלעך, אַז אין אַ געוויסן טאָג וועל איך אויך נאָכגיין זיין ביישפּיל און זיינע שפּורן, כ׳וועל אויך טאָן דאָס זעלבע, וואָס ער טוט — איך האָב תמיד באַוווּנדערט די שלעפּערס און בראָדיאַגעס, די אַלע וואָס האָבן איבערן קאָפּ דעם גאַנצן הימל אַנשטאָט אַ קליינעם באַלקן, און הינטער זיך די גאַנצע ערד, אַנשטאָט אַ בעט.

כ׳בין צוריקגעגאַנגען צום שער יפו און פון דאָרט בין איך מיט אַ שרות צוגעפאָרן אין שטאָט אַריין. לעבן מיר איז געזעסן אַ ייד אין אַ שוואַרצער בעקעשע, מיט אַ שיינער און לאַנגער, מסתמא קיין מאָל נישט געשוירענער באָרד, אין אַ ברייטן פּליושענעם קאַפּעליוש. כ׳האָב באַטראַכט זיין ליכטיק פּנים — דער דאָזיקער מענטש געניסט — זעט אויס — ווייניק פון דער זון, מען זעט אַז ער איז אַ תּלמיד חכם, וואָס זיצט און לערנט יום ולילה. אויגן האָט ער געהאַט העלע, בלויע — מיין טאַטע האָט געהאַט אַזעלכע אויגן. ס׳איז מיר געוואָרן וואַרעם אין האַרצן און — כ׳האָב פאַר־זיכטיק און צאַרט גענומען גלעטן זיין באָרד.

— מה זה? — האָט ער אויסגעשריגן.

— אַנטשולדיקט — האָב איך געזאָגט — כ׳האָב אייך חס וחלילה נישט געוואָלט באַליידיקן. כ׳בין געקומען פון אַ לאַנד, ווו עס איז שוין לאַנג נישט פאַראַן קיין יידן מיט בערד.

ער האָט זיך צעלאַכט אַ צופרידענער און האָט מיר דערלאַנגט שלום. און ערשט איצט האָב איך דערפילט, אַז איך בין גערירט...

אַ באַזוך אין ניו־יאָרק

ערשט אייערנעכטן בין איך געזעסןביים פענצטער פון אַ ביליקן האָטעל־צימער אין בראָנקס און געקוקט אויף דער ניו־יאָרקער גאַס. כ׳בין דאָרט געווען גאַנצע צוויי וואָכן — צוויי נישט געלונגענע וואָכן. די גאַנצע רייזע איז געווען נישט געלונגען, אפשר מיט עטלעכע יאָרצענדליק פאַר־שפּעטיקט. איך האָב נישט געפונען די פרייד פון דעראָבערן ווייטקייטן, כ׳האָב נישט געפונען דעם פאַרגעניגן פון אַ זאָרגלאָזן טוריסט, וועלכער אַנטציקט זיך מיט דער אורבאַניסטיק און מיט דער טעכניק, מיט דעם טעמפּאָ פון דער באַוועגונג און מיט טויזנט אַנדערע זאַכן. פאַרקערט: דאָס אַלץ האָט אין מיר געוועקט אַ פּחד, אַ געפיל פון פאַרלירן זיך און מאַכט־לאָזיקייט. איך האָב וואָס גיכער געוואָלט אַנטלויפן. פון טאָג צו טאָג, און דערנאָך פון שעה צו שעה, איז אין מיר געוואַקסן די בענקשאַפט צו דער שטילער לאַנדשאַפט פון ישׂראל, צו דעם גאָלדיקן זאַמד פונעם מידבר, צו דער זאַפטיקער גרינקייט פון די פּרדסים — און איך האָב פּלוצים דערשאַצט ווי גוט עס איז צו האָבן וווהין זיך צוריקצוקערן.

אמת געזאָגט, האָב איך אַמעריקע בכלל נישט געזען. איך בין נישט קיין דערפאַרענער טוריסט, כ׳האָב נישט באַוויזן אויף אַ קלוגן אופן צו אָרגאַניזירן זיך דעם דאָזיקן אויספלוג. און עס איז נישט קיין חידוש. איך האָב טאַקע געררייזט אַ סך, אָבער געווען איז עס תמיד אין אַ ביסל אויסטער־לישע באַדינגונגען: מען פלעגט מיך פירן מיטן קאָנוואָי, מיט דעם גאַנצן כּבוד וואָס עס קומט אַן אַרעסטאַנט. יענע צייטן און יענע רייזעס פיל איך נאָך ביז היינט אין די ביינער. איך בין נאָך נישט צוגעוווינט צו דער פרייהייט. איך האָב ביז איצט פיינט פּאָליציאַנטן, איך האָב נישט קיין צוטרוי צו קיין שום מאַכט, צו קיין שום רעגירונג, איך האָב פיינט פּאַרטייאישע טוערס — לינקע און רעכטע און אַפילו די פון צענטער. איך פאַרטראָג

נישט קיין יוריסטן, קיין ריכטערס און פּראָקוראָרן, אַפילו פּאַרטיידיקערס, דאָס הייסט אַדוואָקאַטן האָב איך אויך פיינט.

וואָס שייך אַמעריקע, האָב איך בלויז געזען ניו־יאָרק. נישט נאָר פון אונטן, דאָס הייסט אין טריין, אין וועלכן איך פלעג יעדן טאָג פאַרברענגען עטלעכע שעה, פאָרנדיק פון בראָנקס קיין ברוקלין אָדער צוריק. ניו־יאָרק איז שיין, אָבער איך האָב די דאָזיקע שטאָט נישט ליב. ס׳איז נישט איר שולד. די גאַנצע וועלט איז שיין, און דאָך פיל איך צו איר אַן אומווילן, אַ ווידערווילן, טיילמאָל אַפילו אַ האַס. ליבע איז אַ קאַפּריזנע געפיל. איך האָב אין אַ געוויסן טאָג אויפגעהערט צו ליבן דאָס לאַנד, אין וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן, און ווען איך הער עמיצן אויף צו ליבן, ווער איך אויף אַ לאַנגער צייט נערוועז, בייז. ווען די ליבע גייט אויס, פיל איך זיך אַזוי, ווי איך וואָלט אַלץ פאַרלוירן, ווי דער דאַך איבערן קאָפּ וואָלט מיר פאַר־ברענט געוואָרן.

געשלאָפן בין איך אין אַ האָטעל אין בראָנקס. פון דרויסן האָט דאָס הויז געהאַט אַ גאַנץ לייטישן אויסזען, נאָר אינעווייניק איז די ווירקלעכקייט געווען אַ נעבעכדיקע. עס האָבן דאָרט געוווינט פּאָרטאָריקאַנער און נעגערס, נו און איך, — אַזאַ בר־מזל בין איך שטענדיק, ווען אַנדערע שלאָפן אויף אַ קישן, געפין איך צו קאָפּנס אַ שטיין... איבעריקנס: מיר האָבן די נעגערס נישט געשטערט און אויך נישט פּאָרטאָריקאַנער, צו פיל צרות האָב איך זיך אָנגעליטן פון די ווייס־ראַסיקע, כ׳זאָל היינט אַנטלויפן פון די שוואַרצע.

האָב איך געוווינט אין דאָזיקן האָטעלעכל, אין אַ צימער ווו עס איז געווען בערך עטלעכע טויזנט זשוקעס, און יעדער זשוק איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ קראָקאָדיל. דער פּאָרטיער האָט מיך געטרייסט, אַז די דאָזיקע זשוקעס זענען שוין כמעט אויסטערעסירט. דאָס זענען היימישע, נישט שעד־לעכע זשוקעס, מען דאַרף פאַר זיי נישט קיין מורא האָבן, מען דאַרף זיך צוגעוווינען. דאָרט ווו עס זענען פאַראַן זשוקעס, זענען נישט פאַראַן קיין וואַנצן, ווייל די דאָזיקעביידע באַשעפענישן פאַרטראָגן זיך נישט קעגנ־זייטיק — איז זאָל שוין בעסער זיין מיט זשוקעס. די אויפקלערונג פון פּאָרטיער איז געווען לאָגיש, כמעט וויסנשאַפטלעך און איבערצייגעוודיק. איך בין אין דאָזיקן האָטעל פאַרבליבן גאַנצע צוויי וואָכן און איך האָב דאָרט טאַקע נישט געזען קיין איינציקע וואַנץ.

— פאַרשטייט זיך — האָט מיך אינפאָרמירט דער גוטמוטיקער שוואַר־צער פאַרטיער — פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען אין ניו־יאָרק פאַראַן אַ סך האָטעלן אַן זשוקעס און אַן וואַנצן. ער אַליין האָט אַמאָל אין אַזאַ האָטעל געאַרבעט. ער האָט דאָרט זייער גוט פאַרדינט, כאָטש די העלפט פונעם טרינק־געלט האָט ער געמוזט אָוועקגעבן דעם באָס. אין אַ געוויסן טאָג האָט אים איינער אַ שיכּורער גאַסט באַליידיקט, האָט ער אים דערלאַנגט אין די ציין און מען האָט אים אַרויסגעוואָרפן פון דער אַרבעט, ווייל אין אַמעריקע איז פאַראַן דעמאָקראַטיע, אַלץ מעג מען, נאָר שלאָגן טאָר מען נישט, מען טאָר זיך נישט קריגן מיט קיינעם, דעם וואָס שרייט העכער, שיקט מען באַלד צו אַ פּסיכיאַטרישער אונטערזוכונג, פון אַזאַ אונטערזוכונג האָט מען דערנאָך אַ סך צרות, ווייל לויט די פּסיכיאַטערן זענען אַלע מענטשן משוגע. און דאָס איז אמת.

אין איינעם אַן אינדערפרי בין איך געפאָרן קיין ברוקלין, אַ קוק צו טאָן אויפן ים. ס׳האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט, כ׳בין געזעסן אויף דער טעראַסע פון אַ קאַפע־הויז, ביים צווייטן טישל האָבן עטלעכע יונגע לייט געלאַכט און גערעדט אַ שלעכטן פויליש. ס׳איז קלאָר: אַלע עמיגראַנטן אויף דער וועלט פאַרגעסן גיך זייער מוטערשפּראַך, פּאָליאַקן רעדן אַ שלעכטן פויליש, יידן רעדן אַ שלעכטן יידיש, איינע אַסימילירן זיך, אַנדערע רעדן וועגן נאַציאָנאַלער אידענטיפיקאַציע — די הויפּטזאַך איז: נישט אַריינפאַלן אין דער פּאַסטקע פון קאָסמאָפּאָליטיזם, ווייל אין האַס צו די קאָסמאָפּאָליטן זענען אַלע אויף אַ מאָדנעם אופן איינשטימיק. היטלער האָט זיי פיינט גע־האַט, סטאַלין האָט זיי געשיקט אויף דער תליה, און אַפילו היינט, ווייסט יעדער פּאַטריאָט אין דער פרייער וועלט און יעדער פּאַטריאָט אין די קאָמו־ניסטישע לענדער, אַז קאָסמאָפּאָליטן דאַרף מען באַקעמפן, כאָטש קיינער ווייסט נישט גענוי פאַרוואָס.

און איך? איך זיץ אויף דער טעראַסע פון אַן אַמעריקאַנער קאַפע־הויז און איך טראַכט: כ׳בין קראַנק, איך לייד פון פּסיכישע פאַרלעצונגען, דאָס זענען איבערבלייבענישן נאָך גרויסע נאַציאָנאַלע קראַנקייטן פון אַנדערע פעלקער, וואָס האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען מיינע ברידער. אַלע זענען אומ־געקומען, נאָר איך לעב, כאָטש די אַלע וואָס זענען אומגעקומען זענען געוועזן בעסער פון מיר און איידעלער.

כ׳האָב געעפּנט אַ צייטונג און איבערגעלייענט אַן אַרטיקל וועגן ליטע־ראַטור, וועגן דעם אַז אַן אמתער שרייבער מוז זיין נאַציאָנאַל, אַנדערש איז ער נישט קיין שרייבער. און מסתמא איז ער גערעכט, דער מחבר, ווייל יעדער איז דאָך אַ ביסל ערגעץ־ווו גערעכט. אָבער איך בין דאָך קראַנק — און ווען עמיץ רעדט צו מיר אָדער אין מיין אַנוועזנהייט וועגן נאַציאָ־נאַלער ליבע, פּיל איך באַלד, אַז עס ציטערט אויף מיר די פעל און עס הייבט מיר אָן ווי צו טאָן די לעבער. איך האָב אַמאָל ליב געהאַט פּוילן, אָבער ווען מען האָט געשריגן „ניעך זשיע פּאָלסקאַ!״, האָב איך געציטערט פון אויפרעגונג, ווייל עס זענען געווען צייטן, ווען שרייענדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט מען געשלאָגן יידן. איך האָב ליב געהאַט די דייטשן און די דייטשע קולטור, אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט איך זאָל זיי ליב האָבן, און עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך שוין געוווּסט, אַז ווען זיי שרייען „עס לעבע דאָס פאָטערלאַנד״ — דאַרף מען אַנטלויפן, ווייל עס קאָן פּאַסירן, אַז עס וועט עמיצן איינפאַלן אויפצוקנעפּלען מיינע הויזן און קאָנטראָלירן צי מיין מענלעכער בריליאַנט איז נישט געמלט. אויך דעם ראַטנפאַרבאַנד האָב איך אַ צייט ליב געהאַט, אָבער געוווּסט האָב איך שוין, אַז ווען מען שרייט „דאַ זדראַסטוווּיעט ראָדינאַ״ — גרייט מען זיך צו עפּעס אַ גרעסערע חזירײַ.

דער ים אין ברוקלין שמעקט מיט פיש, כאָטש קיינער פאַרנעמט זיך דאָ נישט מיט פישערײַ. פון איין זייט דער ים, פון דער צווייטער — די שטאָט. די הייזער פון מאַנהעטן זעען אויס ווי גיגאַנטישע דענקמעלער. דאָרט ערגעץ ווייטער אָדער נענטער איז די 5טע עוועניו, דער גן־עדן פון באַנקירן, גרויסע סוחרים און ליבהאָבער פון הויכער אורבאַניסטיק. אין האַרלעם ליגן אויף דער גאַס בראָדיאַנעס, ווייסע און פאַרביקע. די ווייסע האָבן פיינט די נעגערס, די נעגערס האָבן פיינט די יידן. די יידן האָבן זיך פיינט קעגנזייטיק.

ייִדן. אין שוואַרצע איבערציִערס, מיט בערד און פאות, לובאַוויטשער חסידים און אַנדערע חסידים, אָדער סתם יידן, אָן בערד און אָן פאות. מיינע ברידער — אַ געזונט אויף זייערע קעפּ.

ס׳האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. כ׳בין צוגעלאָפן צום טריין, געפאָרן קיין בראָדוויי, כ׳האָב דאָרט געהאַט עמיצן צו באַזוכן. פאַר ניין און ניינציק צענט האָב איך מיר געקויפט אַ שירעם, אַ גרויסע שוואַרצן פאַראַסאָל — אַזאַ

זאַך שטאַרקט דאָס זיכערקייטס־געפיל ביים מענטש. פאַר צוואַנציק צענט האָב איך אויסגעטרונקען אַ קאַווע אין אַן איטאַליעניש ביסטראָ. ס׳איז דאָרט געווען שמוציק ווי אין ירושלים אויף רחוב יפו; ירושלים איז הייליק, ביי אַ הייליקן דאַרף מען נישט קאָנטראָלירן, צי ער האָט ריין היינטער די נעגל. אַ הייליקער מעג זיך אויך געוויסע הנחות דערלויבן. בראַדוויי איז נישט הייליק, אָבער בראַדוויי איז אַן אַלטער רייכער קליינבירגער מיט הונדערט־יאָריקער טראַדיציע. ער מעג זיך דערלויבן צו זיין ערטערווייז שמוציק, זאָלן זיך וואַשן די באַנקירן פון דער פינפטער עוועניו.

כ׳האָב נאָך אַ מאָל אַריינגעקוקט אין מיין נאָטיץ־העפטל און געפונען דעם ריכטיקן אַדרעס. כ׳בין אַריין אין האָל, נעבן דעם ליפט איז געשטאַנען אַן עלטערע דאַמע, אַ זקנה מיט אַ געשמינקעוועט פנים. איך האָב געמאַכט אַ העפלעכן זשעסט מיט דער האַנט, זי זאָל אַריין די ערשטע. זי האָט מיך, זעט אויס, שלעכט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך דערשראָקן און אַוועקגערוקט זיך פון ליפט. פאַרוואָס האָט זי פאַר מיר מורא געהאַט? נו, יאָ, עמיץ האָט מיר שוין אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב אַ פנים פון אַ מערדער, בפרט דעמלט ווען איך בין בייז, און בייז בין איך כמעט שטענדיק. אָבער דאָס מאָל בין איך נישט געווען בייז אויף קיינעם און אַפילו אויף זיך אַליין אויך נישט. כאָטש די דאָזיקע זקנה האָט אַ ביסל געוועקט מיין פּראָטעסט: זי איז שוין מסתמא אַלט געווען אַ הונדערט יאָר, און די ליפּן האָט זי געהאַט אָנגע־פּאַמאַדעוועט מיט אַ זאַפטיקער שמינקע, וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון פרישע וויינשל. נו, גוט, כאַפּט זי דער וואַטנמאַכער, בין איך אַריין דער ערשטער אין ליפט אַריין און זי איז געבליבן. אין ווינקל פון ליפט איז געהאַנגען אַ שפיגל, האָב איך געוואָרפן אַ בליק און כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז די הונדערטיאָריקע איז געווען גערעכט: צו אַזאַ פנים קען מען נישט האָבן קיין צוטרוי.

אויפן דריטן שטאָק בין איך אַרויס פון ליפט און כ׳האָב אָנגעקלונגען. די טיר האָט געעפנט אַן עלטערע פרוי. איך האָב זי באַלד דערקענט, כאָטש אין מיין זכרון איז זי געווען פאַרשריבן ווי אַ יונג און שיין מיידל און באַגעגנט האָב איך אַ פרוי מיט גראָע, אפשר אַ ביסל צו פרי גראָ געוואָרענע האָר. אויף אַ ווײַלע האָב איך זיך פאַרשעמט פאַר איר אַלטקייט און אויך

פאַר מיין אייגענער אַלטקייט, ווי דווקא דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס מען האַרף זיך שעמען.

איך האָב זיך פאַרנייגט און פאַרגעשטעלט. אַזוי און אַזוי הייס איך. און איך האָב איר גענומען דערמאָנען דערמאַנען פרטים, די שטאָט, די גאַס, דאָס הויז, אין וועלכן מיר האָבן געוווינט, געשעענישן, צייטן. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, די קנייטשן אויף איר פּנים זענען געוואָרן נאָך טיפער — אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט. זי האָט געשוויגן און איך האָב גערעדט, איך האָב רעקאָנסטרויִרט דאָס וואָס איז געווען מיט עטלעכע יאָרצענדליק צוריק, נאָך פאַר דער מלחמה, פאַר דער גרויסער שחיטה. איך האָב איר דערמאָנט דאָס, וואָס איז דעמלט געווען יונג און שיין, איך האָב נישט דערמאָנט מיט קיין איינציק וואָרט וועגן די שטעכל־דראָטן. כ׳האָב נישט דערמאָנט וועגן אויוונס, וואַגאָנען, געלע לאַטעס, עקזעקוציעס, איך האָב דאָס אַלץ פאַר־שוויגן, פּונקט ווי עס וואָלט קיין מאָל נישט פּאַסירט.

מיר זענען געזעסן אין אַ גרויסן, באַשיידן מעבלירט צימער. אויף דער וואַנט האָב איך באַמערקט אַ פּאָרטרעט, אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ ייִנגל — וואָס אויך וועגן אים האָב איך פאַרשוויגן, באַמיט זיך נישט צו דערמאָנען זיין נאָמען.

איך האָב צו איר גערעדט, און זי איז געשטאַנען ביים פענצטער און אַראָפּגעקוקט: דאָס הויז איז געווען ביי אַ שטיל זייטן־געסל, אין דער לענג פון דער גאַס זענען געוואַקסן צוויי רייען גרויסע בליענדיקע קאַשטאַן־ביימער.

— אַזאַ שיין געסל — האָט זי געזאָגט — אמת? פּונקט ווי דאָרט. איר געדענקט? לעבן אונדזער הויז...

איך האָב באַמערקט, אַז אירע ליפּן ציטערן לייכט. זי האָט געקוקט דורכן פענצטער מיט גרויס פאַראינטערעסירונג, כאָטש אונטן, אויף דער גאַס, איז גאָרנישט פאַרגעקומען. אין שאָטן פון די ביימער זענען געשטאַנען עטלעכע אויטאָס, אָבער די אַלטע שכנותדיקע הייזער האָבן אויסגעזען אַזוי, ווי קיינער וואָלט אין זיי נישט געוווינט.

— דאָס טייכל לעבן אונדזער הויז... — האָט זי דערמאָנט — איר געדענקט עס? כ׳האָב פאַרגעסן, ווי אַזוי עס האָט געהייסן.

— טישמעניצע — האָב איך איר שטיל אונטערגעזאָגט.

— יאָ. טישמעניצע. ערבֿ־פּריילינג פלעגט טייַען דער שניי. דאָס וואַסער פון די בערג פלעגט אַראָפּשווימען, דאָס טייכל פלעגט דעמלט אויסגיסן, ס׳פלעגט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גרויסן טייַך, וואָס האָט גרויזאַם גערוישט. די הילצערנע בריק פלעגט קרעכצן. ביז היינט געדענק איך דאָס. עס האָט גערוישט, און איך האָב געהערט פאַרשיידענע אויסטערלישע קלאַנגען, ווי פייגל וואָלטן געוויינט. אויך איצט הער איך דאָס. נישט אין דער מינוט, נאָר בייַנאַכט. בייטאָג הער איך נישט. בייטאָג קוק איך. איך שטיי ביים פענצטער און איך וואַרט. כ׳ווייס דאָך נישט ווען ער וועט קומען צו פאָרן. אפשר האָט ער שוועריקייטן מיטן באַקומען אַ וויזע, מיטן פּאַספּאָרט. דאָס מוז דויערן.

מיר האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, און אין דאָזיקן שווייגן, אין דער דאָזיקער שטילקייט איז געווען אַ געשפּאַנטע שטימונג. איך האָב געזוכט אין די געדאַנקען, ווי אַזוי צו פאַרקירעווען דעם שמועס אין אַן אַנדערער ריכטונג.

— איר האָט דאָ פרײַנד? באַקאַנטע? עמיץ באַזוכט אייך?

— ניין — האָט זי געענטפערט — איך דאַרף קיינעם נישט. ווען איך בין געווען יונג, האָב איך געהאַט אַ סך פרײַנד. היינט האָב איך קיינעם נישט. איך וואַרט אויף מיין ברודער. איר קענט דאָך אים. דערציילט מיר עפּעס וועגן אים. ווי אַזוי גייט עס אים?

און זי האָט מיר געוויזן אויף דער וואַנט, וווּ עס איז געהאַנגען די גרויסע פאָטאָגראַפיע פון דעם יינגל.

— יאָ... — האָב איך געזאָגט, באַהערשנדיק די טרוקעניש אין האַלדז — ווען איך האָב מיט אים דאָס לעצטע מאָל גערעדט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט אייך זייער ליב. ער האָט דעמלט געבענקט צו אייך, געוואָלט אייך זען, געוואָלט זיין צוזאַמען מיט אייך.

— איך ווייס. איך האָב עס געפילט.

כ׳האָב פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס. כ׳האָב זיך געפילט פאַרשעמט און צעבראָכן. כ׳האָב אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט איר בליק. כ׳האָב גענומען אַרומקוקן זיך, איך האָב געזוכט אויף וואָס צו פאַרהאַלטן דעם בליק און איך האָב דערזען אויף דער וואַנט נאָך עטלעכע בילדלעך — אַלטע ביליקע רעפּראָדוקציעס פון ליליענס האַלצשניטן אויף ביבלישע טעמעס. דער דאָזיקער ליליען האָט אויך געשטאַמט פון אונדזערע קאַנטן. אָבער

אויך ליליען האָט מיר נישט געהאָלפן אַנטלויפן פון איר בליק, פון איר שווייגן, פון מיינע זכרונות. ער איז דעמלט אַלט געווען אַכצן יאָר, ער איז געגאַנגען איינגעבויגן אונטער דער שווערער לאַסט פון יענער צייט. פון יענעם טאָג, ער האָט געהאַט גרויסע טונקעלע אויגן,ביידע זענען מיר געווען פריינד, ביידע זענען מיר געווען אין די זעלבע יאָרן, ביידע זענען מיר נאָך געווען לעבעדיק, אָבער ער האָט געוווּסט, אַז אין אַ מינוט אַרום, אין אַ מינוט וואָס וועט זיין לאַנג ווי די אייביקייט, אָדער אין עטלעכע מינוט, וועלכע וועלן זיין קורץ ווי אַן אויגנבליק — וועט ער שטאַרבן. און אויך איך האָב געוווּסט, אַז ער וועט שטאַרבן ווען ער וועט צוקומען צום עק פון דעם ברעט איבער דער גרויסער יאַמע. און אין אַ שעה אַרום, אָדער אין צוויי, ווען דער גרוב וועט שוין זיין פול, וועלן מיר — איך און נאָך עטלעכע יידן פון דער „באַגרעבער־קאָמאַנדע״ — באַגיסן דעם גרוב מיט קאַלעך, פאַרשיטן, אויסגלייכן, אויסברוקירן דעם פּלאַץ מיט שטיינער, אָדער — אויב מען וועט אונדז באַפעלן — פאַרזעצן דאָרט בלומען אָדער קרויט.

איך אַנטלויף פאַר אירע אויגן, אויך דעמלט בין איך פאַר זיין בליק אַנטלאָפן. ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זיין בליק אויסהאַלטן, אַז איך בין געשטאַנען אין אַ זייט, אַנגעשפּאַרט אויף דער לאָפּאַטע — ער האָט די דאָזיקע לאָפּאַטע געזען, און אויב ער האָט זי געזען, האָבן מיר שוין נישט געקאָנט זיין קיין פריינד, מיר זענען שוין געווען ווייט פון זיך, פרעמד.

און זי, די שוועסטער זיינע, קוקט אויף מיר איצט מיט די אויגן פון איר ברודער. ווו איז זי געווען דעמלט, ווען איך האָב מיט ערד און שטיינער צוגעדעקט, צוגעשיט די וואַרעמע, כמעט נאָך צאַפּלענדיקע, כמעט נאָך לעבעדיקע לייבער פון זעקס הונדערט דערשאָסענע? איך האָב נישט קיין מוט צו פרעגן ביי איר.

— אַלע זענען שוין פון דאָרט אַרויסגעפאָרן און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

איך האָב אים נישט פאַראיבל, חס ושלום. ער איז אַזאַ אומבאַהאָלפענער.

ווען ער וועט קומען, וועל איך שוין נישט מוזן שטיין ביים פענצטער.

עס האָט מיך אַרומגענומען אַ פאַרצווייפלונג. איך האָב געוואָלט וואָס גיכער אַרויס פון דאַנען, כ׳האָב אָבער נישט געוווּסט ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם דאָזיקן דיאַלאָג.

— איר קוקט אַזוי אומגעדולדיק אויפן זייגער — האָט זי זיך פּלוצים אויף מיר אָפּגעבייזערט — איך האָב אייך נישט פאַרבעטן און איך האָב נישט בדעה אייך צו האַלטן מיט כּוח.

איך האָב געדולדיק געשוויגן. מיט דרייסיק יאָר צוריק האָב איך איר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל בלייבן לעבן, וועל איך זי אַ געוויסן טאָג באַזוכן. און איצט איז מיר קאַלט פון איר בליק און איך האָב דערפילט, אַז זי האַסט מיך.

— איר זענט אַ שלעכטער מענטש! אַזוי ווי אַלע, אַזוי ווי די גאַנצע וועלט! נאָך וואָס זענט איר צו מיר געקומען? איר זענט געווען זיין פריינד, אָבער ער איז געווען בעסער פון אייך. עס איז נישט געווען אַזאַ גוט קינד אויף דער וועלט, טאָ פאַרוואָס איז ער אומגעקומען, און איר לעבט. אַלע לעבן, נאָר ער איז טויט, פאַרוואָס, פאַרוואָס? און פאַרוואָס דערציילט איר מיר ליגנס? פאַרוואָס האָט איר געזאָגט, אַז ער בענקט? טויטע בענקען נישט!

זי האָט מיך געשמיסן מיט ווערטער ווי מיט אַ בייטש.

— און איצט גייט אייך שוין. איך וויל אייך מער נישט זען, איר הערט? איך וויל וואַרטן אויף מיין ברודער. און זאָל מיר קיינער אין דעם נישט שטערן.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון אָרט און גענומען שאַרן צו דער טיר. זי האָט מיך אַרויסגעשטופּט אויפן קאָרידאָר. כ׳האָב געוואַרט אַ ווײַלע אויפן ליפט און האָב געהערט, ווי זי פאַרשליסט די טיר, און כ׳האָב געהערט איר געוויין, און איך הער אים אויך איצט, אין אָט דער מינוט, ווען איך שטעל דאָס פּינטעלע נאָכן לעצטן זאַץ פון דער דאָזיקער דערציילונג.

אַליינקייט

אין מיין בוידעם־שטיבל איז ענג און פינצטער. איך פיל זיך אָבער אין מיין דירה נישט שלעכט. איך בין צופרידן. עס הערשט דאָ ביי מיר אַ געבענטשטע שטילקייט. ס׳איז רויִק. קיינער שטערט מיר נישט אין מיינע מחשבות, קיינער האַקט מיר נישט איבער די רייד ווען איך שמועס מיט די שאָטנס און קיינער זאָגט נישט אַז איך בין משוגע...

אָבער נישט שטענדיק איז דאָ שטיל. אַנטקעגן מיין הויז און מיין פענצטער איז דאָ אַ קליינער מאַרק־פּלאַץ. מען קען זאָגן: אַ פּלעצל. און יעדן אינדערפרי קומען אַהער פּויערים פון די אַרומיקע דערפער. זיי פאַר־קויפן דאָ אויבס און עופות. זיי קומען מיט וועגענער און ביי יעדן וואָגן הירזשעט אַ פערד. די פּויערים שיסן מיט די בייטשן, רופן צוזאַמען די קונים. טייל מאָל באַוויזט זיך אַן אַראַבער אין אַ ווייסער אַבאַיע, אָדער אַ בעדויִנער מיט אַ קעמל. דער קעמל מעלה־גירהט און קוקט אויף דער אַרו־מיקער וועלט מיט אויגן וואָס וויסן אַ סך און פאַרשטייען אַ סך. דער קעמל שווייגט און דער אַראַבער דרימלט אין זיין שאָטן. און די וועלט איז פול מיט זון און פול מיט גנאָד, און איך טראַכט וועגן דעם אַז ס׳איז שווער צו פאַרשטיין פאַרוואָס די מענטשן איילן זיך אַזוי און רייסן איין וועלטן, אַנשטאָט צו זיצן אין שאָטן פון אַן אייקאַליפּטוס און שוויגנדיק זיך פרייען מיט דעם ווינט, וואָס קילט דעם שטערן און מיט דעם ים, וואָס רוישט און טראָגט צום ברעג די ווייס־גריוועדיקע כוואַליעס.

אויפן מאַרק־פּלעצל באַוויזן זיך גאַסן־הענדלער וואָס פאַרקויפן מעסער־לעך, שפּיגעלעך, מגן־דודלעך, שמעקעדיקע זייפלעך, האָר־נאָדלען. אַ קרע־מער טראָגט אַרויס דעם געשטעל מיט מאַנדלען, געטריקנטע פערזשיכעס, טייטלען. אַלע רופן אויס זייערע סחורות, און עס געדויערט אַ שעה, צוויי,

דערנאָך ווערן זיי הייזעריק און האָבן שוין מער נישט קיין כּוח צו שרייען.

איטלעכן אינדערפרי הערן זיך אויך אויפן דאָזיקן אָרט די פּאַרזשאַ־ווערטע קלאַנגען פון צוויי קאַטערינקעס, וואָס צוויי גאַליציאַנער יידן האָבן מסתמא געבראַכט צו פירן ווער ווייסט ווען, פון זייער אַמאָליקן היימלאַנד. זיי שטייען תמיד אויף דעם זעלביקן אָרט, איינער נישט ווייט פון צווייטן — לעבן אַריינגאַנג פון רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אויף דעם בכּבודיקסטן אָרט, אין סאַמע מיט פון פּלעצל. אין דער אמתן איז עס נישט קיין רעסטאָ־ראַן, נאָר אַ ביר־שענק ווו די רומענישע און אונגאַרישע יידן קומען כאַפּן אַ טרונק בראָנפן און פאַרבייסן מיט אַ שטיק ברענענדיקער פּאַפּריקע. איז עס, הייסט עס, אַ שענק. נאָר אַזוי ווי אויפן שילדל איז אויסגעמאָלט אַ גלאָז ביר און אַן אָקסן־קאָפּ, הייסט עס אַז ס'איז אויך אַ רעסטאָראַן.

ביי דער טיר פון רעסטאָראַן שטייט נאָר איין מענטש — אַ בלינדער זקן מיט אַ ווייסער, לאַנגער באָרד. אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ יאַרמלקע און דעם שוואַרצן קאַפּעליוש האַלט ער אין דער האַנט. ער איז נישט מער ווי אַ בעטלער, אָבער ער האָט אַן אויסזען וואָס וועקט דרך־ארץ. און וויפל מאָל איך גיי פאַרביי און זע אים, לאָז איך שעמעוודיק אַרונטער דעם קאָפּ, ווייל איך בין אַריינגעמישט אין דאָזיקן אומגליק און אין דער דאָזיקער אומגע־רעכטיקייט: ער איז בלינד און איך זע. ער איז אַ בעטלער און איך בין אַ קמצן וואָס איך בין זיך לאַנג מיישב און כ'וועג אין דער האַנט די מטבע, ביז איך באַשליס צוריק אַריינצולאָזן זי אין קעשענע און צו גיין ווייטער.

און ווען דער מאַרק פאַרענדיקט זיך און די מענטשן פאַרלאָזן דעם פּלאַץ, ווערן אויך נעלם די צוויי קאַטערינשטשיקעס. עס יאָוועט זיך אַ מיידעלע מיט צוויי לאַנגע, שוואַרצע צעפּעלעך. זי נעמט אָן דעם בלינדן זקן ביי דער האַנט און זיי גייען אַוועק מיט פּאַמעלעכע טריט.

אַזעלכע מאַרק־פּלעצער זענען אויף דער וועלט פאַראַן אַ סך און אפשר טאַקע דערפאַר דאַכט זיך מיר, אַז איך קען שוין דאָ יעדן שטיין פון זינט כּמה יאָרן און עס האָט זיך דאָ גאָרנישט נישט געביטן. נאָר דעם בעדויִנערס קעמל האָט זיך אַ ביסל געעלטערט זינט איך האָב אים צום ערשטן מאָל דערזען אויף אַ צייכענונג אין אַן אַלט מעשה־ביכל וואָס מיין באָבע פלעגט לייענען, ווען זי איז נאָך געווען אַ כּלה־מיידל. די זעלביקע קלאַנגען טראָגן זיך דאָ, די זעלביקע ריחות, די זעלביקע פאַרבן. אַפילו דער בלינדער זקן

האָט זיך גאָרנישט געביטן. תמיד איז ער אַלט, מעגלעך אַז ער איז שוין אַזוי געבוירן געוואָרן אין די ששת ימי־בראשית.

בלויז איין מאָל איז דאָ געשען אַזוינס, וואָס האָט אויפגעציטערט די גאַנצע סביבה: געשטאָרבן איז פּלוצים דער בעל־הבית פון רעסטאָראַן. מען האָט געזאָגט אַז דער שלאָק האָט אים געטראָפן.

דעם פאַרשטאָרבענעם האָבן אַלע שכנים באַדויערט, דערנאָך האָט מען וועגן אים פאַרגעסן. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט די אַלמנה חתונה געהאַט מיט איינעם פון דעם פאַרשטאָרבענעמס גוטע פריינד, וועלכער פלעגט דאָרט תמיד טרינקען ביר און צובייסן מיט פאַפּריקע אָדער מיט שטאַרק באַפּעפּערטע אַרבעס. און ער איז טאַקע געוואָרן דער בעל־הבית פון רעסטאָראַן און מיט דער צייט איז ער אויף אַן אויסטערלישן אופן ענלעך געוואָרן צום פאַרשטאָרבענעם, וואָס אין גן־עדן איז זיין מנוחה.

און איצט ווען איך טראַכט אַזוי, איז שפּעטער נאָכמיטאָג. דאָס פענצטערל פון מיין בוידעמל איז שמוציק און פאַרשטויבט, נאָר אַ בינטל זונשטראַלן רייסט זיך אַדורך און קומט אַריין צו מיר. די זון וואַרעמט און גלעט מיין פּנים. איך פאַרזשמורע די וויעס, אָבער ס׳איז פאַראַן אַזוי פיל ליכט, אַז אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן זע איך זאַכן אויסטערלישע און סודותדיקע, וואָס זענען נישט געשטויגן נישט געפלויגן און ווען איך טראַכט וועגן זיי, פליסט גיך די צייט, און איידער וואָס־ווען, פאַלט צו דער פאַרנאַכט.

איך צינד אָן דעם נאַפטלאָמפּ וואָס שטייט אויפן טיש. אין וואַרעמען קרייז פונעם לאָמפּ געפינט זיך אַ פלעשל וויין און עס ליגט אַ בוך. די פלאַש איז שוין כמעט ליידיק. דאָס בוך איז געל פון אַלטקייט.

אַ גרויער פלאַטערל פליט עקשנותדיק אַרום דעם לאָמפּ. אַ זעלבסטמערדער. און דאָס פלעמל לאָקט אים, לאָקט.

מיר איז אומעטיק. איך לייד. פון מיינע פאַרשטויבטע ביכער טראָגט זיך דער טוכלער ריח פון איינזאַמקייט. אַ פלעדערמויז פליט פאַרביי דעם פענצטער און פאַרשווינדט אין דער פינצטערניש. גליקלעכע פלעדערמייז — טראַכט איך — זיי דאַרפן נישט קיין ליכט. איך בין זיי מקנא און איך האָב אויף זיי רחמנות.

אַן אומרו באַהערשט מיך. דאָס האַרץ פּיקט. איך וועל אַרויסגיין פון צימער. אַנטלויפן.

די נאַכט שמעקט מיט בליענדיקע מאַראַנצן. און איך בין אַליין מיט דער לבנה און מיט מיין שאָטן. און ערגעץ־ווו זענען פאַראַן אַזויפיל מענטשן. ווו זענען זיי?

איך פאַרהאַלט זיך אויפן שטילן מאַרק־פּלאַץ ביי דער טיר פון פאַר־מאַכטן רעסטאָראַן. דורך אַ שפּאַרע אין הילצערנעם לאָדן — אַ פּאַסמע ליכט. קוק איך אַריין: דער אַנגעפּרעסענער, ברייטפּלייציקער בעל־הבית פון רעסטאָראַן מיט אַ גרויס קיילעכדיק פּנים, ווי אַן איילבערטבלום, זיצט אין נאַכט־העמד ביי אַ טישל און שפּילט מיט זיין פרוי אין דאָמינאָ. ער זעט אויס פּונקט אַזוי ווי עס האָט אויסגעזען דער פריערדיקער בעל־הבית, וועלכער איז, נישט היינט געדאַכט, געשטאָרבן מיט יאָרן צוריק. פון צייט־צו־צייט באַווייזט זיך אויף זיין פּרצוף אַ לייכטער סימן פון אַ שמייכל — זעט אויס, אַז ער האָט געוווּנען. און דעמאָלט ווען ער שמייכלט, דעמאָלט ווען ער איז צופרידן פון זיך און פון דער וועלט, עפענען זיך אַ ביסל ברייטער די שמאָלע און קליינע אויגן־שפּאַלטן זיינע. אין אַזעלכע מינוטן קוקט ער שטאָלץ אויף זיין פרוי — און איך בין אים מקנא. איר שווערער קערפּער איז אַרומגעהילט מיט אַ בלומיקן שלאַפראָק, און עס דאַכט זיך, אַז אָט וועט דער ענגער שלאַפראָק פּלאַצן און דאָס שיינע לייַב וועט אַרויס־שווימען ווי אַ טייג פון דער ראָשטשינע.

און אָט טוט דער שענקער אַ גענעץ און נעמט קראַצן דעם באַוואַקסענעם ברוסטקאַסטן. דערנאָך דערלאַנגט ער אַ כמאַליע זיין וויב איבער דער פּלייצע און פאַרענדיקט די שפּיל. ער שטעלט זיך אויף און מיט אַ זיך וויגנדיקן שפּאַן פאַרשווינדט ער אין דער טונקלעניש פון דער וווינונג. און זי נאָך אים — ווי אַ שאָף, וואָס גייט נאָך איר באָק.

כ׳בין צוריקגעקומען פון דעם קורצן שפּאַציר און אין שטוב האָט מיך ווידער די איינזאַמקייט אַנגעכאַפּט ביים גאַרגל. כ׳בין צוגעגאַנגען צום אַלמער מיט ביכער — מיינע ביכער און אויך ביכער פון אַנדערע מחברים. צווישן די דאָזיקע ביכער האָב איך פאַרבראַכט, און אפשר נישט נאָר פאַר־

בראַכט, נאָר אויך איבערגעפירט מײַן גאַנץ לעבן. כ׳האָב אין זיי דערטרונקען דעם באַגער פון ליבע און דעם דראַנג צו הויכע־הויכע בערג.

כ׳האָב זיך געגריבלט אין די וווּנדערלעכע ראָמאַנען און פּאָעמעס פון גרויסע שרײַבערס און כ׳האָב אויך אַליין געפּרוּווט אויסטראַכטן געשעענישן און העלדן. און פאַר זיי — פאַר די העלדן מײַנע, בין איך קיין מאָל קיין קמצן נישט געווען. מיט אַ ברייטער האַנט פלעג איך זיי באַשענקען מיט די אַלע גוטע זאַכן, וואָס זענען מיר אַליין נישט געווען באַשערט. זיי האָב איך געגעבן אַלץ, זיך האָב איך גאָרנישט נישט פאַרגונען. כ׳האָב זיי נישט געזשאַלעוועט קיין שום זאַך: ליידנשאַפטלעכע געפילן, מוטיקייט, כּוח. גאַנץ אָפט פלעג איך זיי שילדערן אויף דער העכסטער מדרגה פון זייער גליק. אַזוי גוט און אַזוי גרויסהאַרציק בין איך געווען פאַר זיי.

איך האָב געשריבן ביכער. מײַנע ביכער האָבן געפונען חן אין די הערצער פון מענטשן. כ׳געדענק: עס איז געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס׳איז געווען אַ הייסער זומער־טאָג, דער חמסין האָט געשטיקט און אַרויס־געקוועטשט דעם לעצטן טראָפּן שווייס. כ׳בין געשטאַנען ביים בופעט פון רעסטאָראַן און געטרונקען ביר, און דער זעלביקער בעל־אַכסניה, וואָס איז איצט געגאַנגען שלאָפן מיט זײַן ווייב, איז דעמאָלט געזעסן אָנגעבויגן איבער איינעם פון מײַנע ראָמאַנען און טרערן ווי באָבעס האָבן זיך גע־קייקלט אויף זײַנע באַקן און זענען געפאַלן אויף דעם מירמלנעם טיש און אויך אויף די זײַטלעך פון מײַן בוך. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און כליפּענדיק ווי אַ קינד, האָט ער געזאָגט:

— איר זענט אַ גרויסער מענטש. איך בין שטאָלץ צו זײַן אײַער פרײַנד.

ער האָט מיר דערלאַנגט נאָך אַ גרויס גלאָז ביר און געזאָגט, אַז פאַר דעם דאָזיקן ביר דאַרף איך נישט צאָלן, ער וועט שוין דאָס צורעכענען צום חשבון פון אַן אַנדער גאַסט.

איך האָב געזופּט דעם שוימיקן געטראַנק און זײַנע ווערטער האָבן מיר פאַרשאַפט אַ גרויס פאַרגעניגן, אָבער באַשלאָסן האָב איך דעמאָלט, אַז איך וועל שוין מער קיין ראָמאַנען נישט שרײַבן.

און איצט זיץ איך אין דער פינצטער און איך ווייס אַפילו נישט ווי שפּעט עס איז. שוין אַ סך טעג רוקט זיך מײַן זייגער נישט פאַרויס. און

איז נישט פאַרקאַרקעוועט, און איצט זע איך, אַז אין דעם ווײַן שווימען אַרום געוויסן טאָג קומען אַ נײַער זייגערמאַכער, אַ בעל־נס. ער וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין זייגערמאַכערײַ און ווער עס וועט וועלן וועט זיך קויפן אַ זייגערל וואָס וועט גיין נישט פאָרויס, נאָר צוריק, און מיט יעדער אויס־געקלאַפּטער שעה וועט דער אייגנטימער פונעם זייגערל ווערן ייִנגער מיט אַ שעה.

אויפן טיש שטייט דאָס פלעשל ווײַן. כ׳וואָלט גערן אַ שלוק געטאָן צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, נאָר די פלאַש שטייט שוין אַזוי עטלעכע יאָר און זי איז נישט פאַרקאַרקעוועט, און איצט זע איך, אַז אין דעם ווײַן שווימען אַרום פליגן. און איך קען נישט פאַרשטיין די דאָזיקע דרײַ ניסים, וואָס קומען דאָ פאָר: דער ווײַן פאַרעוועט נישט אויס, פליגן שווימען אַרום אין פלאַש און זיי פגרן נישט, און איך — איך טרינק נישט דעם ווײַן און בין שיכור.

איך עפן די סקריפּענדיקע טיר פון אַלטן שראַנק און כ׳נעם אַרויס אַ פּאָר הייזעלעך סאַמעטענע, אַלטע, וואָס כ׳האָב זיי געטראָגן מיט פערציק צי מיט פופציק יאָר צוריק, ווען כ׳בין געווען אַ קליין יאַטל, אין אַ זײַדן העמדל, וואָס די מאַמע האָט מיר אויפגענייט מיט אירע אייגענע ציטערנדיקע הענט. מיט אַ קאַשקעטל וואָס דער היטל־מאַכער האָט פאַר מיר געמאַכט ווערדליק דער דעמאָלטיקער בעסטער ווינער מאָדע, פאַרדעק איך מײַן פליך. און אַזוי איבערגעטאָן און ענלעך צו אַ פּאַיאַץ, דערפיל איך זיך פלוצים יונג און גליקלעך, אין די אָדערן שטראָמט ווידער דאָס אומגעדולדיקע הייסע בלוט, די באַוועגונגען מײַנע ווערן לײַכט, ווי בײַ אַ יונגן הירש.

איך לויף אַרויס פון מײַן בוידעם־שטיבל און שפּרינג אַריבער דעם פאַרקאַנדל וואָס צוימט אַרום דעם קליינעם גאָרטן הינטער דעם רעסטאָראַן. געוואָרנט דערנענטער איך זיך צום פענצטער פון ז׳ער וווינונג, וווּ עס שלאָפט דער שענקער מיט זײַן ווײַב. דאָס פענצטער איז אָפן און עס הערט זיך דאָס שווערע שנאָרכן פון דעם פאַרפאַלק. אויף דעם ווײַסן בעטגעוואַנט רוט די ראָזעווע געשטאַלט פון דעם שענקערס ווײַב און דער שווערער גוף פון איר מאַן. ער ליגט מיט אַן אָפן מויל און אַרום זײַן פּנים ראַיען זיך גרויסע זשומענדיקע פליגן.

כ׳דערהער עמיצנס טריט — אַ בעטלער האָט זיך איצט באַוויזן, אַנטלויף איך פון אים און פון דער שלאָפנדיקער בת־מלכה פון מײַן בענקשאַפט.

און איך ווייס נישט וווהין כ׳זאָל גיין, ווייל פון איין זייט, ציט מיך צו די ווייטע וועלדער און הויכע בערג; פון דער צווייטער זייט, בענק איך צו דער ראָזעווער פרוי וואָס שלאָפט אין די אָרעמס פון איר שנאָרכנדיקן מאַן.

שטיי איך אַזוי מיט ברייט צעעפנטע אויגן און איך זע צוויי וועלטן. און איך ווייס, אַז אַ מענטש טאָר נישט זען צוויי וועלטן גלייכצייטיק, ווייל מען קאָן געשטרויכלט ווערן. פאַרמאַך איך איין אויג און איך זע בלויז דאָס וואָס איך וויל זען. און דאָס זעלבע טו איך, ווען איך קען מיר נישט קיין עצה געבן מיט די קלאַנגען וואָס דערגייען צו מיר. איין אויער פאַרשטעל איך מיט דער דלאָניע — און דעמאָלט הער איך קלאַנגען וואָס שוועבן אַרום אין חלל שוין גאַנצע יאָרהונדערטער. אויף אַזאַ אופן קען איך דערהערן אַפּילו דעם שאָרך פון גראָז, וואָס איז געוואַקסן מיט טויזנטער יאָר צוריק. און איך הער דאָס געזאַנג פון פייגל און דעם שעפּטשען פון פאַרליבטע. איך פיל דעם ריח פון ווייַן־גערטנער און פון בליענדיקע מאַראַנצן. אויף זייערע גרינע בלעטער פינקלען טראָפּנס טוי.

איך לייד אין דער שטילקייט פון מיין בוידעם. אין דער אמתן בין איך אין ערגעץ נישט געגאַנגען. אַ גאַנצע נאַכט זיץ איך ביים טיש און איך טראַכט וואָס וועט זיין דער סוף פון מיינע יסורים? אפשר וועל איך אין אַ באַשטימטן טאָג זוכה זיין צו אַ ביסעלע גליק? אפשר וועלן אויך מיך אַרומנעמען די ווייס־ראָזעווע אָרעמס פון דעם שענקערס פרוי? בין איך דען ערגער פון אים? אויך איך קאָן שפּילן דאָמינאָ, און צו פרויען האָב איך זיך תמיד באַצויגן מיט צאַרטקייט און כבוד.

און וועגן דער דאָזיקער פרוי האָב איך געחלומט נאָך דעמאָלט ווען זי איז נאָך געווען אַ יונגפרוי און דערנאָך אַן אַלמנה. און אויך היינט... וואָלט איך דען נישט געווען אַ גוטער מאַן פאַר איר?

די זון הייבט אָן צו שמייכלען אויף איר טעגלעכן הייסן אופן.

איך גיי צו צום שפּיגל וואָס הענגט אין אַ גרויען ווינקל פון מיין צימער, און אין דאָזיקן שפּיגל זע איך מיין פּנים. כ׳בין צופרידן פון מיין אויסזען. מיין פּנים: דרייַעקיק, געלבלעך, איין באַק אַ ביסל פאַרקנייטשט — מילא, נישטאָ קיין שיינקייט אָן אַ מום. אָבער די צווייטע באַק מיינע איז קיילעכדיק ווי אַ האַלבער עפּל. אויגן האָב איך אויך נישט־געוויינטלעכע, איין אויג קוקט אויף רעכטס, דאָס צווייטע אויף לינקס. אַ דאַנק דעם זע איך מער

ווי אַן אַנדער בשׂר־ודם קאָן זען. כ׳האָב אַ לאַנגן האַלדז און אויך דאָס איז אַ מעלה, ווייל אַ דאַנק דעם וואָס ער איז לאַנג, איז ער אויך עלאַסטיש. ציין האָב איך כּמעט ווייסע און זיי טוען מיר קיין מאָל נישט ווי, ווייל זיי זענען געמאַכט ביי דעם בעסטן דענטיסט.

און ווען איך באַטראַכט מיך אַזוי אין שפּיגל, באַווייזן זיך לעבן מיר צענדליקער און הונדערטער אַנדערע פּנימער און אַלע זענען זיי ענלעך צו מיר, זיי קוקן מיך אָן און וואַרטן אויף אַ גוט, אָנגענעם וואָרט. שמייכל איך צום שפּיגל, דאָס הייסט צו זיי, און איך זאָג:

— איר זענט שיין, שיין, שיין...

און זיי פאַרשטייען דעם תוך פון שיינקייט און עסטעטיק.

און אויפן מאַרק־פּלאַץ קרייען פריילעך די הענער.

אַ סך מענטשן גלייבן שוין אין זייער שיינקייט. טויזנטער האָב איך שוין באַגליקט און אַלץ נייע פּנימער קומען און שטופּן זיך אין מיין שפּיגל.

ס׳קומען שנאָרערס און איך רעד זיי אײַן, אַז זיי זענען רייך. איינעם פון זיי בין איך מכבד מיט אַ טיטל באַראָן. זיי גייען אַוועק גליקלעכע, ס׳קומען אָן אַנדערע. ס׳וועט סטייען גליק פאַר אַלע. פאַרשפּילטע הייבן זיי אויף די קעפּ און גלייבן אין דעם גרויסן געווינס וואָס איך האָב פאַר זיי אויסגעטראַכט. משוגעים הייבן אָן צו פאַרשטיין, אַז זיי זענען די אמתע חכמים. און אינעם שפּיגל — אַ המון: קיסרים און גראַפן, שנאָרערס און גאַסנמוידן, מענטשן מיט יסורים און מענטשן וואָס אין זיי פּלאַטערט דער גיהנום פון ליידנשאַפט.

רוּיק, מיינע הערן און דאַמען, ס׳וועט פאַר איטלעכן סטייען גליק...

איך שטיי ביים פענצטער און קוק אַרויס אויף דעם באַליבטן מאַרק־פּלאַץ. ביים רעסטאָראַנטשיק האַרעווען די צוויי קאַטערינשטשיקעס — קאָנקורענטן.ביידע קאַטערינקעס זענען זייער ענלעך איינע צו דער צווייטער און שפּילן דעם זעלבן מאַרש. נאָר איינער פון די קאַטערינשטשיקעס דרייט דאָס הענטל אויף רעכטס און דער צווייטער דרייט אויף לינקס. דער בלינדער זקן שעפּטשעט. קאָן זיין ער איז מתפּלל. אין זיין קאַפּעליוש פאַלן אַריין מטבעות — כ׳קען שווערן אַז פאַלשע. אַן אַנדער בעטלער זיצט אויפן טראָטואַר און שוויצט, אָבער עס פאַלט אים גאָרנישט איין אויסצוטאָן דעם שעפּסענעם פעלץ.

די באַלעבאָסטע פון רעסטאָראַן שטייט אויף דער שוועל און קוקט אַרויף צו מיר. איר בליק איז פול מיט טיפער בענקשאַפט. אין איר גרויסן שווערן גוף שטעקט אַ צאַרטע נשמה — אַ קליין פייגעלע אין אַ גרויסער שטייג. גיי איך אַראָפּ און איך זעץ זיך אַוועק ביי יענעם טישל, ווו זי שפילט אָוונט־צייט אין דאָמינאָ מיט איר מאַן. זי זעצט זיך לעבן מיר און איר מאַן טראָגט מיר אונטער אַ גרויס גלאָז ביר. ער דערלאַנגט מיר דאָס געטראַנק מיט אַ שווערן זיפץ.

— אויף איר זענט אומעטיק — זאָג איך — פאַרוואָס?

— איטלעכן מענטש טוט עפּעס וויי — ענטפערט ער — מיר, למשל, טוט וויי די גאַל.

— איך מיין — זאָגט זיין שיינע פרוי און קוקט אויף מיר מיט אַ וואַרעמען בליק — אַז דאָס איז נישט די גאַל. זי אָטעמט שווער די פרוי. אירע הויכע בריסטן ציטערן אונטערן אַנגעשפּאַנטן לייוונט פון קליידל. איך קוק אויף איר און דער קאָפּ מיינער נעמט זיך דרייען ווי אַ מיל־שטיין.

— ווער ווייסט, איך קאָן נאָך שטאַרבן — זאָגט דער שענקער.

איך וויל אַנטלויפן אָבער איך הער זיך זאָגן:

— פון וואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען?

די קליינע אייגעלעך פון שענקער צעגליען זיך:

— ביים זעלביקן טישל האָב איך אייך געטראָפן מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק. איר זענט געזעסן און געטרונקען ביר פון דעם זעלביקן גלאָז.

איך האָב זיך וואַקלענדיק געלאָזט צו דער טיר.

— געדענקט אַז איר זענט מיין פריינד — האָט מיר צוגעוואָרפן דער אומעטיקער שענקער.

אויף דער שוועל האָב איך זיך נאָך איין מאָל אומגעקוקט. די פרוי איז צו מיר צוגעלאָפן און האָט מיר אַריינגעפּליסטערט אין אויער אונדזער זיסן סוד:

— זייט יונג און שטאַרק, עס קומט אונדזער צייט. איר זענט דאָך זיין פריינד.

כ׳פאַרשטיי דעם רמז. כ׳ווייס צו וואָס עס איז מחייב אַ געטרייע פריינדשאַפט. אין אַ באַשטימטן טאָג וועט דער שענקער נעלם ווערן. אָבער די אַלמנה טאָר נישט בלייבן אַליין.

כ׳בין ווידער אין מיין בוידעם־שטיבל. אויפן טיש שטייט דאָס פלעשל ווײַן מיט די אַרומשווימענדיקע פליגן.

ס׳איז שטיל. אַ שפּין טוט זיך איר געוויינטלעכע טאָג־טעגלעכע אַרבעט. דאָס מאָל האָט זי אַרום מיין קאָפּ גענומען פלעכטן אַ צאַרטע קונציקע נעץ. און איך האָב נישט געוואָלט איר שטערן און האָב זיך לאַנג־לאַנג נישט גערירט פון אָרט. און אויך מיין וואַנט־זייגער איז געהאַנגען אומבאַוועגלעך, ווי פאַרגליווערט אין מיטן פון דער צייט. און קיינער האָט נישט אָפּגעריסן קיין בלעטל פון מיין קאַלענדאַר.

פון מאַרק־פּלאַץ דערהערט זיך אַ רעש, אַ גערודער, אַ געזשום, אַ געשריי און אַ געוויין. מיר דאַכט זיך, גאָר נאָענט פאָכען און פלאַטערן די פליגל פון אומזעעוודיקע מלאָכים. מיר דאַכט זיך: איך הער שופר־בלאָזן און דאָס אַלטע הויז ווו איך וווין ציטערט מיט אַן אויסטערליש ציטערניש און די קאַטערינקעס שפּילן אַ וויינענדיקן טרויער־מאַרש. עמיץ רופט מיין נאָמען.

בין איך צוגעלאָפן צום פענצטער און דערזען, אַז פון רעסטאָראַן גייט אַרויס אַ גרויסער עולם און פאַרנט טראָגט מען אַ שוואַרצן קאַסטן און עטלעכע מענטשן לויפן אַרום מיט בלעכענע פושקעלעך פון ר. מאיר בעל־הנס און זיי שרייען: „צדקה תציל ממוות״.

כ׳האָב שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. און פּלוצים האָט זיך די אַלמנה אַוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פון רעסטאָראַן און אויפהייבנדיק די ראָזעווע אָרעמס אין דער ריכטונג פון מיין פענצטער, האָט זי גענומען שרייען:

— דער שענקער איז געשטאָרבן! ביסטו נישט געווען זיין פריינד?

כ׳האָב זיך צעלאַכט מיט אַ געלעכטער פון אַ הירזשענדיק פערד. בין צוגעלאָפן צום שפּיגל און גענומען קאַמען די פּאָר האָר אויף מיין גלאַנציקן פּליך. מיט ציטערדיקע פינגער האָב איך שיין אַרומגעבונדן דעם קראַוואַט אַרום האַלדז.

דעם שענקער האָט דער שלאַק געטראָפן. און אפשר איז עס דאָך געווען די גאַל? און איך בין געווען זיין ידיד. זאָל דעריבער געשען וואָס עס זאָל געשען! געקומען די צייט פון נצחונדיקער ליבע. עס וואַרטן אויף מיר די אָרעמס און די בריסט פון דער שיינער אַלמנה.

איך לויף צו די טרעפּ און אין מיין איינגעווייד ברענט אַ גיהנום. אַ ים בענקעניש און אַ דאָרשט. אין די אָדערן קאָכט דאָס בלוט. איך לויף און פֿאַל, הייב זיך אויף און פֿאַל ווידער. איך פּרוּוו, פֿאַרמעסט זיך מיט די מרחקים וואָס זענען צווישן מיר און דער תּאווהדיקער פּרוי, און איך פֿיל מיט אַלע חושים, אַז מיין גליק איז שוין גאָר נאָענט. כ׳פֿאַרליר די כּוחות, אָבער איך שטאַרק זיך ווידער. מיינע פֿיס, די גלידער מיינע ווערן אַלץ יינגער און פֿלינקער. און איך ווייס, אַז באַלד וועל איך שוין מיין אויס־געבענקטן ציל דערגרייכן...

אויב איר וועט זען די שיינע אַלמנה, בעט איך אייך, זאָגט איר, זי זאָל זיין געדולדיק. זאָל זי וואַרטן. איך האָב זי ליב...

פון טאָג־בוך פון אַ משוגענעם

א

...יענעם טאָג האָב איך זיך פאַרהאַלטן פאַר אַ בנין, וואָס איז געווען הויך ווי דער טורעם פון בבל און איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ גרויסער לאַבאָראַטאָריע, וועלכע איז געווען אויסטערליש און העל באַלויכטן און פאַרזאָרגט מיט אַלע זאַכן, וואָס קענען נויטיק זיין צו שעפערישער גייסטי־קער און באַגייסטערטער אַרבעט. ווען איך האָב זיך גענומען אַרומקוקן, איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז געפינענדיק איך זיך אין דאָזיקן בנין צום ערשטן מאָל, כאָטש געוויסע רעקוויזיטן, וואָס איך האָב דאָ דערזען, האָבן זיך מיר אויסגעוויזן אַ ביסל באַקאַנט, פונקט ווי איך וואָלט זיך אויף זיי שוין אַמאָל ערגעץ אָנגעטראָפן — אפשר אין חלום, און אפשר אין אַ פריערדיקן גילגול.

ביים אַריינגאַנג זענען געשטאַנען אַ סך סקולפּטורן פון שיינע פרויען — דאָס איז געווען די אָפּטיילונג פאַר דיכטער, כ'האָב דאָס באַלד דערקענט. אויך פאַר זיי, פאַר די פּאָעטן זענען געווען צוגעגרייט גאַנצע קאָלעקציעס פון ים־מושלעס. אין די דאָזיקע מושלעס זענען פאַראייביקט די געזאַנגען פון סירענעס, וועלכע האָבן אַמאָל געלאָקט און געכישופט דעם באַרימטן טוריסט אָדיסעוס פון איטאַקע. אין די דאָזיקע מושלעס הערט מען אויך דעם רויש פון ווייטע אָקעאַנען, זייער צופלוס און אָפּפלוס, ים־ווינטן, און דאָס וואָיען פון אויסטערלישע שטורעמס.

אויף פּאָליצעס זענען געשטאַנען גלעזערנע און קרישטאָלענע וואָזעס מיט פאַרשיידענע קאָנדענסירטע אינהאַלטן — פון אַבסאָלוטן אַבסורד ביז צו דער סאַמע איידלסטער קאָנסיסטענץ פון חכמה. ווייטער זענען געווען הערמעטיש פאַרמאַכטע דורכזיכטיקע געשירן, אָנגעפילטע מיט רויזן־וואַסער,

און מיט געוויינלעך ברונעם־וואַסער, אָדער קוואַל־וואַסער, מיט וואַסער וואָס איז דעסטילירט אָדער פילטרירט, און אויך מיט רעגן־וואַסער.

יעדער קינסטלער האָט דאָ געקאָנט געפינען דאָס, וואָס איז אים אין דער געגעבענער מינוט נויטיק געווען צו דער אַרבעט. פאַר מאָלערס איז געווען צוגעגרייט בראָנפן, אַ סך בראָנפן מיט צובייס.

אין אַ באַזונדער ווינקל זענען געשטאַנען רעקוויזיטן פאַר יידישע קינסטלער: געשטאַלטן און מאָדעלן פון יידישע טיפּן, יידן מיט בערד, און יידן אָן בערד, און אויך בערד אָן יידן. און טרערן. אַ סך טרערן. טרערן צו וויינען. און טרערן צו לאַכן מיט אַ טרער.

פאַר פּראָפעסיאָנעלע קריטיקערס איז געווען ביר, פאַרשיידענע סאָרטן פון ביר און אויך קליינינקע מתנות מילדער צו מאַכן זייער שטרענגע אָפּשאַצונג.

און אויך פאַר פּלאַגיאַטאָרן איז געווען אַ קליינע אָפּטיילונג: אַ קליינער בופעט מיט וווּרשטלעך — כ׳ווייס נישט צי זיי זענען געווען כשר, אָבער געווען זענען זיי — און ברויט מיט פּוטער; זאָלן זיי פרעסן אונדזער פּראַצע, אונדזער בלוט.

האָב איך געקוקט אויף די אַלע הערלעכקייטן און געטראַכט, אַז די וועלט איז פול מיט גענ׳יאַלע קינסטלער, פול מיט גאונים און משוגענע. איינע טרינקען טינט, אַנדערע פרעסן גלאָז אָדער שטרוי. מוזיקער, מאָלערס, קאָמפּילאַטאָרן, מחברים פון קרימינעלע ראָמאַנען, פּראָזאַיִקער און הומאָ־ריסטן, רעדאַקטאָרן, אַבסטראַקציאָניסטן — אַלע האָבן זיך דאָ פאַרנעסטיקט, אַלע זענען שטאַרק פאַרנומען, אַלע פּראַווען דאָ זייער כּישוף.

און באַזונדער שטייען אין אַ ווינקל די אַנאַרכיסטן אין שוואַרצע העמד־לעך, פאַרקנעפּלטע ביז צום האַלדז. זיי טיילן זיך אויף צוויי באַזונדערע סעקציעס. די מיט אַ מילדן בליק — דאָס זענען אוטאָפּיסטן און הייליקע. זיי ליידן פערמאַנענט און אַ פייער טליעט אין זייערע אויגן. די מיטגלידער פון דער צווייטער סעקציע וואַרפן ווילדע אומרויִקע בליקן, זיי וואַרטן אין אַ נערוועזער שפּאַנונג: אין אַ געוויסן טאָג וועט דאָ אַדורכפאָרן אַן אויטענ־טישער קיסר, וועלן זיי אים אומברענגען.

אַלע אָנווועזנדיקע זיצן ביי זייערע קליינע שרייב־טישלעך אָדער ביי לאַנגע טישן, ביי וועלכע מען פירט אייביקע וויכּוחים וועגן דער צוועק־

לאַזיקייט פון מענטשלעכן קיום. אַנדערע שטייען ביי שרייב־שטענדערס, אָדער ביי שאַפעס מיט ביכער, ביי גאַבלאַטקעס און וויטרינקעס, ווו עס הערשט ריינקייט און עסטעטיק. און אויך דאָרט, ווו עס איז מיט גרויס פעדאַנטישן מי און מיט גרויס אָנשטרענג געשאַפן געוואָרן אַ גוט צוגע־טראַכטער, מען קאָן זאָגן אַן אידעאַלער באַלאַגאַן און אַ פון פאָרויס פראָיעק־טירטע זינלאָזיקייט.

איך האָב זיך אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסן מאַגאַזין פון אַלטע זאַכן, אין וועלכן עס זענען געווען כאַאָטיש אָנגעוואָרפן אָן אַ שיעור רעקוויזיטן — אין דער ערשטער מינוט האָב איך געמיינט, אַז איך געפין זיך אין אַ שלעכט אָרגאַניזירטן ביורא פון זאַכן פאַרלוירענע און געפונענע. אָבער שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז אין דער דאָזיקער אומאָרדענונג איז פאַראַן אַ גע־וויסער מעטאָד, ווייל יעדע זאַך איז געווען אויסגעלייגט און אויסגעשטעלט נישט לויט אַ לאָגישן סדר, נאָר לויט דעם אַלף־בית. אַזוי צום ביישפּיל, האָבן זיך דאָ געפונען אויף איין פּאָליצע קאַלאַמבורן און קאַלענדאַרן און קאַלאָשן, און אויף דער צווייטער — ביכער לעבן ביוסטן־האַלטערס און ביבעלאָטן. אַלץ לויט דעם אַלף־בית.

אין דער לאַבאָראַטאָריע פאַר פּלאַסטישע קונסטן האָב איך באַמערקט איינעם אַ מאָלער, וועמענס אומעטיק לעבן און טויט איך האָב אַמאָל באַ־שריבן אין איינער פון מיינע הומאָריסטישע דערציילונגען, מיט יאָרן צוריק, ווען איך בין נאָך נישט קראַנק געווען אויפן קאָפּ. דעם אמת וועגן דאָזיקן פאַרשווין האָב איך פאַרשטייט זיך, אַ ביסל וווּלגאַריזירט, געענדערט אַ ביסל, דעפאָרמירט דאָס וואָס האָט זיך געקאָנט אויסווייזן צו פיל פשוט און פּראָסט. איך האָב אויך דעמלט פאַרשוויגן אַ ריי געשעענישן, וועלכע האָבן דערפירט צו זיין פריצייטיקן טויט. קיין געוויסן־ביסן האָב איך נישט צוליב דעם. דער ליטעראַרישער אמת איז נישט אידענטיש מיט דעם אמת פון לעבן, און קיין שום שרייבער האָט אויך צוליב דעם נישט קיין פרע־טענזיעס צו די העלדן, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט. מען קען נישט באַ־שולדיקן די מענטשן און אַוודאי נישט פאַרמישפּטן זיי אויף אַזאַ אָדער אַנדערע מאָראַלישע שטראָף בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן, צום ביישפּיל, אויסגעקליבן פאַר זיך אַן אַנדערן טויט, און נישט דעם טויט, וואָס דער מחבר האָט פאַר זיי אויסגעטראַכט. העלדן פון אַ בוך האָבן זיך זייער אייגן

לעבן, און מחברים האָבן זייערס. מחברים שטעלן זיך טײלמאָל קאַפּויער, זיי בונטעווען זיך טײלמאָל, טײלמאָל ברעכן זיי זיך. און אויך די העלדן טוען דאָס זעלבע.

האָמער האָט געשאַפן אַ מיטאָס וועגן אַ געטרייער ליבע פון אַ ווײַב צו איר מאַן — און איך, אויב איך וועל אין אַ געוויסן טאָג אָנהייבן צו האָבן מער פרייע צייט, וועל איך באַשרייבן דעם גאַנצן אמת וועגן פּענעלאָפּע און אָדיסעוס. אפשר וועט זיך דעמלט אַרויסווייזן, אַז נישט אָן אַ פּאַרוואָס זענען אויסגעהרגעט געוואָרן אירע חתנים: פּענעלאָפּע איז געווען אַ פרוי מיט טעמפּעראַמענט, דאָס איז לייכט אויפצוקלערן לויט דער צאָל פון אירע פריינד און אויך לויט דער צאָל פון די פעטע חזירים, וואָס זיי האָבן אויפֿ־געפרעסן אין די גערוימע צימערן פון דער שטרויענער אַלמנה. און כאָטש, ווי האָמער האַלט, פלעגט זי זיי פון צייט־צו־צייט פּרוּוון אַרויסטרייבן פון הויז, האָט זי עס אָבער געטאָן בלויז פאַר אַן אָנשטעל, ס'זאָל הייסן אַז זי טוט עס, ווייל אין אמתן האָט זי זיי געוואָלט האָבן אונטער דער האַנט — בשעת דער לייכטזיניקער בראַדיאַגע אָדיסעוס האָט זיך אַרומגעשלעפּט אויף פרעמדע ימען און יבשות, און נישט געאײַלט זיך אַהיים, צו די זיסע פּליכטן וואָס האָבן אים געוואַרט אין די ווייסע אָרעמס פון זיין ווייב. דער דאָזיקער אָדיסעוס, דער גרויסער העלד פון דער טראָיאַנישער מלחמה איז בעצם געווען ווי יענער באַקאַנטער מיינער, וועלכער איז אַמאָל אינדערפרי אַרויסגעגאַנגען פון שטוב קויפן אַ פּעקל טאַבאַק אין דער טראַפיק, וואָס האָט זיך געפונען אין צווייטן הויז, און צוריקגעקומען אַהיים איז ער אין צוואַנציק יאָר אַרום.

אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. לאָמיר רעדן וועגן דאָזיקן מאָלער. איך האָב געשריבן וועגן זיין טויט, ווייל דאָס לעצטע קאַפּיטל פון זיין טראַגישער ביאָגראַפיע איז געווען ביז גאָר באַלערנדיק. ווייל אין אמתן — און דאָס קען זיך אויסווייזן עטוואָס מעטאַפיזיש — אין אמתן איז ער נישט גע־שטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, און אויך קיין זעלבסטמאָרד איז ער נישט באַגאַנגען, און אין אַ גאַסן־קאַטאַסטראָפע איז ער אויך נישט אומגעקומען. דאָס האָבן מיר אים אומגעבראַכט — נישט אין איין טאָג חלילה, קיין בלוט איז דערביי נישט גערונען, פאַרקערט, ער האָט געהאַט אַ גאַנץ מילדן און לייכטן טויט. מיר האָבן גוט געוווּסט, דאָס וואָס יעדער איינציקער פון אייך

ווייסט: שטאַרבן מוז יעדער איינער, בלויז געטער און אידעען זענען אומ־שטערבלעך. האָבן מיר אַ קליין ביסעלע צוגעאײַלט זײַן טויט, מענטשן האַלטן דאָס נישט פאַר קיין פאַרברעכן, ווייל טײַלמאָל קען מען עס אַפילו גאַנץ פּשוט אָננעמען פאַר אַ חסד, לאָמיר אַפילו זאָגן אַ חסד של אמת. און געשען איז עס נישט סתּם צופעליק. ס'איז אַרויסגעדרונגען פון אונדזערע געפילן, וועלכע זענען לגבי אים געווען אַ ביסעלע נעגאַטיוו. לאָמיר אָנרופן די זאַך ביים נאָמען: מיר האָבן אים פײַנט געהאַט. פאַרוואָס מיר האָבן אים פײַנט געהאַט? די פראַגע איז אַ פראַגע, נאָר די תּשובה איז נישט אַזוי פּשוט, און נישט תּמיד קען מען אויף אַזאַ שאלה ענטפערן לאָגיש, נישט יעדער ענטפער לייגט זיך אין אַזאַ פאַל אויפן שׂכל. ניַין טויזנט זיבן הונדערט צוויי און זעכציק פּראָפעסאָרן, סאָציאָלאָגן און היסטאָריקער האָבן אין פאַר־שיידענע צייטן געזוכט אַ תּשובה אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מען האָט אויף דער וועלט פײַנט יידן. מען האָט געזוכט און געזוכט, און מען זוכט נאָך עד־היום, און קיינער האָט נאָך דערווייל די סיבה נישט געפונען. היינט צו טאָג זיצן עטלעכע הונדערט געלערנטע און טראַכטן אַרײַן, פאַרוואָס יידן האָבן זיך פײַנט צווישן זיך, פאַרוואָס זיי האַסן איינער דעם צווייטן, כאָטש זיי שטאַמען דאָך מסתּמא פון איין שורש — און אויך אויף דער דאָזיקער פראַגע איז שווער צו געפינען אַן ענטפער, אָבער דאָס געהערט שוין נישט צו מײַנע קאָמפּעטענצן און נישט צו מײַנע דערפאָרונגען וועגן דערמאָרדעטן מאָלער.

עס זענען געווען אייניקע סיבות, מיר זאָלן אים פײַנט האָבן. קודם־כּל האָבן מיר אים פײַנט געהאַט, ווייל ער איז געווען עטוואָס אַנדערש פון אונדז אַלע. ער האָט זיך אויפגעפירט אַנדערש, גערעדט אַנדערש, געשאַפן אַנדערש, געהאַט אַנדערע פעדערן, ער איז געווען ווי אַן אונטערגעוואָר־פענער פויגל אין אַ פרעמדער נעסט.

ער האָט זיך אויפגעפירט שטיל און באַשיידן, און מיר האָבן אים חושד געווען, אַז די דאָזיקע באַשיידנקייט זײַנע איז ביי אים אַ געקינצלטע מאַניער, און אַז זי נעמט זיך פון זײַן גרויסער גאווה — און ביז היינט בין איך נאָך כּמעט זיכער, אַז אַ ביסעלע זענען מיר געווען גערעכט אין אונדזער חשד. אפשר האָט ער אונדז געוואָלט פּשוט אַריבערפּישן מיט זײַנע גוטע מידות? איז דאָס געווען איין מאָל איינס. אַחוץ דעם זענען נאָך געווען מיספּאַר־

שטענדעניש מיט זיין קונסט, מיט זיינע שאַפונגען. מיר האָבן נאָך נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען זיינע ווערק. און אויך דאָס איז געווען זיין שולד און נישט אונדזערע. ווייל קונסט דאַרף זיין פאַרשטענדלעך און איינדייטיק, פּונקט ווי צוויי מאָל צוויי איז פיר. קונסט דאַרף נישט פאַרלאַנגען קיין אינטעלעקטועלן אָנשטרענג, ווייל די וועלט איז שוין במילא מיד פון דענקען און פון זאָרגן, שוין אָפּגערעדט וועגן די שווערע ליידן, וואָס זענען אויף דער גאַנצער וועלט פאַראַן אין שייכות מיטן קאַמף פאַר פרייהייט און קעגן פרייהייט, פאַר אַ גערעכטע אָרדענונג און קעגן אַ גערעכטע אָרדענונג, פאַר פּראָגרעס און פאַר רעגרעס, און אויך פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט אויף אונדזער רומפולן ערד-קיילעך, וואָס ציט זיך און שפּרייט זיך פאַנאַנדער פון לאַנד פון די ווייסע בערן ביז צום לאַנד פון די שוואַרץ-ווייסע פּינגווינען.

ווי האַלט איך? יאָ, ביים מאָלער האַלט איך. אַזוי, אַז אונדזער בעגאַטיווע אָפּשאַצונג פון זיינע דעפּעטיסטישע ווערק איז געווען אַ גערעכטע, כאָטש נישט אין גאַנצן. ווייל אין גאַנצן גערעכט איז אַפילו דער רבונו-של-עולם אַליין אויך נישט. אין יעדער גערעכטיקייט איז פאַראַן אַ דערלאָזבאַרע גרענעץ פאַר אַ טעות. און אויב מען זאָגט, אַז פלוני בן פלוני איז פולקאָם גערעכט, הייסט עס נאָך נישט, אַז זיין אַנטאַגאָניסט איז שוין אין גאַנצן נישט גערעכט. תמיד איז נאָך מעגלעך אַ ויש אומרים. און נאָר דער בית דין של מעלה, וועלכער האָט אַ סך דערפאַרונג און אַ סך צייט, איז קאָמפּעטענט אַרויסצוברענגען דעם אמת של אמת און דעם גערעכטן פּסק. אָבער מיר, דאָ, אויף דער ערד, מיר זענען נישט מער ווי מענטשן און מיר זענען אונדזער אייגענעם ברודער, דעם גרויסן קינסטלער (ווייל שפּעטער זענען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז ער איז דאָך געווען אַ גרויסער קינסטלער, אָבער דעמלט איז שוין געווען צו שפּעט...) דערגאַנגען די יאָרן און ווירקזאַם דערנענטערט זיין פּריצייטיקן טויט. וואָס אַן אמת, האָבן מיר זיך אין אַ געווויסן טאָג געכאַפּט, אַז מיר זענען באַגאַנגען אַ פעלער לגבי אים, אָבער איר ווייסט דאָך די טבע פון אַ מענטש: ער האָט שוין דעמלט געגוססט און אונדז איז געווען אַ ביסל פּיינלעך צו קומען און צו בעטן ביי אים מחילה. איבעריקנס — וואָס וואָלט דאָס אים געהאָלפן? גאָרנישט. און ער האָט דאָס פאַרשטאַנען און איז געשטאָרבן אָן אַ פאַרדרוס.

די לוויה איז געווען אַ באַשיידענע, ווייל ער אַליין איז דאָך אויך געווען

באַשיידן און האָט אויך ליב געהאַט באַשיידנקייט ביי אַנדערע. מיר האָבן אים באַגראָבן און איצט האָט ער שוין געהאַט דאָס, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט: די ערד, וואָס שמעקט מיט אײדעלע ריחות פון ביימער־וואָרצלען, אומענדלעכע רו, אייביקע שטילקייט. שלעכט? איינער פון אונדז, דאָס הייסט פון זיינע גוטע פריינד, האָט זיך פאַרנומען מיט דער אַלמנה — זי איז נאָך געווען גענוג יונג און גענוג שיין, בכדי צו געפינען אַן אויפריכטיקע און פילזייטיקע טרייסט ביי אַ מענטשן, וועלכער האָט געקאָנט איר מאַן, גע־האָלפן אים שטאַרבן און באַטייליקט זיך אין זיין לוויה.

און טאַקע דעם דאָזיקן פאַרשטאָרבענעם מאָלער האָב איך דאָ באַגעגנט. ער איז געשטאַנען לעבן אַ פּעכער פון פלאַכע פילפאַרביקע טאָוולען, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער אייגענער אַקס — מעגלעך, אַז נישט טאָוולען זענען עס געווען, נאָר בינטלעך פון פאַרביקע שטראַלן אָדער שטראַלנדיקע פאַרבן, גענוי האָב איך עס נישט געקענט פעסטשטעלן. און פון די דאָזיקע שטראַלן האָט ער אַרויסגענומען באַזונדערע קאָלירן, ער האָט עס געטאָן מיט די הענט, אַזוי ווי מען נעמט אַרויס אַ ראָשטשינע פון אַ הילצערנער דזשיזשע. ער נעמט אַרויס, באַטראַכט דאָס טייג ביי דער זון־שיין, קנעט אין די לאַדאָניעס די אומפאַרמיקע אָבער לעבעדיקע קאָנסיסטענץ פון ניואַנסן, און אונטער דער ווירקונג פון זיינע צאַרטע ציטערנדיקע פינגער בליען זיי אויף מיט אַ ניי לעבן, און אויך אַ נייע קאָנסיסטענץ נעמען זיי אָן, זיי מיניען זיך מיט אַן אויסטערלישן גלאַנץ, וואָס איז אין יעדער רגע אַנדערש. אָדער זיי ווערן פלוצים אומעטיק און מאַט — אָפּהענגיק פון מאָלערס ווילן און פונעם הויך פון זיינע לעפצן, ווייל מינוטנווייז לייגט ער זיי צו צו זיינע ליפּן, ווי ער וואָלט זיך באַמיט אַריינצוהויכן אין זיי, אַריינ־צובלאָזן אין זיי די וואַרעמקייט פון אייגענעם אָטעם און די לייכטקייט פון דער אייגענער נשמה. און די דאָזיקע פאַרבן, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דער ראָשטשינע, האָט ער צוגעמאָסטן איינע צו דער צווייטער, אַרויפ־געלייגט ביידע אויף דער דריטער, אָדער נאָך אַנדערש: ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ער ענדערט גאָרנישט און אַז ער טוט גאָרנישט דערביי, און דאָך מיט איין איינציקער קליינינקער באַוועגונג האָט ער באַוויזן אַרויסצו־באַקומען אַ גאַנץ נייע טיפקייט, אָדער אַ גאַנץ נייעם פּערספּעקטיווישן מרחק — קוקסט און ווייסט נישט, וואָס איז נאָענט און וואָס איז וויַט. אַזאַ

שפּיל איז עס ביי אים געווען, אַ שפּיל פון אילוזיעס, כּמעט אַזוי שיין ווי אין אַן אַלטן פאַטאַפּלאַסטיקאָן. און זיינע הענט: פול מיט גאָלד, פול מיט גרינקייט, וואָס שמעקט ווי פריש געקאָסיעט גראָז, פול מיט הימל־בלויקייט.

ער האָט מיך באַמערקט און האָט צו מיר געשמייכלט. הייסט עס, אַז ער האָט נישט געפילט צו מיר קיין שום שׂינאה, נישט געהאַט קיין בייז האַרץ אויף מיר — אַזאַ גוטע נשמה איז ער פאַרבליבן. ווייל סוף־כּל־סוף האָט ער דאָך גוט געוווסט, אַז נישט איך האָב אים דערהרגעט, איך בין נישט קיין מערדער. איך בין געווען איינער פון די מילדע — כ׳האָב אים נישט דערלאַנגט מיט קיין מעסער, צו דעם בין איך קיין מאָל נישט געווען מסוגל. און מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט פון אַ משוגענעם, קען איך אייך שווערן, אַז אין מיין גאַנצער משפּחה איז קיין מאָל נישט געווען קיין מערדער. פאַרקערט: כ׳געדענק — איך האָב אַמאָל געזען אַ פייגעלע מיט צעבראָכענע פליגל, עס האָט זיך געריסן צום פליִען און עס האָט נישט געקאָנט; האָב איך זיך צעוויינט, אַזוי האָט עס מיך גענומען, ווייל אויך איך בין דאָך צום דאָזיקן פייגעלע ענלעך, אויך איך בין ווי אַ פויגל וואָס וויל שוועבן אין די רוימען און קען נישט, ווייל די פאַרשאָלטענע ערד האַלט מיך מיט אירע פיזישע אייגנשאַפטן.

אויב מען זאָל גענוי אונטערזוכן דעם פאַל, קען איך מיט אַ רויִק געוויסן זאָגן, אַז נישט איך האָב צוגעאיילט זיין טויט. ווער בין איך דען געווען? וואָסאַרע מאַכט האָב איך געהאַט? כ׳בין געווען אַ גאָרנישט און געבליבן אַ גאָרנישט. אַנדערע האָבן וועגן אים געשריבן, אַז ער מאָלט קיטשן, אַז ער איז אַ דעגענעראַט, אַן אימפּאָטענט, און אַז זיין שוועסטער איז אַ גאָסנ־מויד. איך בין זיך מיט אים באַגאַנגען מיט דער צאַרטקייט פון אַ גוטן פריינד. איך האָב אים בלויז פאָרויסגעזאָגט, אַז קיין גרעסערע קאַריערע וועט ער קיין מאָל נישט דערגרייכן. און דאָס מאָל האָב איך נישט געזאָגט קיין ליגן. ער האָט טאָקע נישט דערגרייכט. ער האָט נישט געהערט צו יענע, וואָס דערגרייכן. ער האָט אויסגעהויכט זיין קינסטלערישע נשמה אין אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען דער זומער איז געווען אין פולן בלי. זיין קבר האָבן מיר באַדעקט מיט פּרעכטיקע כריזאַנטעמעס און מיט רויזן, וואָס זענען גראָד אין יענעם יאָר געווען זייער ביליק, צוליב גרויסע גערעטענישן אין די אָראַנזשעריעס פון גאַנצן לאַנד.

איצט בין איך געשטאַנען אַנטקעגן אים צווישן לעבן און טויט, און איך האָב געזען אים און איך האָב אויך געזען זיך אין דער גרויסער פלאַך פון אַ שפּיגל, אין וועלכן עס באַוועגט זיך די ווירקלעכקייט, און אויך דער בלאָף וועגן דער ווירקלעכקייט. אָבער צי בין איך שולדיק, אַז קיין שום אמת איז נישט דער פולער אמת, בין איך דען שולדיק, אַז נישט נאָר מענטשן זענען ליגנערס, נישט נאָר די מענטשלעכע אויגן, נאָר אויך די שפּיגלען? די וועלט איז פול מיט שקר. און די גרעסטע שקרנים זענען מענטשן, וואָס גאָט האָט זיי באַשאָנקען מיטן כוח הדמיון.

ב

דער זאַל איז גרויס ווי די וועלט און עס שוועבן אין אים אַרום קלאַנגען — ווי צעפלאָשעטע פערד, וואָס עמיצנס שטאַרקע האַנט פירט זיי באַ־צוימען. אַן עסטראַדע. אַ טעאַטער אַן ווענט. אַ צירקוס אַן אַ קאָפּול. עפּעס אַ ריינהאַרדט פירט דאָ אויף זיינע מיסטעריעס, זיינע מיסטעריעזע פאָר־שטעלונגען אויף די שפּיציקע דעכער פון די גאָטישע קירכעס. מלאָכים פליען אַרום איבער מיר, איבער יעדערמאַנען. גלאָקן, טויבן, כאָרן. דער מלאך־המות מיט אַ קאָסע אין דער האַנט. אָרגלען. יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַך. קלאַנגען, וואָס ציטערן, וואָס זשומען ווי בינען, זלידנע קלאַנגען ווי פליגן. קלאַנגען וואָס זענען מעכטיק ווי אַ ים־שטורעם. וואָס זענען שטיל ווי שמעטערלינגען — סאַראַ פּאַראַדאָקס! מוזיקאַלישע פּויזעס. אַ מענטש מיט ווילדע בליקן און מיט לאַנגע האָר — אַן אַנאַכראָנישע געשטאַלט — שטייט לעבן אַ פּאַרטעפּיאַן — דער פּאַרטעפּיאַן איז גרויס ווי אַן עלפאַנט — פון צייט־צו־צייט רירט ער אָן די קלאַווישן, ער צערטלט זיי, ווי מען צערטלט דעם נאַקעטן קערפּער פון אַ געליבטער פרוי. אָדער ער שלאָגט זיי ברוטאַל מיט דער פויסט. ער גייט אַוועק. ער טרייבט פון זיך אַוועק אַ פליג. ביין. נישט די פליגן טרייבט ער, נאָר די קלאַנגען. ער וואַרט. ער קוקט זיך אַרום. ער קוקט אין דער זייט. אַרויף. צום הימל. פון וואַנען וועט זי קומען, די הייליקע באַגייסטערונג, די שכינה?

פלוצים, מיט אַ בליץ־שנעלער באַוועגונג ציט ער אויס די האַנט, ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן און הרגענען אַ גיפטיקן מאָסקיט. ער האָט אים! דער

יעגער פון קלאַנגען לויפט צו צום פאָרטעפּיאַן, די געכאַפּטע פליג דער־נענטערט ער צום אויער, מיט דער צווייטער האַנט קאָנטראָלירט ער דעם ווערט און די קוואַליטעט פון טאָן אויף דער קלאַוויאַטור. די פליג פעלשט. די קלאַוויאַטור איז צו קורץ. אַלץ איז צו קליין, צו ווינציק, כאַפּט עס דער וואַטנמאַכער! וויפל מאָל קען מען איבערחזרן די זעלבע וואַריאַציעס אויף אַ טעמע, אַלץ אויף די זעלבע פינף ליניעס, אַלץ איז שוין געווען, געווען. און אים זענען נויטיק אַזעלכע טענער, ווי יענע וואָס האָבן געהאַט דעם כּוח חרוב צו מאַכן די מויערן פון יריחו. עפּעס פאַרשרייבט ער. און ער וואַרט. און גאָרנישט.

פלוצים איז זי געקומען. אַ קליינינקע אַזעלכע, נישט אַ נאָטע, נאָר אַ נאָטקעלע, ס׳וואָלט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז ס׳איז גאָרנישט, און דאָך. זי איז געקומען, די סוואָלאַטש, ווי אַ גילדן זינגענדיק פישעלע. און דווקא זי איז אים געווען נויטיק צו דער גרויסער אומשטערבלעכער סימפאָניע. איצט האָט ער זי. ער האָט זי פאַרשריבן, זי וועט שוין איצט נישט אַנטלויפן, זי שטעקט אויף דעם נאָטן־פּאַפּיר ווי אַן אָקס אויף דער לאָנקע.

איז ווידער געוואָרן שטיל, און ער ווערט ווידער פאַרגליווערט אין דערוואַרטונג. די שטילקייט וואַקסט. זי איז שוין כּמעט אַבסאָלוט. אָבער ער ווייסט: באַלד וועלן זיי דערשיינען, די אַכצנטלעך און די זעכצנטלעך, די בעמאָלן און די צלמלעך, די טאַקטן און פראַזן, איינצלווייז וועלן זיי קומען, אָדער אין גאַנצע סטאַדעס ווי רעוועגדיקע לייבן אין דעם חודש פון זייער ווילדער, נישט געהעמטער ליבע.

ער הערט שוין: זיי דערנענטערן זיך, זיי לויפן פאַרביי, זיי פליען, זיי זענען שוין דאָ — מיט אַן אוממענטשלעכער זיכערקייט זענען זיי אָנגעקומען, פריידיקע, גאָרנדיקע צו גליקלעכע געלונגענע זיווגים — פּסאַלמאָדיעס גאַנצע, קאָנצערטן, סימפאָניעס.

מיט די צען פינגער, ווי מיט צען האַמערס שלאָגט ער דעם ציטערנדיקן פאָרטעפּיאַן, ער אײַלט זיך, ער פאַרוואַנדלט די קלאַנגען אין לאַנדשאַפטן גרינע, אין גאָלדענע מידבריות, אין בערג, אין אָפּגרונטן, אין קראַטערן פון ווולקאַנען, אין ערד־ציטערנישן. זיי דריקן אים צו, זיי פאַרשיטן אים, זיי פאַרניכטן אים — די אַפּאָקאַליפּטישע קאָנטינענטן, וואָס עקזיסטירן שוין זייט ששת ימי־בראשית, און די אַרכיפּעלאַגן פון אומבאַ־

קאַנטע אינדזלען, וואָס זענען ערשט היינט דורך אים אַנטדעקט געוואָרן. טיפּענישן פון ימען. און פלאַכע ביי־ברעגיקע זאַמדן, אויף וועלכע עס דרימ־לען בלויז טיילמאָל די טשערעפּאַכעס.

ער קרעכצט ספּאַזמאַטיש, ווי אַ חיה, וואָס דערנענטערט זיך צום אומבאַהערשטן אַטאַוויסטישן אָרגאַזם. ער מאַטערט זיך אין די זיסע יסורים פון שעפערישקייט, אין קאַנוולסיעס פון אויסגעלאָסענעם וויטאָג. די פּיס וואַקלען זיך אונטער דעם שיכּורן קערפּער פון מאַסאַכיסט.

ג

לעבן דעם ים פון מוזיקאַלישע סודותפולע סימבאָלן איז פאַראַן אַן אָקעאַן פון ווערטער. און איבער דעם דאָזיקן אָקעאַן פון ווערטער ציט זיך אַ סטרעפּע פון ווערטער, אַ באַרגיקע און שטיינערדיקע, צו וועלכער עס שלענגלען זיך סערפּענטינעס פון מיזרח און סערפּענטינעס פון מערב. מעגלעך, אַז עס איז אויך פאַראַן אַ דירעקטער וועג אָן סערפּענטינעס, נאָר ער איז שוין מסתמא פאַרוואַקסן מיט ווילדגראָז. אַז מען קומט אַרויף אויף דעם סאַמע שפּיץ פון דער דאָזיקער סטרעפּע, דאָס הייסט פונעם באַרג, איז אַ פּחד אַראָפּצוקוקן, אַזאַ אָפּגרונט איז אונטן, ממש אָן אַ סוף. ס׳איז נישט קיין אָפּגרונט, נאָר אַ תּהום. אַ געפאַר.

און צו דעם זעלבן ציל, דאָס הייסט באַרג אַרויף, פירט אויך אַן אַנדע־רער וועג, דורך שטינקנדיקע זומפּן, וואָס זייערע פליסיקייטן זענען קלע־פּעדיק און פול מיט ווערעם, עס פויזען דאָרט אַרום זשאַבעס און פּיאַווקעס און וואַסער־שלאַנגען. און דאָס איז זייער ריכטיק, אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין. אַלץ וואָס איז באַשאַפן, איז באַשאַפן מיט חכמה און צוועקמעסיקייט: שרייבער, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט אויספורעמען קונסט־ווערק אויס ווערטער און אויס שוים, אויס בלוט און אויס וואַסער, זענען מחויב צוערשט אַדורכצוגיין דורך די שווערסטע פּרוון, דורך זאָרגן און אומאַנגענעמלעכ־קייטן, דורך הונגער, דורשט און קעלט, היץ, ווערעם, קרענק, טויט — און ערשט דעמלט ווערן זיי אויסגעלייטערט צו תּחית־המתים. די ריכטיקייט פון די דאָזיקע ווערטער מיינע האָט שוין די געשיכטע באַשטעטיקט אַ סך מאָל. אין די הייליקע פלאַמען פון די אינקוויזיציע־שייטערס האָט מען פאַרברענט אַ סך מערער שרייבער, ווי מאָלער אָדער קלעזמאָרים. און אַ סך מער גוטע

פּאָעטן און פילאָזאָפן, ווי אינסטאַלאַטאָרן פון וואַסער־לייטונג, אָדער טאַפּע־צירערס. און טאַקע דערפאַר איז דער וועג צו דער סטרעפּע פון שיינע און ווירקזאַמע ווערטער אָנגעשפּיקעוועט מיט אַזויפיל שטערונגען, מיט שדים און פּיפּערנאָטערס. איך אַליין האָב אויך אַזאַ פּיפּערנאָטער אַמאָל געזען — נאָך איידער איך האָב זוכה געווען, אַז עס זאָלן זיך פאַר מיר עפענען די געבענטשטע טויערן פון משוגעים־הויז. מיין פּיפּערנאָטער האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ, ווען ער האָט מיט אים געשאָקלט, האָט זיך געהערט דאָס פּליעשטשען פון וואַסער, ער האָט געהאַט צווויי לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, און ווען ער האָט געשפּיגן מיט גאַל, האָט זיך אַרום אים געשפּירט אַ סמיק געשטאַנק, טיילמאָל האָט זיך אויך געזען דער רויך פון ברענענדיקן שוועבל. קעגן אַזאַ פּיפּערנאָטער איז פאַראַן אַ ווירקזאַמע סגולה, אַזאַ מין פּסוק, וואָס איז בכוח אים צו פאַרטרייבן, אָבער דאָס איז אַ סוד, וואָס מען דאַרף קיינעם נישט פאַרטרויען. זאָל זיך יעדער ביישטיין זיין אייגענעם גורל, זאָל זיך יעדער פאַרמעסטן מיט זיין אייגענעם שד.

אויפן וועג, און בפרט דאָרט ווו די פאַרפּלאָנטערטע סטעזשקעס און סערפּענטינעס קרייצן זיך און גייען זיך פאַנאַנדער, שטייען קרעטשמעס, אָדער ווי מען פלעגט זיי אַמאָל אָנרופן: אויסטעריעס — ווו מען קען זיך אָפּרוען, אויסטרינקען אַ ליימען קריגל וויין, מיט סם, אָדער אָן סם, כאַפּן אַ דרימל, מען קאָן דאָ קויפן אַ סימבאָלישע בלום, אָדער אַ סימבאָליש צווייגל פון אַן אָליוון־בוים — מחמת עס זענען פאַראַן מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט באַגיין אָן סימבאָלן.

אָבער נישט יעדער פאַרהאַלט זיך אין אַזאַ קרעטשמע. עס זענען אויך פאַראַן וואַנדערער, וואָס פאַרהאַלטן זיך בכלל נישט. זיי גייען פאָרויס און פאָרויס און קוקן זיך נישט אום אויף קיינעם. געזונטערהייט. זאָל זיי ווויל באַקומען. זאָלן זיי גיין, אויב זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דעם זיסן טעם פון סמיקע ווערטער, וואָס זענען באַשמירט מיט האָניק, אָדער אין שיכורע ווערטער, אין ווערטער, וואָס שטראַלן מיט ליכט, אין הייליקע ווערטער, אין פינצטערע ווערטער, אין ווערטער וואָס זענען קלוג ווי דער טאָג, וואָס זענען מילד ווי דער שמייכל פון אַ מלאך, רוגזדיק און בייז ווי דינאַמיט, ווירקזאַם ווי דאָס מעסער פון אַ כירורג.

ד

אַ זקן מיט אַ סאַמעטענער שוואַרצער קאַקאַרדע אויפֿן דאַרן העלדזל, שטייט ביים רוישנדיקן טייכל און אָטעמט שווער פֿון אויפֿרעגונג. דעם דאָזיקן זקן האָב איך אַמאָל אויסגעטראַכט און באַשריבן אין אַ דערציילונג מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער איך בין קראַנק געוואָרן אויפֿן קאָפּ. שטייט ער איצט ביים טייכל, וועלכער איז טיף ווי אַ טעלער זופּ אין אַ רומענישן רעסטאָראַן, און ער האָט מורא אַריבערצוגיין די דאָזיקע טיפֿעניש, ער האָט מורא אַריבערצושפּרינגען, ווייל נישט יעדער איז געבוירן צו זיין אַ העלד, נישט יעדער קען שפּרינגען. ער שטייט אויפֿן אָרט און זיינע אַלטע רויטע אויגן קוקן אויף מיר מיט האָפֿענונג און בעטן ביי מיר רחמים. כ'האָב זיך דערפֿרייט מיט דער דאָזיקער באַגעגעניש — פֿאַרט אַן אַלטער באַקאַנטער — און איך האָב באַשלאָסן אים צו העלפֿן, אַזאַ גוטער בין איך, איך הייב אים אויף ווי ער וואָלט געווען אַ קליין קינד, אַזוי לייכט איז ער, לייכט ווי אַן אויסגעפּליקטע פֿעדער, לייכט ווי אַ גומי־באַלאָן, וואָס איז אָנגעפּילט מיט לופֿט. און ער דריקט זיך צו צו מיר; ער שמעקט מיטן ריח פֿון שווייצער־קעז פֿון סאָרט „ראָקפֿאָרט״.

איך האָב אים אַוועקגעשטעלט אויפֿן צווייטן ברעג פֿון טייכל. ער האָט מיר געדאַנקט מיט אַ לייכטן גוטמוטיקן שמייכעלע אויף די דינע ליפּן, און האָט זיך געלאָזט לויפֿן — גלייך צו דער אומשטערבלעכקייט. אַ מאָדנער מענטש. אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער, מיט אַ קליין זילבערן קעפּל — און דאָך אַ פּערזענלעכקייט, אַן אינדיווידואַליטעט. אַ קליין ברעקעלע אויף דעם אומענדלעכן טישטעך פֿון דער וועלט. וועגן וואָס האָט געטראַכט דער בורא עולם, ווען ער האָט דאָס דאָזיקע געניאַלע באַשעפֿעניש אויפֿגעפֿאָדערט צום לעבן.

אַ ביסל שפּעטער האָב איך אים באַגעגנט אויפֿן רוקן פֿון באַרג. ער איז דאָרט געשטאַנען ביי אַ גרויסן קאַסטן, פֿון וועלכן עס האָבן אויסגעשטראַלט טוכלע גערוכן פֿון אַלטקייט. אין קאַסטן זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן אַלטע אומבאַדערפֿטיקע ווערטער, וואָס זענען שוין לאַנג אַרויס פֿון געברויך, אומפֿאַרשטענדלעכע און מאָדנע קלינגענדיקע ווערטער, אומבאַהאָלפֿענע און אויסטערלישע, לאָמע און אויסבראַקירטע, ווערטער וואָס זענען שוין מכלומרשט נישט פֿאַראַן, און דאָך באַנוצט מען זיך מיט זיי ווען מען וויל

מאַכן אַ טעות, ווערטער באַדעקטע מיט שטויב, פאַרזשאַווערטע. עס זענען דאָרט אויך געווען ווערטער, וואָס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַנדערע ווער־טער, שענערע. ווערטער, וואָס זענען געווען פאַרביק ווי אַ רעגנבויגן. ס׳זענען אויך געווען ווערטער וואָס האָבן זיך געמיניעט ווי ברילִיאַנטן, וועלכע ליובן־אויף ווען עס פאַלט אויף זיי אַ מענטשלעכער בליק. עס האָבן זיך אויך אַרומגעוואַלגערט ווערטער פון יענעם מאָדנעם ביבלישן ווערטער־בוך, מיט וועלכן עס האָבן זיך באַנוצט די אינזשיניערן און מויערערס ביים בויען דעם בבל־טורעם.

ווערטער פליסיקע ווי וואַסער, און אַנדערע — שווערע ווי שטיינער, שאַרפע ווי שטילעטן, שטיקנדיקע און וואָרגנדיקע ווי די פעטליע פון אַ תליה. ווערטער פון גרויסע דעמאַגאָגן, טריבונען, נביאים, און פאַלשע נביאים, שאַרלאַטאַנען — אין צענדליקער און הונדערטער שפּראַכן. מיט גראַמען און אָן גראַמען. מיט זין און אָן זין — אַפילו אָן אינהאַלט. און אויך מיט אַ סודותדיק פאַרבאָרגענעם תוכן. און טאַקע דאָרט, צווישן אָפּפאַל און אוצרות האָט געגריבלט דער אַלטיטשקער פילאָזאָף מיט דעם קליינעם קעפּל און מיט דער גרויסער שוואַרצער קאָקאַרדע אויפן האַלדז. ער האָט געזוכט ווערטער, וואָס זאָלן זיין אַדעקוואַט צו יענע סימבאָלן און פאָרמולעס, וועלכע ער האָט אין זיין משוגעת אויסגעטראַכט אין אַ שפּראַך, וואָס האָט נאָך קיין מאָל נישט עקזיסטירט.

ה

אַחוץ דעם זקן, וועלכן איך האָב אויסגעטראַכט, אַחוץ דעם מאָלער, וועלכן איך האָב אַמאָל געקאָנט, און אַחוץ דעם קאָמפּאָזיטאָר מיט די ווילדע אויגן, האָב איך נאָך דאָרט באַגעגנט אַ סך אַנדערע פּערזענלעכקייטן. אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט זייער דערהויבענע, כאָטש טיילמאָל נישט פאַרשטענדלעכע זאַכן. זיי האָבן געאַרבעט שווער, געשוויצט, געאײַלט זיך, כאָטש זיי האָבן דאָך מסתמא געוווסט, אַז ווי נאָר זיי וועלן ענדיקן זייער ווערק, וועלן זיי באַלד אַרומגענומען ווערן דורך דער אַבסאָלוטער פאַר־געסנקייט און עס וועט זיי פאַרדעקן אַ דיקע און אַלץ וואַקסנדיקע שיכט פון שטויב און מידבר־זאַמד, אויף וועלכע עס וועלן זיך צעבליִען די ווילדגראָזן.

אַלע זענען געווען פאַרנומען אין אַ דערהויבענער איינזאַמקייט. זי, די איינזאַמקייט, איז געווען זייער אומבאַגרענעצטע און אייגענע וועלט, קיין שום פרעמדן האָבן זיי נישט דערלויבט אַריינצודרינגען דורך איר גרענעץ.

בין איך געשטאַנען אין אַ זייט, כ׳האָב קיינעם נישט געוואָלט שטערן. אָבער איך בין שוין געווען מיד פון פּערמאַנענטן שווייגן, כ׳האָב זיך פאַר־בענקט צו אַ וואָרט, צו אַ מענטשלעכן זשעסט, צו ווער־מענס אַ שמייכל. האָב איך פון דער אַרומיקער פוסטקייט אַרויסגעזוכט פנימער וואָס איך האָב אַמאָל ערגעץ־ווו געזען, אָדער פנימער וואָס איך האָב מיר אַמאָל אויסגע־טרוימט — פנימער פון מלאָכים, ווייל זייער אָפט חלום איך וועגן מלאָכים, און יעדעס מאָל איז עס אַ מלאך פון ווייבלעכן מין — הייסט עס נישט אַ מלאך, נאָר אַ מלאכטע. און אַלע זענען זיי נאַקעט. וואָס קען איך טאָן? עס מאַטערט מיך דער נישט אויסגעלעבטער, דער נישט אַדורכגעלעבטער עראָטיזם, און דאָס שאַפט אַ קאָמפּלעקס פון איינזאַמקייט.

צווישן מיינע שפּיטאָל־קאָלעגן איז פאַראַן איינער אַ געוועזענער גלח — אויך ער האָט חלומות פול מיט נאַקעטע ווייבער און מיט נאַקעטע קינדער — און זיין קרענק באַשטייט אין דעם, אַז ער גלויבט אין דער הייליקייט פון נאַקעטן לייַב. אויף אַן איבערצייגנדיקן אופן גיט ער מיר צו פאַרשטיין, אַז נאַקעטקייט איז הייליק. ער הייבט אָן פון דעם, אַז גאָט איז נאַקעט — און דאָ איז ער אפשר אַ ביסל גערעכט, ווייל עס איז זיך שווער פאָרצו־שטעלן די אידעע פון געטלעכקייט זאָל זיין אָנגעטאָן אין אַ פּאָר מאָדערנע הויזן, אָדער אַפילו אין אַן אַלטערטימלעך מלבוש פון די פאַר־ביבלישע צייטן. אָדם־הראשון איז געווען נאַקעט, און חוה איז געווען נאַקעט. נאַקעט ווערט יעדער איינציקער פון אונדז געבוירן. נאַקעטערהייט פירן די מענטש אויס גאָטס געבאָט וועגן ליבן זיך, וועגן פאָרן און פרוכפּערן זיך. נאַקעטקייט איז די ריינסטע שיינקייט און נאַקעטקייט איז די ריינסטע מיאוסקייט, און אויך די ריינסטע זינד. נאַקעט האָט מען אַ פאָלק אומגעבראַכט, און נאַקעטערהייט האָט מען יעדן איינציקן פון די אומגעבראַכטע פאַרברענט אין די אויוונס. נאָר די מלאָכים זענען נישט נאַקעט, די מלאָכים און כּרבים און שׂרפים זענען באַוואַקסן מיט פעדערן.

דער קראַנקער גלח איז אפשר גערעכט. מען דאַרף אפשר שוינען די נאַקעטקייט, און שעפּן פון איר פרייד פאַר די אויגן — אַ סך גרויסע קינסט־

לער מאָלן נאַקעטע פּרויען און שעפּן פון זיי נחת און דערהויבענע באַגייסטערונג. אָבער מיר שטערט דאָס. נישט דערפאַר ווייל איך בין אַ פּוריטאַנער — נאָר סתּם, כ׳ווייס אַליין נישט פאַרוואָס. דאָס וואָס העלפט אַנדערע מענטשן שאַפן גרויסע ווערק — מיר שטערט עס.

כ׳בין געווען אַפּאַטיש און אומפעיק צו יעטוועדן טאַט. און דאָס האָט מיך פאַרדראָסן, ווייל אויך איך וואָלט דאָך געקאָנט זיין פּראָדוקטיוו און שעפעריש. וואָס בין איך ערגער פון אַלטינקן קליינעם פּראָפעסאָר מיט דער סאַמעטענער קאַקאַרדע אויפן האַלדז? מיינע אידעען זענען נישט ביליקער און נישט ערגער פון זיינע. פאַרקערט. איך האָב צום ביישפּיל, געוואָלט שאַפן אַ פּאַרטיטור פאַר אַ גרויסער האַרמאָניע, אין וועלכער עס וואָלטן מיטגעווירקט קאָלירן, קלאַנגען, גערוכן, טאַנץ און ווערטער. די ווערטער וועלן זיין גלייכצייטיק אין עטלעכע שפּראַכן, מיט אַ געהעריקע סימולטאַנישע סינכראָניזאַציע. די דאָזיקע אַלע עלעמענטן דאַרפן זיין אָפּגעהיט אין די ראַמען פון מאָדערנער לאַפּידאַרישקייט, מיט דער אָנווענדונג פון קלאָרע מעטאַפאָרעס. אין אַ געוויסן זין וועט עס זיין אַן אוניווערסאַלע פאַרטיטורע. און דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק האָב איך שוין נישט איין מאָל געפילט אין זיך, אין די מינוטן פון הויכער באַגייסטערונג. איך האָב עס געפילט און געהערט און אַפילו געזען, אין זיך און אַרום זיך, נאָר תּמיד האָט מיר געפעלט צייט און שטימונג עס צו פאַרשרייבן.

און איצט איז צו מיר געקומען אַ פרוי — מעגלעך, אַז איך האָב זי שוין אַמאָל ערגעץ געזען... און זי האָט מיך געפרעגט, צי זי קען מיר העלפן, און וויאַזוי. איך האָב געענטפערט, אַז אפשר יאָ, עס איז נאָך נישט אַזוי שלעכט מיט מיר, ווייל דעמלט ווען עס איז שוין גאָר שלעכט, דעמלט קען שוין קיינער נישט העלפן, דעמלט דאַרף מען בלויז וואַרטן אויף אַ נס — און אין די היינטיקע צייטן טרעפן זיך זייער זעלטן אמתדיקע נסים.

איך האָב גענומען באַטראַכטן די דאָזיקע פרוי. זי איז נישט געווען קיין מיאוסע: אַ מיטלוווקסיקע, מיט אַ ליכטיק פּנים, שוואַרצע האָר — זי האָט צו מיר געשמייכלט, אָבער אין דאָזיקן שמייכל איז געווען אַ טיפער אומעט, אַ מעלאַנכאָליע, ווייל זי איז, זעט אויס, געווען אַ יידיש קינד. און אפשר טאַקע צוליב דעם דאָזיקן אומעט האָט זי ביי מיר דערוועקט אַ געפיל פון צאַרטקייט.

עס האָט זיך אין מיר פּלוצים דערוועקט אַ באַגער צו דערציילן איר וועגן זיך, וועגן מיינע משוגעתן, וועגן מיינע זעעונישן און וועגן מיין פאַר־צווייפלונג. וועגן מיין אַנטלויפן פון זיך צו אַן עולם־הדמיון, וועלכער עקזיסטירט גאָר נישט. איך רעד נאַרישקייטן און שרייב נאַרישקייטן, בכדי צו פאַרטושן מיינע געדאַנקען, מיין עבר, מיין פּחד און מיין טרויער.

— איך קען נישט לעבן בלויז צווישן שאָטנס, וואָס עקזיסטירן שוין נישט זייט אַזויפיל יאָרן. איך האָב מורא. פאַראַן אַזעלכע טעג, ווען איך עפן נישט די טיר אַפילו פאַר דעם בריווטרעגער. איך שרעק זיך אַז זיי וועלן ווידער קומען און זיי וועלן מיך פאַרמאַכן אין אַ צימער אָן פענצטער, אָדער אין אַ צימער אָן אַ טיר, אָדער אָן אַ קליאַמקע, אָדער אַז זיי וועלן מיך ווידער אַריינוואַרפן אין אויוון אַריין און מיך פאַרברענען, אָדער אויסקאָכן מיינע אברים און מאַכן אויס זיי אַ שטיקל זייף.

איין מאָל איז מיר אַריינגעפאַלן אין דער האַנט אַריין אַ דיק בוך, איינ־געבונדן אין לייוונט, געדרוקט אויף גלאַטשיק גלאַנציק פּאַפּיר, מיט אַ סך פאָטאָגראַפיעס — דאָס איז געווען אַ ווערק פון איינעם אַ פּראָמינענטן און וועלט־באַרימטן דייטשן אַרכיטעקט, אַ בוך וועגן דעם בוי־וועזן פון שטראָף־אַנשטאַלטן, דאָס הייסט פון קרימינאַלן. עס זענען דאָרט געווען שקיצן און צייכענונגען, פאָטאָגראַפיעס פון מאָקעטן פון פאַרשיידענע תפיסות אין דייטשלאַנד, אין פראַנקרייך, אין שפּאַניע און אין אַמעריקע. נאָר קיין רוסישע תפיסות זענען דאָרט נישט געווען, ווייל די רוסן דערלויבן נישט צו פאָטאָגראַפירן אַזעלכע בנינים. דאָס דאָזיקע בוך האָט מיך דערשיטערט כמעט אַזוי, ווי מיין נאָך־מלחמהדיקער באַזוך אין טויטן־לאַגער מיידאַנעק, אין וועלכן מען האָט מיך אַמאָל פאַרגאַזעוועט און פאַרברענט.

די פרוי האָט געקוקט אויף מיר מיט רחמנות.

— איך מוז האָבן אַרום זיך געשטאַלטן לעבעדיקע, אמתדיקע. מעג זיין איין מענטש אַ נאָענטער. אָדער מעגן זיין המונים. זאָלן עס מינדעסטנס זיין סטאַטיסטן, פּשוטע מענטשן, וואָס זינגען און טאַנצן, וואָס שילטן, וואָס זידלען זיך אָדער לאַכן, מענער און פרויען — טייל מאָל פיל איך דעם ריח פון זייערע פאַרשוויצטע לייבער, פאַרנאַכט, ווען זיי קערן זיך צוריק אַהיים פון דער אַרבעט, איך הער זייערע שמועסן, פּליסטערייען, תפילות פון פאַר־ליבטע — אַלץ הער איך, און איך פיל ווי עס באַפאַלט מיך אַ ווילן צו ווערן

טעטיק, אַקטיוו, אויפּטועריש. איך צי אַרויס פון דאָזיקן המון אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין נאָמען און האָט אַפילו נישט קיין פּנים, איך קען אים נישט, איך הייב אים אויף הויך, הויך — און איך שטעל אים אַוועק אויפן ברעג פון אַן אָפּגרונט, אויפן ראַנד: וואָס וועט מיט אים געשען? אָדער איך שלעפּ אים אַרויף אויפן שפּיץ פון דאַך, אַ דענקמאָל בוי איך פאַר אים: וועט ער פון דאָרט נישט אַראָפּפאַלן? איך מאַך פון אים אַ זשעני, אָדער אַן אידיאָט, אַ קיסר אָדער אַ שקלאַף — אין וועלכער ראָל וועט ער זיך בעסער פילן? איך באַטראַכט אים גענוי, איך באַטראַכט זיינע נערוועזע רעאַקציעס, זיינע זיגן און מפּלות. אפשר טאָקע אַזוי אַנטשטייט די ליטע־ראַטור, אפשר אַנטשטייט טאַקע אַזוי אַ ווערק, וואָס איך וועל אַמאָל וועלן אָנשרייבן, אויב עס וועט מיר דערצו קלעקן צייט און קענטעניש?

דאָס מיידל לאַכט. מען דאַרף קענען לאַכן אויס דעם, וואָס איז אומע־טיק. איר זענען געפעלן מיינע איינפאַלן און זי זאָגט:

— שלעפּסט אַרויס פון המון אַ שקלאַף, לייגסט אים אַרויף אַ קרוין אויפן קאָפּ, און דערנאָך צווינגט ער דיך, זאָלסט פאַר אים קניען.

אַזוי האָט זי געזאָגט, פּונקט ווי זי וואָלט געקאָנט מיינע אַלע דער־פאַרונגען און מפּלות.

— אויך דאָס פאַסירט טיילמאָל — בין איך מסכּים — אויך דאָס געהער צו די פּרינציפּן פון שפּיל. אָבער עס קען אויך פאַסירן אַנדערש: דער נאַקעטער קעניג גייט אַליין צו צום שפּיגל און זעט, אַז אויפן קאָפּ טראָגט ער אַ נאַכט־טאָפּ, און ער האָט ביז איצט געמיינט, אַז דאָס איז אַ קרוין, אָדער מינדעסטנס אַ צילינדער. חלומות וועגן גרויסער מאַכט, זענען אויך נישט מער ווי חלומות. די וועלט איז ווי אַ מאַסקן־באַל. לאָרבער־קרענץ. קרוינען. קעניגלעכע, קיסרלעכע קרוינען אויס באַגילדעטן פּאַפּיר. קענסט דיר דאָס פאַרשטעלן?

— אָ, דאָס וועט זיין פּרעכטיק, ווונדערבאַר — צעלאַכט זיך דאָס מיידל — אַן אוניווערסאַל קעניגטום אויף דער ערד. אַלע וועלן זיין מלכים. אַלע וועלן טראָגן קרוינען. אויף ווינטער וועלן מיר פאַר זיי אויסטראַכטן אויערן־שיצערס, עס זאָל זיי זיין וואַרעם.

— ביז ווינטער איז נאָך ווייט — האָב איך באַמערקט — מען קאָן נישט אַזוי לאַנג וואַרטן מיט דעם גרוינונגס־צערעמאָניאַל. און אַרבעט וועלן

מיר דערבײַ האָבן אַ סך. אַלץ דאַרף מען פּאָרויסזען, אָנשרייבן, דעם סצענאַר, די דיאַלאָגן, די רעדעס.

זי האָט געפּרעגט, צי בשעת דער דאָזיקער פּייערלעכקייט וועט מען קענען האָרכן די מוזיק פֿון י. ס. באַך.

— מען וועט קענען. עלעקטרישע גיטאַרעס מיט דער באַגלייטונג פֿון אַ פּערקוסיע.

זי האָט פֿאַרשטאַנען און זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט קומען צו דער פֿייערונג. איצט מוז זי שוין אַוועקגיין, איצט מוז זי גיין צו אַן אַנדערן קראַנקן.

— לאָז מיך נישט איבער אַליין — שריי איך — איך האָב מורא צו בלייבן אַליין אין צימער.

און איך דערצייל איר, אַז אַמאָל ווען איך בין נאָך געווען אַ שרייבער, פֿלעג איך שרייבן אין פֿאַרשיידענע ערטער, ווו עס זענען געווען אַ סך מענטשן. אין קאַפֿע־הויז. אָדער אין טראַמוויי. אויף דער באַן־סטאַציע. אָדער אין קאָרידאָר פֿון מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ דענטיסט, ווו מען פֿלעגט תּמיד הערן די אויסטערלישע און פֿאַרצווייפֿלטע געשרייען פֿון די פּאַציענטן, בשעת דער דאָקטער האָט זיי געגריבלט און געבאָבערעט אין די ציינער.

דערהערט וועגן געשריי פֿון פּאַציענטן, איז דאָס מיידל בלאַס געוואָרן. זי איז געווען אַ נייע אין דאָזיקן אַנשטאַלט און זי האָט זיך נאָך נישט צוגע־וווינט צו מענטשלעכע יסורים.

— אַנטלויף נישט — זאָג איך צו איר — וועסט נישט אַנטלויפֿן פֿאַרן אייגענעם גורל.

— איך וויל נישט אַנטלויפֿן. מען דאַרף היילן די וווּנדן פֿון דער וועלט. די וועלט איז קראַנק.

— קראַנק? — חזר איך איבער מיט פֿאַרדאַכט — האָסט געוואָלט זאָגן אַז די וועלט איז משוגע?

— איך וועל נישט אַנטלויפֿן. איך וועל בלייבן מיט דיר. נאָר אונטער איין באַדינג...

— וויל איך נישט! ווי ווייט איך געדענק, זענען מיר תּמיד געווען באַגרענעצט און אַרומגערינגלט מיט באַדינגונגען ווי מיט אַ מויער. אַ

מויער, וואָס האָט ביי אונדז אָוועקגערויבט דעם ווילן, פּאַראַליזירט. און אויף יענער זייט פון מויער איז געשטאַנען דער קצב און האָט געשאַרפט דאָס מערדערישע מעסער.

די קראַנקן־שוועסטער אין ווייסן קיטל פאַרשווינדט. אויס חלום וועגן אַ פרוי. און זי פעלט מיר, ווייל איך ווייס, אַז אַן שיינע פרויען איז נישט פאַראַן קיין ליטעראַטור.

ליטעראַטור. ראָמאַנטיק. ראָמאַנטיק? — די היינטיקע שרייבערס האָבן שוין פאַרגעסן די פאָרמול, די דעפיניציע פון ראָמאַנטיק. ווייל ראָמאַנטיק הייסט: איינער קעגן דער גאַנצער וועלט. ראָמאַנטיק: נישט רעכענען זיך מיט דער ווירקלעכקייט. אַ דאַנק דער ראָמאַנטיק זענען מיר געפאַלן אין קאַמף. אַ דאַנק דער ראָמאַנטיק האָט מען אונדז אומגעבראַכט. און אַ דאַנק דער ראָמאַנטיק זענען מיר אויפגעשטאַנען תחיית־המתים. ראָמאַנטיק — דאָס אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. די ליבשאַפט צו דער אויפגייענדיקער זון. די ליבשאַפט צום מאָרגנדיקן טאָג, וואָס וועט אויפשיינען פאַר די לעבעדיקע.

דער ווינט שאָרכט אין די טרוקענע בלעטער פון די ביימער. שטעלט זיך אָפּ דער ווינט, ווערט ווידער שטיל. ווערט די שטילקייט פול מיט לויערנדיקע קלאַנגען. די שטילקייט, וואָס איז ווי אַ פאַרשלאָסענער מאַגאַזין מיט שוויגנדיקע פּאַרטעפּיאַנען. און איך בין גערעכט, ווייל אָט האָט זיך אויפגעוועקט אין מיין קראַנקן זכרון דער ניגון, וואָס איך האָב אַמאָל געהערט, וואָס כ'האָב אַמאָל פון זיך אַרויסגעבראַכט צוזאַמען מיט אַ געוויין: יתגדל ויתקדש...

און ווידער דער פחד. נעכטן האָט זיך מיר געחלומט, אַז זיי זענען געקומען און אַז זיי האָבן מיך ווידער אויפגעהאַנגען. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? זיי האָבן מיך אויפגעהאַנגען, איך לעב שוין נישט. אָבער איך האָב נאָך אַלץ מורא. זיי האָבן אויפגעהאַנגען מיך, אָבער נישט דעם פחד מיינעם. פחד פאַר דער אַנטי־מאַטעריע, פאַר דעם נישט־זיין. אַרום, ביז צו דער ליניע פון האָריזאָנט — בלויז נאַקעטע פעלדזן, גרויסע, גרויע פעסטונגען אָן פענצטער. בין איך דער איינציקער לעבן־געבליבענער פון יענעם דור? שוין יאָרן־לאַנג זאָג איך יעדן טאָג קדיש. ווער וועט נאָך מיר זאָגן קדיש?

כ׳האָב זיך אויפגעוועקט — ס׳איז געווען נישט מער ווי אַ חלום. איך ווייס: עס גויטיקט זיך נאָך איין קאָנסולטאַציע פון אַ פסיכאָאַנאַליטיקער. אַ קליין קאָנסיליום. דערנאָך וועט מען זען. מען וועט עפּעס באַשליסן. אפשר וועט ער דאָך געזונט ווערן. דער פֿאַל איז אַן און פּאַר זיך אַן אינטע־רעסאַנטער.

דאָקטוירים. חכמים אין ווייסע קיטלען. כ׳בין נאָך דעמלט געווען גע־זונט, און דער דייטש־אַריש־נאַצישער ד״ר שמאָק פון נירנבערג האָט דורכ־געפירט אַ סעגרעגאַציע. די הימל־קאָמאַנדאָ האָט געוואַרט. בין איך דעמלט אַנטלאָפן, אָבער עס איז מיר נישט געלונגען. ד״ר שמאָק איז געווען קליגער פון מיר. ער איז געווען כיטרע. כ׳בין אַנטלאָפן — אָבער צוזאַמען מיט אים. ער האָט זיך באַזעצט אין מיינע קראַנקע געהירן, ווי אַ וואָרעם אין אַ פוילנ־דיקן עפּל. איך טראָג אים אין זיך. ער זיצט אין מיר, אין מיין קאָפּ — וויאַזוי קען איך פון אים אַנטלויפן? מיט טויזנטער קליינינקע העמערלעך קלאַפּט ער אָן אויפהער אין די אינערלעכע ווענט פון מיין שאַרבן. איך האָב נאָר איין קאָפּ, און דער דאָזיקער איינער קאָפּ טוט מיר וויי, ווי עס וואָלטן געווען טויזנט קעפּ. טונקעלע פּאַסמעס אין די אויגן — איך מוז איצט שלאָפן, שלאָפן, אָדער טרינקען אַ גלעזל קאַווע. אָבער קיין קאַווע איז נישטאָ. און די קראַנקן־שוועסטער איז פאַרשוווּנדן.

כ׳וויל כאַפּן אַ דרימל, אָבער זיי לאָזן מיך נישט שלאָפן. זיי זיצן אין צווייטן פּאַוויליאָן. פון מיין ווײַסן איינצל־צימער זע איך די קראַטן, הינטער די קראַטן שטעקן די מאָרדעס פון די מערדער, עס שטינקט מיט צוגע־ברענטן מענטשן־פלייש, דער רויך שלאָגט אַרויף אין דער הויך, ס׳ווערט מיר הייס, עמיץ מעסט צו מיר פון אַ רעוואָלווער, צי פון אַ ביקס. פאַרוואָס ווילסטו מיך שיסן און נישט דעם ד״ר שמאָק? דו ביסט שולדיק, שרייט ער, עס איז נישטאָ קיין אומשולדיקע. און הינטער אים שטייט דער מלאך המוות, אַ ווייסער, אַ ריינער, אַ באַפליגלטער, אַ באַוואָקסענער מיט פעדערן — פאַרוואָס טוט ער גאָרנישט?

ו

אינדערפרי איז געקומען די קראַנקן־שוועסטער און האָט מיך אַרויס־געפירט אויף דעם טאָג־טעגלעכן שפּאַציר. זי האָט ווידער געשמייכלט

מילד, אָבער איך האָב איר נישט געענטפערט. נעכטן האָב איך זיך געלאָזט אָפּנאַרן פון דאָזיקן שמייכל, ווייל עפּעס אַ ווייטע דערמאָנונג האָט גראָד אין מיר דערוואַכט. און היינט ווייס איך, אַז עס איז אַ פּראָפעסיאָנעלער שמייכל פון אַ פלעגערין, פון אַ קראַנקן־שוועסטער, וועלכע רעדט טיילמאָל נאַרישקייטן בכדי צו געווינען דעם צוטרוי פון קראַנקן. דער קראַנקער בין איך.

דער גאָרטן אַרום דעם שפּיטאָל איז גרין און פול מיט בלומען. פּראָפּע־סאָרן האָבן פעסטגעשטעלט, אַז גרינקייט ווירקט גוט אויף דער פּסיכיק. ד״ר שמאָק, וועלכער וווינט אין מיין מוח, האָט ליב גרינקייט, ער האָט אויך ליב דעם גערוך פון בלומען. אַמאָל האָט ער ליב געהאַט דעם גערוך פון מיין פאַרברענטן קערפּער.

אָבער עפּעס האָט זיך דאָ געענדערט זייט נעכטן. ווו איז דער גרויסער בנין אָן ווענט, אין וועלכן איך האָב באַגעגנט אַ מאָלער, אַ מוזיקער, אַ געלערנטן? רעמיניסצענצן פון מיין אַמאָליקער וועלט, וועלכע איז געווען פול מיט מוזיק, מיט שיינע ווערטער און מיט פּאָרטרעטן פון שיינע פּרויען.

אויף אַ באַנק זיצט איינער פון די פּראָפעסאָרן, אַן עלטערער מענטש מיט אַ לאַנגער באָרד און מיט טונקעלע ברילן אויף דער נאָז. איך זעץ זיך לעבן אים און ער דערציילט מיר וועגן זיין נייער טעאָריע — ער אַרבעט אַ סך און יעדן טאָג מאַכט ער אַ גרויסע דערפינדונג.

— פאַרטראַכט זיך — זאָגט ער — פאַרטראַכט זיך, וויפל פעלערן מיר באַגייען אין משך פון אונדזער איינמאָליק טראַגיש לעבן. און וואָס איז דאָס אַזוינס אונדזער לעבן? קינדהייט, אַ ביסל יונגע יאָרן, די קורצע רייפקייט — און שוין קומט די עלטער, די אַלטקייט וואָס נעמט ביי אונדז אַוועק דעם געזונטן פאַרשטאַנד; און באַלד דערנאָך קומט דער טויט... און קיין שום מעגלעכקייט צו פאַרריכטן די באַגאַנגענע פעלערן. איך זאָג אייך דאָס, בכדי איר זאָלט קענען פאַרשטיין די באַדייטונג פון מיינע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען, און די באַדייטונג פון זייערע רעזולטאַטן...

איך האָרך שוין נישט ווייטער. איך ווייס, וואָס ער וויל דערציילן, ער האָט עס מיר שוין טויזנט מאָל אויפגעקלערט. ער האָט דערפונדן אַ פּרעפּאַ־ראַט, וואָס וועט פאַרלענגערן דאָס מענטשלעכע לעבן. אַ מענטש וועט איצט קענען לעבן הונדערט יאָר, און דערנאָך וועט ער ווערן פון יאָר צו יאָר

יינגער, און די יאָרן זיינע וועלן זיך ציילן אויף צוריק. צוזאַמען וועט ער לעבן נישט הונדערט, נאָר צווייהונדערט יאָר. און אין זיין צווייטן יאָרהונדערט וועט ער אויסבעסערן אַלע פעלערן, וואָס ער איז באַגאַנגען אין ערשטן יאָרהונדערט. ביים סוף פון זיין צווייטן יאָרהונדערט וועט ער דערגיין נאָך אַ מאָל צו זיין קינדהייט, און ער וועט שטאַרבן ווי אַן אומשולדיק זויגלינג, וואָס איז ריין און פריי פון זכרונות.

אַזוי דערציילט דער אַלטער פּראָפעסאָר און ווען ער ענדיקט, קומען צו אים צו צוויי ברייטפּלייציקע קראַנקן־ברידער און פירן אים אַוועק אין זיין צימער.

אויך איך ענדיק דעם שפּאַציר און קער זיך צוריק צו מיינע ווייסע פיר ווענט, צו דער קראַטע אויפן פענצטער, צו דער טיר, וואָס האָט נאָר איין קליאַמקע — פון דרויסן. און איך זעץ זיך צום טיש, בכדי אָנצושרייבן נאָך איין בלעטל פון מיין טאָג־בוך.

נאָטיצן צו אַ דערציילונג

איך זע אים דערווייל ווי דורך אַ נעפּל — זיין געשטאַלט, זיין פּנים. איך קען אים נאָך נישט, אָבער איך וויל פּרווון אים צו פאַרשטיין. איך זוך שוין אַ שליסל צו זיין נשמה. איך וועל אויף אַ צייט — אפשר אויף אַ וואָך אָדער אויף אַ חודש — פאַרבינדן זיין גורל מיט מיין טעגלעכער אַרבעט: און נאָך מער: אויך מיט מיינע געדאַנקען און געפילן. ס'וועט זיין נאַכט, מענטשן וועלן שלאָפן און חלומען זייערע גוטע אָדער זייערע בייזע חלומות — און איך וועל טראַכטן וועגן אים. כ'וועל זיך מאַטערן מיט מיינע ווערטער און מיט זיין אויסגעטראַכטער טבע. כ'וועל זוכן פאַר אים אַ תיקון. כ'וועל וועלן, ער זאָל זיין שיין און איידל און איך וועל קעמפן מיט זיין יצר־הרע. כ'וועל אויך וועלן, אַז זיין בילד זאָל זיין אמתדיק, און דער אמת וועט פון מיר פאַרלאַנגען, כ'זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָך נישט מער ווי אַ בשר־ודם. כ'וועל וועלן, ער זאָל זיין אַ מוסטער פון אַ מענטש, אָבער ער וועט דאָך מוזן פאַרמאָגן אויך געוויסע חסרונות פון אונדזער דור, פון אונדזער געזעלשאַפט, און ווער ווייסט, צי ער וועט זיך וועלן אָפּזאָגן פון זיינע שוואַכקייטן? ער דאַרף האָבן זיין אייגענע פּערזענלעכקייט, און ער וועט זי מסתמא האָבן, און דאָך איז געוואונטשן, אַז מענטשן (נישט אַלע), וואָס וועלן די דאָזיקע פאַרצייכענונגען לייענען, זאָלן — ערטערווייז, מינוטנווייז — געפינען אין אים זייער אייגענע אָפּשפּיגלונג. עס איז אויך מעגלעך, אַז אין געוויסע האַנדלונגען וועט ער זיין ענלעך צו מיר. ער וועט אפשר זיין בעסער פון מיר. ער וועט אפשר זיין ערגער פון מיר. איך ווייס עס נאָך נישט. איך פּרווו זיך ערשט דערנענטערן צו אים — צו דעם העלד מיינעם, צו דעם העלד פון אַ דערציילונג, וועלכע איך וועל וועגן אים אַמאָל אָנשרייבן, אויב עס וועלן מיר געגעבן ווערן טעג און נעכט, וועלכע נויטיקן

זיך צו אַזאַ אַרבעט. צוערשט פֿאַרצייכן איך די שטריכן צו זיין פּאָרטרעט, אַזוי ווי אַן אַרכיטעקט צייכנט דעם אַלגעמיינעם אָנוואָרף. דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון זיין צוקונפֿטיקער געביידע. נישט מער ווי נאָטיצן — ווייל מען מוז דאָך נישט פֿאַרויסזען אַלץ געגוי ביז צום סוף.

דער חן פֿון מאָרגנדיקן טאָג שטעקט אין דעם, וואָס מיר קענען נאָך נישט פֿאָרויס זיין גאַנצן סודותפֿולן אינהאַלט. מען דאַרף בויען און וועבן אינהאַלטן, וואָס זאָלן זיין ווי אַ לעבעדיקער שטראָמענדיקער טייך, שטראָמענדיק ווי דאָס לעבן אַליין, וואָס ענדערט זיך אין יעדער רגע — אין יעדער רגע, וואָס פֿאַלט אַריין פֿון דער צוקונפֿט גלייך אין עבר, ווייל די קעגנוואַרט איז דאָך נישט מער ווי אַן אידעע, ווי אַ באַגריף. ווייל איך צורופֿן מיין העלד, כ׳וויל אים אייך פֿאַרשטעלן, איר וועט אים באַטראַכטן אין פּראָצעס פֿון זיין ווירקן, איר מעגט אים באַטראַכטן אַזוי ווי מען באַטראַכט אַ לעבעדיקן מענטש, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט געווען נישט מער ווי אַ פֿאַנטאָם. ווען די דאָזיקע עטלעכע זייטלעך נאָטיצן וועלן זיך אויסברייטערן און פֿאַרפֿולקאָמען אין אַ פֿאַרענדיקטע דערציילונג, וועט איר זאָגן, אַז איך האָב געשאַפֿן אַן אמתדיקע געשטאַלט — און איר וועט זיין גערעכט. איר וועט זאָגן, אַז איך האָב אָנגעשריבן נאָך איין ליגן — און איר וועט זיין גערעכט. און אָט זענען די נאָטיצן וועגן אים:

דאָס, וואָס מען דערציילט וועגן אים: ער איז אָנגעקומען צו אונדז אין שטאָט אַריין עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, אין יענער צייט, ווען מענטשן ווי שאָטנס פֿלעגן זיך באַווייזן אויף די גאַסן — נאָך מיט אַ פּחד אין די אויגן, נאָך מיט אומעט אין די אויגן, מיט אומזיכערקייט. און מיט קדיש אויף די ליפּן. מענטשן, וואָס האָבן געוויינט. מענטשן, וואָס האָבן געטראָגן אין זיך דעם גרויסן טרויער נאָך די חורבות פֿון זייער אומגעבראַכטער וועלט. מענטשן, וואָס זענען אַליין געווען חורבות. און ער איז געווען איינער פֿון זיי. איינזאַם ווי אַ סך פֿון זיי. אָפּגעריסן און מיד ווי זיי. און דאָך האָט ער זיך אַ ביסל אויסגעטיילט פֿון כּלל. ער האָט נישט דערציילט קיינעם וועגן דאָזיקן תּהום פֿון גהינום, דורך וועלכן ער איז אַדורך. ער האָט געשוויגן. מיטן גאַנצן אינערלעכן כּוח האָט ער זיך געווענדט צו דער אַרומי-

קער וועלט, צו די אַרומיקע מענטשן. ווען מען האָט אים באַטראַכט, האָט זיך געקאָנט דאַכטן (און אַזוי איז עס מסתמא געווען), אַז ער ליידט נישט פון אייגענעם הונגער — עס ברענט אין אים דער הונגער פון אַנדערע, פון גאַנץ פרעמדע מענטשן, וועלכע ער האָט נאָך נעכטן נישט געקענט. מיט זיין טרוקענעם אָרעם שטיקל ברויט האָט ער נאָך באַוויזן צו טיילן זיך מיט עמיצן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אין יעדער לאַגע, אַפילו אין דער גרעסטער נויט איז איין מענטש נאָך אימשטאַנד צו באַשענקען דעם צווייטן: אויב נישט מיט קיין שום מאַטעריעלע ווערטן, איז מינדעסטנס מיט אַ גוט וואָרט, מיט אַ האַרציקן שמייכל, מיט אַ טרייסט, אָדער מיט אַ פונק פון האָפענונג.

איין מענטש האָט דעמלט געזוכט דעם צווייטן. ער אָבער האָט זיך נישט געלאָזט זוכן. ער איז געווען צווישן מענטשן, און ווו ער האָט זיך באַוויזן, האָט ער געפונען פריינד. עס זענען געווען טעטיק פאַרשיידענע פילאַנטראָפּישע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשיידענע פּראָפעסיאָנעלע כלל-טוער, וואָס האָבן צוגעטיילט הילף פאַר די ניצול-געוואָרענע ייִדן פון אייראָפּע. אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער דאָזיקער הילף. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די וועלט, אונדזער וועלט נויטיקט זיך איצט אין מענטשלעכער מי, אין פרייער אַרבעט, אַרבעט האָט געקאָנט ברענגען אַ מעגלעכקייט צו פאַר־היילן די וווּנדן, אַרבעט — דער איינציקער שאַנס צו געפינען דעם פאַרלוי־רענעם גלויבן אין זין פון לעבן, אַרבעט — וועלכע איז אין אונדזערע צייטן די פּשוטסטע פאָרם, דער פּשוטסטער אויסדרוק פון מענטשלעכע צווישן־באַציִונגען, בפרט ווען די וועלט איז געווען נאָך אַ מבול, נאָך אַ שׂריפה, נאָך אַן ערדציטערניש. נאָך אַ פּעסט. און איך זע אים ביי דער אַרבעט.

איך זע אים אין אַ גרויסן ביוראָ, צווישן פיל אַנדערע מענטשן — אַן ערנסטן און געדולדיקן, אַן אַ פּריוואַט לעבן, פאַרזונקען ביז צו די אויערן אין מענטשלעכע ענינים, אין מענטשלעכע אומגליקן, וואָס שרייען אַרויס פון יעדן בייגעלע פּאַפּיר. און די דאָזיקע בייגעלעך פּאַפּיר זענען אָפּט פאַר־קלעפּט, דער טינט איז ערטערווייז צעשוווּמען — אַ סימן, אַז עמיץ האָט געשריבן און געוויינט ביים שרייבן. לייענט ער די בריוו, אין וועלכע

מענטשן ווענדן זיך מיט בקשות צום דאָזיקן ביורא — עס איז אַ געזעל־שאַפטלעכע, כמעט מלוכהשע אינסטיטוציע — מענטשן זוכן דאָ הילף, מענטשן זוכן דאָ אַ פריינדלעכע האַנט, מענטשן בעטן דאָ מען זאָל זיי פאַר־טיידיקן פאַר אַנדערע מענטשן, מענטשן האָבן נישט ווו צו וווינען, מענטשן זענען הונגעריק און באָרוועס, מענטשן מיט קראַנקע גופים און קראַנקע נשמות. איך זע אים אין זיין טעגלעכער אַרבעט — מען קען אים שוין אין דער שטאָט, ער איז אַ מליץ־יושר, ער קלאַפּט אין פאַרשיידענע טירן, ער בעט און ער פאַרלאַנגט, ער פירט אַ קאַמף קעגן דער מענטשלעכער גלייכ־גילטיקייט — ער, דער פּאָזיטיווער העלד מיינער. זיין אַרבעט, זיין טעטיקייט האָט אים געמאַכט אַ שם. זיין נאָמען ווערט צוטרוי. איינמאָל איז צו אים געקומען אַ רייכער ספּעקולאַנט, געזוכט ביי אים אינטערוועניץ אין זיינע שמוציקע געשעפטן, פאַרגעלייגט אַ גרויסן כאַבאַר — נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו באַהאַלטן זיין פּאָרטפעל און זיין פאַלשן שמייכל, האָט ער געמוזט אַנטלויפן. אין דאָזיקן ביורא האָט מען קיין כאַבאַר נישט גענומען.

אין יענעם הויז, ווו ער האָט געוווינט אין אַ קליין בוידעם־שטיבל, איז געשטאָרבן אַ ייד. ער איז געווען שווער קראַנק, ביינאַכט פלעגט ער זיך וועקן מיט אַן אויסטערליש געשריי, יעדע נאַכט האָבן אים באַזוכט די דייטשן פון געסטאַפּאָ, זיי פלעגן אַוועקגיין און צוריקקומען, זיי האָבן אים געהייסן לויפן אויפן קאַלטן בעטאָן און פלעגן אים שלאָגן מיט לעדערנע פייטשן. יעדע נאַכט האָט דער קראַנקער ייד געהערט זייערע טריט און מורא געהאַט צו ליגן אויפן בעט, פלעגט ער זיך לייגן אויפן דיל און זען זייערע שטיוול, זייערע גלאַנציקע כאַלעוועס, און לעבן זיי זענען געשטאַנען די הינט, האָט ער געזען די דייטשישע מאָרדעס און ער האָט געפילט זייערע הינטישע אָטעמס און געהערט זייער בילן. דער דאָזיקער ייד איז גע־שטאָרבן און האָט פאַריתומט אַ יונגע, אפשר אַכצן־יאָריקע טאָכטער, און אויך זיין אַלטע מוטער איז פאַרבליבן נאָך אים, אַן אַלטע קראַנקע יידענע מיט אַ בעלמע אויףביידע אויגן. פלעגט מיין העלד זיי טייל מאָל באַזוכן, ער פלעגט זיי אַריינטראָגן וועלכע גראָשן, טייל מאָל אַ ברייטל אָדער אַ ביסל שפּייז. זיי זענען געווען אָרעם און הילפלאָז. ווען ער פלעגט אַרויסגיין

צו דער אַרבעט, האָט די יתומה אויפגעראַמט זיין צימער און געוואַשן זיין וועש. און אַזוי האָט עס געדויערט עטלעכע וואָכן.

איינמאָל שפּעט אין אָוונט איז ער אַהיימגעקומען אַ מידער, אין צימערל איז געווען ליכטיק און וואַרעם, די יונגע שכנטע איז געזעסן ביים טיש און געצערעוועט זיינע זאַקן. ער האָט זי אַ ווײַלע באַטראַכט שווייגנדיק — ביידע האָבן זיי געשוויגן, און די דאָזיקע שווייגעניש איז געווען פול מיט שפּאַנונג און מיט דערוואַרטונג. זי איז געווען אַ שיינע, אַ שוואַרצאויגיקע שיינקייט מיט אַ לאַנגן צאָפּ האָר, איר פּנים איז געווען פול מיט יונגן יידישן חן. איר אָנוועזנהייט האָט אים פּלוצים אָנגעפילט מיט אַ טיפער אינערלעכער פרייד. אין דער דאָזיקער רגע האָט ער זיך אָפּגעגעבן חשבון, אַז ער איז זייער איינזאַם און אַז ער וואָלט געווען גליקלעך, ווען ער וואָלט די דאָזיקע יונגע בת־מלכּה גענומען אין די אָרעמס, צוגעפּאַלן צו איר מיט די דורשטיקע ליפּן, וועלכע האָבן זינט יאָרן נישט געקושט קיינעם, און מיט די הונגעריקע הענט, וועלכע האָבן זינט יאָרן נישט געצערטלט קיין שום פרוי.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער ווערט שוין באַלד אַ בן־שלושים און אַז עס איז שוין נאָך דער מלחמה, און ווען ער באַגעגנט טייל מאָל אויף דער גאַס קליינע שטיפנדיקע יאַטלעך, טראַכט ער, אַז אָן די דאָזיקע קינדער וואָלט דאָס לעבן נישט געהאַט קיין זין און נישט קיין צוקונפט. איז ער אַזוי אין יענעם אָוונט געשטאַנען אַ שווייגנדיקער אַנטקעגן דער יונגער שיינער מויד, און זי האָט ענדלעך די שווייגעניש איבערגעריסן, זי איז צו אים צוגעגאַנגען נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז ער האָט געפילט דעם ריח און דעם באַריר פון איר יונגן לײַב, און זי האָט געזאָגט: „מיר וואָלטן אומגעקומען, איך האָב מיין בלינדע באָבע, ווען נישט איר. איר זענט אַ גוטער, אַ גוטער און איך וויל אייך באַדאַנקען דערפאַר, וואָס איר טוט פאַר אונדז. איך וויל אייך ליב האָבן, אַזוי ווי אַ פרוי האָט ליב אַ מאַן. קוקט נישט אויף מיר אַזוי, איך בין שוין נישט קיין קינד, איך בין שוין אַ דערוואַקסענע". און זי האָט זיך נאָך נענטער צוגערוקט צו אים און ער איז געווען פול מיט באַגער און פול מיט ליידנשאַפט. אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז צו אים געקומען צאָלן אַ חוב, זי האָט אים געוואָלט צוטראָגן אַ קרבן און ער האָט נישט געקאָנט אָננעמען פון איר, ווייל דאָס וואָלט געווען זיין ירידה און זיין מפּלה.

ער האָט דערנענטערט די ליפּן צו איר שטערן און מיט אַ לייכטן קוש האָט ער זי אָפּגעזעגנט. ער האָט נישט געוואַרט ביז זי וועט פאַרלאָזן דאָס צימערל, ער איז אַרויסגעגאַנגען דער ערשטער און ביז אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער געבלאָנקעט אין די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט. אין שײַן פון דער לבנה האָט ער געזוכט אַ באַרויִקונג.

די נאַכט איז געווען אַ וואַרעמע, אַ פרילינגדיקע נאַכט. ער האָט באַ־געגנט אַ גאַסן־מויד און אַרומשפּאַצירט מיט איר ביז צום קאַיאַר — זי האָט אים דערציילט וועגן איר לעבן און ער האָט געהאָרכט. דערנאָך האָט ער איר דערציילט וועגן דער שיינקייט פון דער וועלט און זי האָט געהאָרכט. ער האָט מיט איר גערעדט ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער, און דעד דאָזיקער אויסטערלישער דיאַלאָג האָט זיי ביידן גוט געמאַכט — ער האָט פאַרגעסן וועגן זײַן איינזאַמקייט און זי האָט פאַרגעסן וועגן איר נעבעכדיקער פּראָפעסיע. אַזאַ איז ער געווען. ער האָט שוין נישט איין מאָל באַגעגנט מענטשן פון דעם אַזוי גערופענעם געזעלשאַפטלעכן ראַנד, מענטשן אויסגע־שלאָסענע פון כּלל, אויסוואורפן נישט פון אייגענעם ווילן, מענטשן קאַליקעס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מזלדיקן גורל. מיט יעדן איינציקן פון זיי האָט ער גערעדט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן. אויף אַ ווײַלע — און אפשר אויף לענגער — האָט ער זיי געהאָלפן געפינען דעם פאַרלוירענעם גלויבן אין די גוטע מעלות פון דער וועלט.

ער האָט ליב געהאַט די וועלט און ער האָט נישט געהאַט קיין שונאים, אַחוץ יענע, וועלכע האָבן חרוב געמאַכט זײַן עבר. אָבער יענע זענען אַוועק, ס׳איז שוין געווען אַ צײַט נאָך דער מלחמה, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויפבויען די חרובע וועלט — הייסט אויך אויפבויען דעם צוטרוי פון מענטש צו מענטש. ער האָט געלעבט באַשיידן און געשעפּט פרייד פון דעם, וואָס איז געווען אַרום אים און צוטרעטלעך פאַר אים און צוטרעטלעך פאַר יעדן איינציקן אָרעמסטן בשר־ודם: פון דער פרייהייט, פון ריח פון פרישן ברויט, פון דעם זוניקן פרימאָרגן, פון דער גרינקייט אין שטאָטישן גאָרטן. ער האָט געגלייבט אין דער צוקונפט און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך זייער יונג, און אַז די יאָרן, וועלכע וועלן קומען, וועלן זײַן גינסטיק

און וועלן ברענגען פיל וווּנדערבאַרע סיורפּריזן. די צוקונפט איז פאַר אים געווען אַ טרוים אָן פּרטים. ווייל ער האָט אַליין נישט געוווּסט, אויף וואָס ער וואַרט און האָפט. אפשר האָט ער געוואַרט אויף אַ גרויסער מיט־רייסנדיקער ליבע?

און איך זע אים ווידער אין אַ פּאָר יאָר אַרום. זיין מי און זיין גוטער ווילן האָבן אים פאַרשאַפט כּבוד און פאַרטיפט דעם צוטרוי צו אים. זיין שם איז געוואַקסן. מען האָט אים געשעצט אין אַלע אַמטן פון דער שטאָט, מענטשן האָבן אים ליב געהאַט. זיין באַשיידענע אַרבעטס־שטעלע האָט זיך געענדערט. ער איז אויסגעוואַקסן אויף איינעם פון די אָנפירנדיקע מענטשן אין שטאָט. ער האָט איצט אַמטירט אין אַ פּרעכטיקן קאַבינעט. איבער זיין שרייבטיש איז געהאַנגען אַ גרויסער קרישטאָלענער הענגלייכטער, אויף די ווענט זענען געווען שיינע בילדער, אין די ווייכע פאָטעלן איז מען דאָרט געזעסן ווי אין אַ פעסל פעדערן. ער האָט איצט געהאַט אַ סך מער פליכטן ווי אַמאָל. ער האָט איצט געטראָגן גרויס אחריות פאַר פאַרשיידענע וויכטיקע ענינים. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט קראַנקע זקנות און מיט מענטשן אָרעמע. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט פאַר יחידים.

צווישן אים און יענע, וועלכע האָבן מיט אים געוואָלט רעדן, איז גע־שטאַנען אַ געטרייע שטרענגע סעקרעטאַרשע. זי האָט געוואַכט, אַז קיינער זאָל נישט שטערן זיי רו, ווען ער איז פאַרנומען מיט ערנסטע קאָנפערענצן, אָדער ווען ער עסט פרישטיק. און ער אַליין האָט שוין דערווייל אויפגעהערט צו זיין איבערצייגט, אַז ער איז נאָך יונג. ווען ער איז אַלט געוואָרן פערציק יאָר, האָט ער אַלץ אָפטער געפילט, אַז ער איז מיד. ער האָט שוין נישט געטראַכט וועגן די גליקלעכע סיורפּריזן, וועלכע וואַרטן אויף אים אין דער צוקונפט. דער קאַלענדאַר פלעגט אין אים וועקן טריבע מחשבות: דאָס לעבן דויערט נישט אייביק.

אין אַ געוויסן טאָג האָט ער איבערגעלייענט אין דער צייטונג אַ נעקראָלאָג — געשטאָרבן איז איינער פון זיינע פריינד, אַ יינגערער פון אים, און די דאָזיקע ידיעה האָט אויף אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. אויף דער

לוויה פון פאַרשטאָרבענעם איז ער נישט געגאַנגען, אָבער ער האָט לאַנג וועגן אים געטראַכט. דערנאָך האָט ער לאַנג אַריינגעקוקט אין שפּיגל און צום ערשטן מאָל האָט אים אויפגערעגט דער באַוווּסטזיין, אַז ער האָט אַ פּליך און אַז זיין פּנים איז שוין פול מיט קנייטשן. טייל מאָל פלעגט ער פילן אַ טעמפּן ווייטיק אין דער רעכטער זייט פון בויך. מעגלעך, אַז די לעבער איז ביי אים געווען קראַנק. ער האָט אויך באַמערקט, אַז אינדערפרי האָט ער אַ קרענקלעך־ווייסע צונג. ער פלעגט שלעכט שלאָפן און אָפט האָט ער געהאַט אויסטערלישע חלומות.

ער האָט געקוקט דורכן פענצטער פון זיין שטילן קאַבינעט, געזען דורכגייענדיקע יונגע מענטשן, יונגע פּאָרלעך — אויף זייערע פּנימער האָט געשפּראָצט די זאָרגלאָזע פרייד פון לעבן. האָט ער זיך אומגעקערט מיט די געדאַנקען צו זיין אייגענער יוגנט און געזען בלויז טריבע כמאַרעס, אָרעמקייט, פּריצייטיקע זאָרגן. אין אַזאַ מינוט פון דערמאָנונג האָט ער זיך געפילט ווי אַ באַרויבטער. שווייגנדיק, אויסמיידנדיק דעם פרעגנדיקן בליק פון דער געטרייער סעקרעטאַרשע, פלעגט ער פאַרלאָזן דאָס ביוראָ. אונטן אויף דער גאַס האָט אויף אים געוואַרט זיין דינסטלעכער אויטאָמאָביל מיט אַ שאָפער. אָבער גראָד אין אַזאַ מינוט האָט ער נישט געוואָלט געניסן פון אויטאָ. ער האָט ווידער געוואָלט זיין דער זעלבער ווי מיט צען יאָר צוריק. ווידער צווישן מענטשן. איז ער געגאַנגען צופוס — געזוכט אין זיך די גוטמוטיקע שטימונג פון אַמאָל, געזוכט די זעלבע מענטשן, מיט וועלכע ער פלעגט רעדן מיט יאָרן צוריק — פּונקט ווי מען וואָלט געקאָנט נאָך אַזאַ לאַנגער צייט ווידער באַגעגענען דעם זעלבן טאָג, וואָס איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען, אָדער די זעלבע ווערטער און שטימונגען.

עפּעס האָט אים געפעלט און ער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס פעלט אים. ווייל אין פּראַקטישן זין פון וואָרט האָט ער דאָך איצט געהאַט אַלץ, וואָס איז אים געווען נויטיק צו אַ באַקוועמער עקזיסטענץ. ער האָט שוין נישט געוווינט אין יענעם בוידעם־שטיבל, ער האָט איצט פאַרנומען אַ שיינע וווינונג, ער האָט געהאַט אַן אויטאָ פאַר זיינע באַדערפעניש, אינגיכן וועט ער זיך קויפן אַ פּריוואַטן וואָגן; צו דעם וואָס ער האָט, וואָס ער

באַזיצט, דאַרף מען נאָך צורעכענען די שיינע סעקרעטאַרשע, וועלכע פלעגט מיט אים פאַרברענגען צוויי אָונטן אין דער וואָך. ער האָט געהאַט שיינע מלבושים און געגעסן אין אַ גוטן רעסטאָראַן.

וואָס נאָך קאָן פאַרלאַנגען אַ מענטש, וועמענס עלטערן האָבן קיין מאָל נישט געהאַט קיין ברויט צו דער זעט? פאַרוואָס־זשע איז ער נישט געווען צופרידן פון זיך און פון דער וועלט? ער, דער אַמאָליקער ענטוזיאַסט פון לעבן... אפשר האָט ער געזוכט אין זיך און אַרום זיך די אייגענע יוגנט, וועלכע איז ערגעץ אונטערוועגנס פאַרלוירן געוואָרן? און אפשר איז ער נישט צופרידן געווען פון זיך, ווייל ער האָט געפילט, אַז אַזוי ווי די בלעטער פון אַ האַרבסטיקן בוים, פאַלט פון אים אַראָפּ די אַמאָליקע פילבאַרקייט, די פעיִקייט צו איבערנעמען זיך מיט פרעמדע ענינים און מיט פרעמדע ליידן — ער פילט, אַז עס וואַקסט אין אים אַ גלייכגילטיקייט און ער שרעקט זיך פאַר איר. עס דאַכט זיך אים, אַז זינט אַ געוויסער צייט טראָגט ער אין ברוסטקאַסטן אַ שטיק אײַז, אַנשטאָט אַ וואַרעם האַרץ. אָ, ער וויל אויך היינט זיין גוט, גוט און גוטמוטיק ווי אַמאָל. און מיט שרעק און אַנטוישונג שטעלט ער פעסט, אַז דאָס איז היינט איבער זיינע כּוחות.

ער האָט אַזוי ליב צו באַטראַכטן קליינע קינדער, זייערע ערשטע טריט אין שטאָטישן גאָרטן, זייערע ערשטע זיסע ווערטער וועקן אין אים די בעסטע געפילן. און דאָ ערשט נישט לאַנג האָט אים די סעקרעטאַרשע געזאָגט, אַז זי איז שוואַנגער. אין אירע שטילע, עטוואָס שעמעוודיקע ווערטער האָט ער דערהערט עטלעכע גלייכצייטיקע טענער: דעם טאָן פון רירנדיקער פרייד און פון רירנדיקער בקשה. זי האָט אויף אים געקוקט מיט דערוואַרטונג, זי האָט געוואָלט האָבן דאָס קינד, זיין קינד. אָבער ער האָט זיך פּלוצים דערשראָקן, אַז דורך דעם דאָזיקן באַשעפעניש, וואָס וועט געבוירן ווערן, וועט ער פאַרלירן זיין ביז איצטיקע אומאָפּהענגיקייט, ער וועט זיך דעמלט מוזן פאַרבינדן מיט דער דאָזיקער פרוי אויף תּמיד. און אין איין מינוט איז ער געוואָרן האַרט און גראָבהויטיק, האַרט און אומ־בויגזאַם, ער האָט איר שטרענג אָפּגעזאָגט דאָס רעכט פון מוטערשאַפט.

אַליין האָט ער זי אָוועקגעפירט צו אַ דאָקטער, וועלכער האָט פון איר לייַב אַרויסגעריסן דאָס נייע אַנטשטאַנענע שטיק לעבן צוזאַמען מיט איר האָפענונג. און ער האָט דערנאָך לאַנג געפילט איר האַס און ער האָט פאַר־שטאַנען, אַז עס איז אַ באַרעכטיקטער האַס. עטלעכע וואָכן האָט זי אים נישט באַזוכט, אָבער אין אַ געוויסן אָוונט איז זי ווידער געקומען און זיי האָבן שוין מער נישט גערעדט וועגן דעם שלעכטן, וואָס האָט צווישן זיי פּאַסירט. זי האָט עס אָבער נישט פאַרגעסן, און אויך ער האָט עס נישט פאַרגעסן. ער האָט אָפט וועגן דעם געטראַכט און טייל מאָל אַפילו באַדויערט. דאָס געוויסן האָט אים נישט געגעבן קיין רו. פלעגט ער זוכן פאַר זיך אַ פאַר־טיידיקונג: מען איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש...

אָט אַזוי אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר זיין געשטאַלט. בכלל איז ער אַ מענטש אַ גוטער און ערלעכער. אָבער אויך די דאָזיקע מעלות קאָנען קיינעם נישט באַשיצן פאַר קלענערע אָדער גרעסערע פעלערן. און אפשר זענען עס נישט זיינע פעלערן, נאָר מיינע? די פסיכאָלאָגיש פעלערן פון מחבר? אפשר האָב איך שלעכט געקערעוועט מיט זיינע טריט? מעגלעך. אויב ס׳איז טאַקע אַזוי, מוז איך ביי אים בעטן מחילה. איך מיין אָבער, אַז עס איז פאַראַן אַזאַ אָרט און אַזאַ צייט אין מענטשלעכן לעבן, ווען די אָנערקענונג און דער כבוד און די דערפאָלגן ברעכן מאָראַליש דעם מענטשן, עפּעס הייבט אָן טרעשטשען און סקריפּען אינעם רוקנביין, עפּעס פּלאַצט, אַלץ איז מכלומרשט פונקט אַזוי ווי נעכטן און אייערנעכטן, אָבער דער מענטש פון באַקוועמען קאַבינעט איז שוין נישט דער זעלבער, זיין באַשיידנ־קייט איז ערגעץ נעלם געוואָרן, זיין שטאָלצקייט וואַקסט, זיין גאווה, ער איז פאַר אונדז געוואָרן אומגעדולדיק און נערוועז — אפשר דערפאַר, ווייל ער איז מיד? אפשר דערפאַר, ווייל ער עלטערט זיך? און אפשר איז ער נישט גענוג רייף, נישט גענוג אימוניזירט, נישט גענוג געאימפט און ווידער־שטאַנדס־פעיִק קעגן די מפלות פון דערפאָלג? זיין סעקרעטאַרשע געדענקט אַז מען טאָר אים נישט שטערן ווען ער טרינקט זיין קאַווע. אַלע אָנגעשטעלטע געדענקען וועגן זיין געבורטסטאָג און טראָגן אים צו ווונטשן, בלומען און מתנות — כאָטש קיינער געדענקט נישט וועגן דעם געבורטסטאָג פון אַלטן

וועכטער, וועלכער שטייטביים טויער פון ביורא. און ער אַליין, מיין העלד? אַמאָל האָט ער געזען אַרום זיך פיל לעבעדיקע מענטשן. וועמען זעט ער היינט?

איינמאָל האָט אים באַזוכט אַן אַלטער גוטער פריינד, אַן אַלטער באַקאַנטער פון יענע אָרעמע באַשיידענע צייטן. ער איז געקומען אַ שעמעוודיקער, כּמעט אַן איבערגעשראָקענער, די סעקרעטאַרשע האָט זיך לאַנג געוואַקלט, ביז זי האָט אים אַריינגעלאָזט דורך דער טיר פון שיינעם שטילן קאַבינעט. זיי האָבן זיך באַגריסט אויף אַ מאָדנעם אופן — דער אָנגעקומענער האָט זיך צוערשט דערפרייט, אָבער דאָס ערנסטע פרעמדע געזיכט, וואָס איז געווען אָנגעבויגן איבערן שרייבטיש, האָט אים אָפּגעקילט. אַמאָל זענען זיי געווען צוויי האַרציקע פריינד, זיי האָבן זיך דעמלט גוט פאַרשטאַנען. היינט איז צווישן זיי געווען אַ וואַנט פון שטייפקייט. דער אָנגעקומענער האָט זיך געפּלאָנטערט אין די רייד. ער איז נישט געקומען סתּם אַזוי כאַפּן אַ שמועס. ער איז געקומען מיט אַן אינטערעס. ער איז געווען קראַנק, די בת־יחידה זיינע איז איצט געווען דער איינציקער מפרנס, איז ער געקומען זוכן פאַר איר אַ גוטע שטעלע. ער האָט געשמייכלט, אָבער ס'איז געווען אַ געצוווּנגענער שמייכל.

דער טעלעפאָן האָט זיך פּלוצים צעקלונגען, די סעקרעטאַרשע איז אַריינגעקומען דערמאָנען, אַז באַלד וועט פאָרקומען אַ וויכטיקע קאָנפערענץ, דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט איין אויג געקוקט אויף דער טיר, ער האָט געוואַרט אויף אַ גוט וואָרט. די ווייסע האַנט אויפן שרייבטיש האָט עפּעס פאַרצייכנט אין נאָטיץ־בוך, דער אַמאָליקער פריינד האָט געזאָגט, אַז ער וועט געדענקען, ער וועט טראַכטן, זאָל די טאָכטער קומען מאָרגן, מעג זיין פאַרנאַכט, דעמלט וועט ער האָבן מער צייט און ער וועט זען, וואָס מען קאָן פאַר איר טאָן.

און זי איז געקומען. ער איז געזעסן אין זיין קאַבינעט און געוואַרט. די סעקרעטאַרשע און די אָנגעשטעלטע זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, ער איז

געווען אַליין אין גרויסן שטילן ביוראָ. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער — אינדרויסן האָט גערעגנט, ס'איז געווען אַ האַרבסטיקער פּאַרנאַכט. עס האָט זיך געפילט אַן אומעט — אפשר איז עס געווען דער אומעט פון זיין איינזאַמקייט. אין דער דאָזיקער מעלאַנכאָלישער שטימונג האָט ער געפונען אַ ווייטע דערמאָנונג פון אַן אַנדערן האַרבסט — ער איז נאָך דעמלט געווען יונג, יונג און איידל, ער האָט נאָך דעמלט געגלייבט אין ניסים, ער איז געווען הונגעריק, דריי טעג האָט ער נישט געהאַט קיין ביסן אין מויל, ווי אַ שיכּורער האָט ער געוואַנדערט דורך די שטאָטישע סקווערן, דער בלעטערפאַל האָט געשאָרכט אונטער די פיס. אינעווייניק, אין די איינגעווייַדן און אין האַרץ האָט ער געהערט דאָס וואָיען פון דער אייגענער פאַר־צווייפלונג. און איצט שטייט ערביים פענצטער און קוקט אויף דער גאַס. ער זעט: דער פריינד קומט אָן מיט זיין טאָכטער. דער פריינד איז געבליבן אינדרויסן, די טאָכטער איז פאַרשוונדן אין טויער פון דער געביידע. און באַלד האָט זי אָנגעקלאַפּט. אַ יונגע און שיינע זי דערזען אין דער אָפענער טיר.

אַ הויכע און שלאַנקע, אַ יונגע און שיינע — און ער האָט זיך דער־פרייט מיט איר שיינקייט, און ער האָט זיך דערפרייט, אַז זי איז יונג, ער האָט צו איר אויסגעצויגן די אָרעמס, ווי אַ הונגעריקער ציט אויס די האַנט צו ברויט, ווי אַ דורשטיקער צו וואַסער. זי האָט זיך נישט געווערט, זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין לעבן מוז מען פאַר אַלץ צאָלן, אויך דעמלט ווען מען האָט צו טאָן מיט דעם טאַטנס אַן אַלטן פריינד. ווען זי האָט זיך שוין אָנגעטאָן, האָט ער געפרעגט, צי זי באַדויערט נישט, וואָס זי איז געקומען. ניין, זי האָט נישט באַדויערט, כאָטש זי האָט זיך אַ ביסל אַנדערש פאָרגעשטעלט דעם פאָטערס פריינד. זי פאַרשטייט, אַז קיינער איז נישט הייליק. זי האָט זיך געזעגנט, ער האָט איר דערלאַנגט אַ פּאָר ווערטער אויף אַ בייגעלע פּאַפּיר — דאָס איז געווען די שטעלע. זי איז אַרויס פון קאַבינעט אַ צופרידענע. ער איז ווידער געבליבן אַליין און לאַנג איז ער געזעסן אין דער פינצטער. און געפילט האָט ער זיך אַזוי, ווי עס פילט זיך אַ פאַרשפּילטער מענטש נאָך זיין גרויסער מפּלה.

און דאָ רייס איך איבער (אפשר בלויז אויף אַ צייט) די נאָטיצן צום פּאָרטרעט פון מיין העלד. דאָ ווינטש איך אים אַ גוטע נאַכט און איך אַליין גיי אויך שלאָפן, ווייל אויך פאַר מיר איז שוין נאָך חצות — אויך איך בין שוין מיד. און וואָס וועט זיין מיט מיין פּאָרטרעט? ווייס איך? אפשר וועט אַמאָל קומען אַ פאַרלעגער און פאָרלייגן, איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ ראָמאַן — וועל איך דעמלט נעמען די דאָזיקע נאָטיצן און אָנהייבן שרייבן אַ בוך. און דעמלט וועלן מיר זיך פאַרטראַכטן וועגן דער צוקונפט פון אונדזער העלד. איך מיין, אַז מען וועט אים דאַרפן געבן אַ שאַנס: אפשר וועט ער וועלן תשובה טאָן? און דעמלט וועלן מיר אויך אויסטראַכטן פאַר אים אַ נאָמען, בכדי יעדער לייענער זאָל קענען וויסן מיט וועמען ער האָט צו טאָן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ איז נישט אַזוי פשוט. ווייל ווו נעמט מען אין אונדזערע צייטן אַ פאַרלעגער, וועלכער זאָל זיך ווענדן צו אַ יידישן שרייבער וועגן אַ נייעם ראָמאַן? ס'זענען שוין דאָ גענוג ראָמאַנען. מען דאַרף נישט מער.

אַ מעשׂה מיט אַ ראָזענקראַנץ

מיין פריינד לעאָן ראָזענקראַנץ איז אַ נייער עולה. ער איז געקומען פון פוילן ביים סוף פון די זעכציקער יאָרן, נאָך דער יום־כּיפּור־מלחמה. ער איז שוין נישט קיין יונגערמאַן, ער האָט שוין מסתּמא לאַנג פאַרגעסן ווען ער איז אַלט געוועזן פופציק. איך האָב אים קיין מאָל נישט געפרעגט וויפל ער איז אַלט, ווייל ער האָט דאָס פיינט. ווען מען פרעגט אים וויפל ער איז אַלט, פרעגט ער צוריק, צי מען וויל אים רעדן אַ שידוך.

זיין פאַרגאַנגענהייט איז, קען מען זאָגן, אַ קרימינעלע. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געזעסן אין דער פוילישער תּפיסה פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. ער האָט געוואָלט גליקלעך מאַכן דאָס פוילישע פאָלק דורך אַ פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. אָבער די פּאָליאַקן האָבן נישט געוווסט וואָס גוט איז, זיי האָבן נישט געוואָלט קיין רעוואָלוציע. און אין ראַטן־פאַרבאַנד איז לעאָן אויך געזעסן — דאָס מאָל פאַר מכּלומרשטער קאָנטער־רעוואָלוציע. פאַקטיש איז ער געזעסן פאַר „פּיסק", דאָס הייסט פאַר רעדן — ער האָט צופיל גערעדט, און נישט דאָס וואָס מען האָט געמעגט רעדן. עמיץ האָט אויף אים אָנגעשריבן אַ דאָנאָס, אַז ער האָט זיך שלעכט אויסגעדריקט וועגן דער סאָוויעטישער מאַכט. און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער ווידער געזעסן, דאָס מאָל אין דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער רעפּובליק, דערפאַר וואָס ער האָט מיט אַ מיאוס וואָרט באַצייכנט איינעם אַן אַלוועלטלעכן אָנפירער פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג און בכלל פון דער גאַנצער מענטשהייט. צוזאַמען איז ער אָפּגעזעסן אין זיין לעבן אַכצן יאָר צוויי חדשים און עלף טעג. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס לוינט נישט צו באַגליקן די מענטשהייט מיט פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס, און עס איז נישט כּדאַי צו באַנוצן זיך מיט מיאוסע ווערטער.

קיין ישׂראל איז ער געקומען נישט אַזויפיל צוליב בענקשאַפט צום לאַנד פון אונדזערע אָבות, ווי אויף צעפּיקעניש די אַנטיסעמיטן פון דער פּוילישער רעגירנדיקער פּאַרטיי.

ער איז געקומען קיין ירושלים, און דערזעענדיק צום ערשטן מאָל די גאָלדיקע בערגלעך אַרום דער שטאָט, האָט ער זיך צעוויינט, אַזוי האָט דאָס אים צענומען. ער האָט זיך געקויפט אַ תּנ״ך און די מאַפּע פון ישׂראל. יעדע אָרטשאַפט, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש, האָט ער געזוכט אויף דער מאַפּע און דערנאָך פלעגט ער פאָרן זען אויפן אָרט, ווי אַזוי עס זעט אויס די באַרימטע שטאָט אשקלון און ווי אַזוי די שטאָט צפת. און ער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז פון דער שיינער שטאָט קיסריה זענען פאַרבליבן בלויז עטלעכע פראַגמענטן פון אַמפיטעאַטער, און פון די מעכטיקע פאַרטיפיקאַציעס און פּאַלאַצן אין חצור — נישט מער ווי אַ קופּע שטיינער. ער האָט אויף ס׳ניי אָנגעהויבן צו לייענען „די יידישע מלחמה״ פון פלאַוויוס, צוויי וואָכן האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבערן גליל, אין דער געגנט פון טבריה און ים כּנרת, בכדי צו קענען געניטער זיך צוציגענען די אויטענטישקייט פון דער געשיכטע. ווען די רוימער האָבן באַזיגט דעם גליל און פלאַוויוס איז גענומען געוואָרן אין געפאַנגענ־שאַפט, איז מיין פריינד געגאַנגען צופוס קיין ירושלים, בכדי צו זיין מיט די באַלאַגערטע יידן.

ער פלעגט שעהן־לאַנג זיצן אויפן הר־הבית אין שאָטן פון איסלאַמישן מוזיי, פאַר זיך האָט ער געזען דעם מעטשעט אל־אַקסאַ, די גילדענע קאָפּול פון אָמאַרס מעטשעט, דאָרט געפינט זיך דער גרויסער פלאַכער פעלדז, אויף וועלכן אברהם אָבינו האָט שיעור נישט געשאָכטן זיין זון יצחק. פון דעם דאָזיקן שטיין איז מאַהאַמעד אַרויפגעפלויגן אין הימל אַריין, ווען עס איז אים נימאס געוואָרן דאָס לעבן צווישן מענטשן. און אונטן — דער כּותל המערבי.

לעאָן ראָזענקראַנץ איז אַרומגעגאַנגען אין די שמאָלע געסלעך פון אַלט־ירושלים און אַדורכגעלעבט שעהן ערנסטע און אומפאַרגלייכלעכע, אינהאַלטספולע. דער תּנ״ך און די געשיכטע פון פאָלק האָבן זיך אין זיין דמיון געבונדן אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט.

ער האָט ליב באַקומען דאָס דאָזיקע לאַנד, די לאַנדשאַפט, די געשיכטע, די מענטשן — אַלטע יידן מיט פאות צעווייעטע אויפן ווינט, זקנים פון בוכאַרע, איראַק און פערסיע, מיט מיטלאַלטערלעכע טורבאַנען אויף די קעפ, שווייגנדיקע אַראַבער מיט ווייסע פאַטשיילעס, טונקל־הויטיקע, שוואַרץ־האָריקע און שוואַרץ־אויגיקע ספרדים — אַ פאָלק.

דער דאָזיקער פלאַם, דער אויפברויז פון זיין נאַציאָנאַלער ליבע האָט געדויערט אייניקע חדשים, און גאַנץ אומדערוואַרט האָט ער זיך פאַר־ענדיקט. ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָט ער מיר דערציילט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אַזוי בייזווייליק און נודנע, אַז איך פלעג פון אים אַנטלויפן כּדי נישט צו מוזן אויסהערן זיינע רייד. דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן אין יענעם טאָג, ווען ער האָט באַשלאָסן צו זוכן אַרבעט. אין לשכּת־העבודה האָט מען אים געפרעגט וואָס ער קאָן טאָן און וואָסאַרן באַרוף ער האָט. אין זיין פריערדיק פאָטערלאַנד איז ער געווען אַ זשורנאַ־ליסט, געשריבן וועגן אינדוסטריע, ווירטשאַפט, עקאָנאָמיק. כ׳ווייס נישט, צי ער איז געווען אַ גוטער בעל־מלאָכה, צי אַ שלעכטער, ווייל איך האָב קיין מאָל אין לעבן נישט געלייענט קיין עקאָנאָמישע ליטעראַטור. האָט מען אים אין דאָזיקן ביוראָ דערקלערט, אַז מאָמענטאַל איז נישט פאַראַן קיין גרויסע נאָכפראַגע אויף זשורנאַליסטן פון מיזרח־איראָפּע, ווייל די קוואַלי־פיקאַציעס וועלכע זיי פאַרמאָגן, זענען נישט גענוגנדיקע צו אַרבעטן אין דער פרעסע פון אַ דעמאָקראַטיש און פריי לאַנד. אָבער פּרווון דאַרף מען. ער האָט באַקומען עטלעכע אַדרעסן און געלאָזט זיך זוכן גליק.

אין ערשטן ביוראָ האָט מען אים געהייסן וואַרטן, ווייל דער קאָמפּע־טענטער מענטש איז גראָד געווען פאַרנומען. ער האָט זיך צוגערוקט אַ בענקל און געוואָלט זיך זעצן, צוּוואַרטן, אָבער די סעקרעטאַרשע האָט אים אויפגעקלערט, אַז וואַרטן דאַרף מען אויף יענער זייט פון דער טיר, דאָס הייסט אין קאָרידאָר. האָט ער זיך באַליידיקט און איז אַוועק. אויפן צווייטן אָרט איז שוין געווען אַ ביסל בעסער. דער קאָמפּעטענטער מענטש האָט אים אויפגענומען און אויסגעפרעגט גענוי ווו ער האָט געאַרבעט און וואָס ער האָט געטאָן און צי עס געפעלט אים ביי אונדז אין לאַנד. דערנאָך האָט ער אים פאַרגעלייגט אַ באַשעפטיקונג, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס גאַנץ נאָענט פאַרבונדן מיט דעם פרעסע־וועזן: פונאַנדערטראָגן צייטונגען. אין

דעם דריטן ביורא איז געזעסן אַ שטרענגער יונגערמאַן, וועלכער האָט באַלד פון אָנהויב אויסגעדריקט די אומצופרידנקייט פון פאַקט, אַז מיין פריינד האָט זיך דערמאָנט וועגן דעם הייליקן לאַנד פון די אָבות ערשט דעמלט, ווען מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון קאָמוניסטישן פוילן. און אַזוי איז ער געגאַנגען פון איין אָרט צום צווייטן און האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענט־פערן, ווען מען האָט אים פאַרגעוואָרפן אַז ער האָט געדינט צו די קאָמוניס־טישע געטער אין דער זעלבער צייט, ווען דאָ האָבן גוטע פּאַטריאָטן גע־טריקנט די בלאָטעס, געבויט שאָסייען און געקרענקט אויף מאַלאַריע.

אין איין רעדאַקציע האָט מען אים אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז אַ מענטש וואָס האָט אַזויפיל יאָרן געאַרבעט אין דער רעזשים־פּרעסע הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג, טויג שוין אייגנטלעך צו גאָרנישט, ווייל ער האָט דאָרט פאַרלוירן די פעיקייט פון זעלבשטענדיקן דענקען.

פלעגט ער פון די דאָזיקע וויזיטן אַהיימפאָרן אַ מידער און נידערגע־שלאָגענער, דורך די פענצטער פון שמוציקן אויטאָבוס האָט ער מיט אַ ביטערער אַנטוישונג פעסטגעשטעלט, אַז די בערגלעך אַרום ירושלים זענען נישט גאָלדיק, נאָר פאַרברענט פון דער זון און שטיינערדיק, און אַז עס ווייעט פון זיי מיט האָפענונגסלאָזן אומעט. ס׳האָט אים פּלוצים אויפגעהערט צו געפעלן די לאַנדשאַפט, ער האָט אויפגעהערט ליב צו האָבן די איינוווי־נער. און איר ווייסט מסתמא, ווי אַזוי דאָס איז, אַז מיר הערן אויף עמיצן צו ליבן. דעמלט זוכן מיר און געפינען רק פעלערן. און אַזוי איז אויך געווען מיט מיין פריינד. ס׳איז אין אים נישט געווען קיין פאַרנונפט פאַר אַ גראָשן. ער האָט אויפגעהערט צו לייענען די ווערק פון יאָזעפוס פלאַוויוס און האָט פעסטגעשטעלט, אַז די געסלעך פון ירושלים זענען שמוציק, די מענטשן זענען נישט העפלעך און זיי האָבן נישט קיין חוש פאַר הומאָר, אויף יעדן ראָג שטייט אַ בעטלער און סימולירט, אַז ער איז בלינד, אָדער איז באמת בלינד, און אַלע מענטשן וועלכע ער האָט דאָ באַקענט האַלטן זיך פאַר גאונים.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מיר לעאָן געזאָגט, אַז ער האָט באַשלאָסן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. קיין דייטשלאַנד. פאַרוואָס דווקא קיין דייטש־לאַנד? ווייל אין דייטשלאַנד זענען פאַראַן העפלעכע מענטשן, אין דייטשלאַנד טאָר מען נישט שפייען קיין סעמעטשקעס־שאָלעכץ אויף דער ערד, ס׳איז

שוין צייט ער זאָל האָבן אַרום זיך אַ ביסל עסטעטיק, ער וויל לעבן צווישן מענטשן מיט גוטע מאַניִערן. אפשר וואָלסטו דאָך זיך מיישב געווען און נישט געפאָרן? איך האָב אים געפּרוווט טרייסטן, געבעטן ער זאָל בלייבן, אין דער צוקונפט וועלן אויך ביי אונדז די מענטשן זיך ענדערן צום גוטן, נאָך די וואַלן וועט זיין אַ נייע רעגירונג, וועט זי אפשר אַרויסגעבן אַ געזעץ, אַז מען טאָר נישט שפּייען מיט סעמעטשקעס, איבעריקנס קאָן מען זיך מיט דער צייט צו אַלעם צוגעוווינען, פאַרוואָס מוזסטו תּיכּף פאָרן קיין דייטש־לאַנד, דאָרט איז נישט פאַראַן קיין כּותל המערבי, נישט קיין עוקאַליפּטוס־ביימער, אַפילו קיין ים המלח איז דאָרט נישטאָ. ניין, האָט ער זיך איינגע־שפּאַרט, איך פאָר און איך וויל דאָ מער נישט צוריקקומען.

מילא, ווילסטו פאָרן, פאָר. אָבער זאָג נישט, אַז וועסט קיין מאָל נישט צוריקקומען, אַ מענטש קאָן תּמיד צוריקקומען, אין דעם באַשטייט די דעמאָ־קראַטיע פון דער פרייער וועלט. ווילסט פאָרן, טאָ פאָר און צעברעך דעם דישעל, און אַז וועסט וועלן צוריקקומען, וועסטו קומען און די מדינה וועט דיך אויפנעמען ווי אַ פאַרבלאָנקעטע שאָף, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צום וואָגל, אין אייגענעם לאַנד איז תּמיד בעסער צו פּגרן ווי אין דער פרעמד, די ערד איז דאָ ביי אונדז וואַרעם און די וואָרצלען פון ווילדע גרעזער שמעקן באַלזאַמיש. אַזוי האָב איך צו אים גערעדט, אָבער עס איז נישט געווען קיין כּוח אים איבערצוצייגן. איך וועל פאָרן און איך וועל נישט צוריקקומען, און אַז עס וועט מיר דאָרט זיין שלעכט, וועל איך צוזאַמענפּאַקן מיין רענצל און איך וועל זיך שלעפּן ווייטער. איך שטאַרב נאָך נישט און די וועלט איז גרויס, קיינער וועט מיר דאָרט נישט זאָגן, אַז אַרויספאָרנדיק פאַרראַט איך די אידעאָלאָגיע, ווייל אין די מערבדיקע לענדער איז בכלל קיין אידעאָלאָגיע נישט פאַראַן. גוט, האָב איך געזאָגט, פאָר, כאַפּט דיך דער וואַטנמאַכער.

ער האָט געהאַט שוועריקייטן מיטן געלט אויף אַ בילעט, האָב איך אים פאַרגעלייגט, אַז איך וועל אים העלפן. מיר וועלן פאַרכאַפּן די שיף פון אייבי נאַטאַן, די שיף איז גראָד געשטאַנען אויף דער רעדע נישט ווייט פון חיפה, און אייבי האָט טראַנסמיטירט אַמעריקאַנישע דזשעז־לידלעך פאַר יידן און אַראַבער — האַרכנדיק די דאָזיקע לידלעך, האָבן זיי זיך געדאַרפט אַנהייבן ליב צו האָבן. אויף דער גאַנצער שיף איז געווען נישט מער ווי עטלעכע מענטשן פון דער מאַנשאַפט און עטלעכע שיקסעס, מען האָט זיי

אַלע גאַנץ לייכט געקאָנט אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין, נעמען דעם קורס אויף דעם קאַריבישן ים, לאַנדן דאָרט ערגעצוו אויף אַ אינדזל, צום ביישפּיל אויף דעם גראַנד־קיימאַן און פון דאָרט עקספּאָרטירן טשערעפּאַכעס קיין ארץ־ישׂראל — לעצטנס פּילט זיך ביי אונדז אַ מאַנגל פון טשערעפּאַכעס אין מיסחר. אָבער מיינע פּלענער זענען אים נישט געפעלן געוואָרן, לעאָן איז אַ מענטש אַ שלים־מזל, אָן אונטערנעמונגס־פעיִקייטן, ער האָט נאָר ליב צו רעדן פאַר פייער און פאַר וואַסער, און ער איז אַ גרויסער עקשן, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז פאָרן קיין דייטשלאַנד, ער איז מיט דעם דאָזיקן לאַנד עמאָציאָנעל פאַרבונדן. וואָס הייסט ביי דיר עמאָציאָנעל פאַרבונדן? אַשוויענטשים? מיידאַנעק? האָט ער מיר אויפגעקלערט, אַז זיין פאָטער ז״ל, איז געווען אַ גאַליציאַנער, און אַז ער פלעגט זיך אָנשיכּורן, האָט ער גערעדט רק דייטש, ווייל ער האָט אַמאָל געדינט אין דער אַרמיי פון קיסר פראַנץ־יוסף, ער איז געווען אַ פעלדפעבל און האָט געקעמפט אין מאָנטענעגראָ, און אַמאָל איז ער געווען אין דער שטאָט ווין, האָט ער זיך דאָרט פאַרליבט אין אַ מויד וועלכע איז געווען אַ דייטשקע און האָט געוווינט ביי דער באַרימטער ריעמער־שטראַסע, ביז צום טויט האָט מיין פריינדס פאָטער נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דאָזיקן יוגנטלעכן בלאָנדן ראָמאַן.

ער האָט דערציילט די מעשׂה פון זיין פאָטער ע״ה און איך האָב אים געהאָלפן פּאַקן דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַ ביסל וועש, אַ יום־טובדיקן אָנצוג, עטלעכע צענדליק ביכער, וואָס איך האָב אים געראָטן ער זאָל זיי אַרויסוואַרפן, דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אַריין אין צוויי טשעמאָדאַנעס, אָבער עס האָט זיך פאַמיעשעטשעט אין איין טשעמאָדאַן און עס איז נאָך געבליבן אָרט אויף דעם תּנ״ך און אויף דער מאַפּע פון ישׂראל.

דערנאָך זענען מיר געזעסן אין דעם כּמעט פּוסטן צימער פון דעם נייעם עולה לעאָן ראָזענקראַנץ, און איך האָב געטראַכט ווי מאָדנע עס איז דער גורל פון אַ ייד — היינט איז ער אַן עולה און מאָרגן וועט ער זיין אַ יורד, אַזוי ווי עס שטייט אין דער מעשׂה מיט יעקב אָבינו און מיט די מלאָכים: עולים ויורדים, יורדים ועולים און דער מענטש בלייבט אַ גולם.

דורכן פענצטער האָט אַריינגעשיינט די זון, אויף דעם בערגל אַרום דעם אַלטן מינאַרעט האָבן זיך געפּאַשעט שאָף, מסתּמא אַראַבישע, ווייל

ייִדישע שאָף מוזן דאָך זיכער פּאָסטן היינט. ווייל היינט איז יום־כּיפּור, דער הייליקסטער טאָג אין יאָר, און הייליקייט איז אַ שווערע זאַך. שבת איז דער צום מערסטן אומעטיקער טאָג אין דער וואָך און יום־כּיפּור איז דער צום מערסטן טריבער טאָג אין יאָר, בפרט אין דער שיינער און פרומער שטאָט ירושלים. ראַדיאָ און טעלעוויזיע טראַנסמיטירן נישט קיין פּראָגראַמען, דער פאַרקער איז אָפּגעשטעלט, רעסטאָראַנען פאַרמאַכט, אפילו דער טעלעגראַפן־אַמט פונקציאָנירט נישט היינט. אָפן זענען בלויז די בתי כּנסת. אַזוי אַרום זענען די מענטשן געצווונגען צו זיין פרום. בלויז די אייגנטימערס פון אַ "פּריַיוועט" האָבן יאָ מעגלעכקייטן צו זינדיקן, אָבער קיין "פּריַיוועט" האָב איך דערוויל נישט, ווייל כ׳האָב נישט קיין געלט.

ווען עס האָט אָנגעהויבן צו וואָיען די אַלאַרם־סירענע, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז אויסגעבראָכן אַ מלחמה. כ׳האָב איבערגעלאָזט מיין פריינד און בין געלאָפן אין דער רעדאַקציע. מיינע קאָלעגן זענען שוין געווען אויפן אָרט און זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים צוגרייטן דעם ראַדיאָ־סערוויס פאַרן אויסלענדישן פּראָגראַם. איר האָט אַ גוטע שטימע פאַר אַזעלכע בשׂורות, האָט געזאָגט דער שעף, איר וועט היינט לייענען אין דריטן פּראָגראַם. אויך אין מיין פריַערדיקן פאָטערלאַנד פלעג איך טייל מאָל אַריינלייענען אין מיקראָפאָן אַריין פאַרשיידענע געלעגנהייטלעכע טעקסטן, צום ביישפּיל דעמלט ווען אין סאָמע מיט פון שעפערישן לעבן איז געשטאָרבן אַ גרויסע פּערזענלעכקייט און דאָס פאָלק איז געווען פאַרפליכטעט צו פאַרבלייבן אין טיפן טרויער און פאַרצווייפלונג. ווען איך האָב געלייענט אַזאַ ידיעה, האָט מיין שטימע געוועקט טיפן טרויער און עס איז געווען אַזוי, ווי איך וואָלט געלייענט נישט אַ ראַדיאָ־ידיעה נאָר אַן "אל מלא רחמים". אַזאַ שטימע האָב איך.

אויך דאָ, אין לאַנד, האָב איך געפונען אַרבעט אין ראַדיאָ. צו מיינע פליכטן געהערט וואָס ווייניקער רעדן און וואָס ווייניקער שרייבן, ווייל — ווי עס האָט מיך באַלערנט מיין באָס — אַרבעטן מיר נישט אין דער דאָזיקער אינסטיטוציע בכדי אַליין זיך צו חכמהנען, נאָר בכדי צו געבן אַ מעגלעכקייט אַנדערע מענטשן זאָלן זיך אויסרעדן. ראַדיאָ איז אַ זאַך וואָס געהערט צום גאַנצן פאָלק און יעדער בירגער דאַרף פון צייט צו צייט, אָדער מינדעסטנס איין מאָל אין לעבן עפּעס זאָגן.

בין איך אַריין אין סטודיאָ, כ׳האָב איבערגעלייענט דעם שלים־מזלדיקן סערוויס פון ידיעות וועגן דעם מלחמה־אויסברוך, וועגן ביטערע קאַמפןביים סועץ־קאַנאַל און אין גולן, און אויך וועגן די קיבוצים וואָס זענען באַשאָסן געוואָרן פון דער לבנונישער גרענעץ. נישט נאָר פון דער אומעטי־קער שטימע מיינער, נאָר אויך פון טאָן און פון דער פאָרמולירונג פון די ידיעות, איז געווען קלאָר, אַז שוין דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן מיר געכאַפּט געזונטע קלעפּ. ס׳איז מיר געווען שווער און ביטער אויפן האַרצן, צוויי מאָל האָב איך זיך פאַרהוסט ביים מיקראָפאָן, אָבער אין אַזאַ טאָג איז שוין דאָס נישט געווען וויכטיק. כ׳בין דערקראָכן צום סוף, פאַר־מאַכט דעם מיקראָפאָן און געזאָגט אַ טריוויאַל וואָרט אויפן אַדרעס פון די עגיפּטער און סיריער און איך האָב זיך פאַרטראַכט. עס האָבן זיך מיר דער־מאָנט די פריִערדיקע מלחמות, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט דאָרט, אין אייראָפּע. אויך יענע מלחמות זענען אויסגעבראָכן אויף אַן אומדערוואַרטן אופן. די גאַנצע וועלט האָט געוווּסט, אַז היינט מאָרגן וועט עס געשען, אָבער דער קריגס־מיניסטער האָט דווקא נישט געוווּסט. דערנאָך זענען געווען קורצע דערמוטיקנדיקע רעדעס צום פאָלק: אונדזער אַרמיי איז געצוווּנגען געווען צו אַ פלאַנמעסיקן צוריקקער אויף פאָרויסגעזעענע פּאָזיציעס, עס דערוואַרטן אונדז שווערע קאַמפן, אָבער דער זיג וועט געהערן צו אונדז און אַזוי ווייטער.

אין צוויי טעג אַרום וועט שוין זיין נאָך דער מלחמה, האָט געזאָגט דער דיזשורירנדיקער רעדאַקטאָר, אין ערגסטן פאַל אין אַ וואָך אַרום. מעגלעך, אָבער היינט פיל איך זיך אַזוי, ווי עמיץ וואָלט מיך באַגאָסן מיט אַ נאַכט־טאָפּ. מיין קאָלעגע האָט זיך צעלאַכט מיט פאַרשטענדעניש און גוטמוטיק מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל. איר זענט אַ נייער מענטש צווישן אונדז, איר האָט נאָך נישט קיין צוטרוי צו אונדזער סטראַטעגיע, מיר זענען צוגע־גרייט אויף יעדער סיטואַציע, מיר האָבן געניאַלע סטראַטעגן, ווען עס וואָלט זיך געגנויטיקט, וואָלטן מיר אימשטאַנד געווען צו דעראָבערן אַפילו דעם נאָרד־פּאָל. גאַנץ מעגלעך, האָב איך געזאָגט, אָבער דער נאָרד־פּאָל איז שוין דעראָבערט געוואָרן, און קיין איינער פון אונדזערע געניאַלע סטראַטעגן האָט נישט באַמערקט, ווען די מיצרים זענען אַריבער דעם קאַנאַל מיט טויזנט טאַנקען.

דער רעדאַקטאָר פון די פּאָליטישע אוידיציעס האָט זיך צעלאַכט און ער האָט מיר געדולדיק געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין דעם באַשטייט אונ־דזער סטראַטעגישע קאָנצעפּציע: מיר האָבן זיי דערלויבט צו פאַרסירן דעם קאַנאַל, בכדי צו קענען זיי ווירקזאַמער צעברעכן די ביינער. און די סעקרע־טאַרשע האָט צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, אַז אויך גאָט איז אויף אונדזער זייט. דאָס האָט מיך אַ ביסל באַרויִקט, ווייל וואָס קענען אונדז טאָן די עגיפּטער, אַז גאָט איז אויף אונדזער זייט. אָבער אַ געוויסער ספק איז נאָך ביי מיר פאַרבליבן: אין אַ מלחמה טאָר מען זיך נישט צו פיל פאַרלאָזן אויף גאָט, כאָטש גאָט קאָן אַ סך העלפן און אַפילו וועגן אַלעם דעצידירן, אָבער עס טרעפט טייל מאָל אַז אין סאַמע ברען פון די קאַמפן ווערט ער נייטראַל אָדער גייט אַריבער אויף דער זייט פון שונא. די סעקרעטאַרשע איז געוואָרן ערנסט און זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז אַזעלכע דעפעטיסטישע רייד זענען שעדלעך, ס׳איז כאַראַקטעריסטיש אַז אַזוי רעדן בלויז די נייע עולים פון מיזרח־אייראָפּע. דער שעף האָט זי באַרויִקט און געזאָגט, אַז מיר לעבן אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה, יעדער האָט ביי אונדז דאָס רעכט אויסצו־דריקן זיין מיינונג, מיר ציִען נישט אַרויס פון דעם קיין קאָנסעקווענצן.

כ׳בין אַרויס אויף דער גאַס, די שטאָט איז געווען פול מיט יונגע מענטשן, זיי זענען געלאָפן צו די אויטאָבוסן־סטאַציעס — זעלנער, וואָס האָבן איבערגעריסן דעם אורלויב און רעזערוויסטן, וואָס האָבן געאיילט צו זייערע איינהייטן. פּנימער זענען געווען ערנסט, אָבער עס האָט זיך נישט געזען קיין פּאַניק.

כ׳האָב געוואָלט גיין אַהיים, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט, אַז כ׳מוז זיך געזעגענען מיט דעם פריינד מיינעם, מיט דעם יאָלד, וואָס פּונקט איצט האָט זיך אים פאַרגלוסט אַוועקצופאָרן קיין אויסלאַנד, איבעריקנס כאַפּט אים דער טייוול, זאָל ער פאָרן. ווער דאַרף אים?

לעאָן האָט פאַר מיר געעפנט די טיר נאָך איידער איך האָב באַוויזן אָנצוקלאַפּן. איך האָב אויף דיר געוואַרט, האָט ער געזאָגט, פון פאַרנאַכט אָן שטיי איך ביים פענצטער און איך וואַרט. גוט טוסטו, אַז דו וואַרטסט, האָב איך געענטפערט, כ׳האָב דיר טאַקע צו זאָגן אַ זייער וויכטיקע זאַך: ס׳איז זייער גוט, אַז מאָרגן פאָרסטו שוין אַוועק, ווען דו וועסט אַוועקפאָרן וועל איך גומל בענטשן, אַז כ׳בין שוין פון דיר פּטור געוואָרן, כ׳האָב דיר

שוין ביז צו די נאָז־לעכער, האָסט מיך פֿאַרנודיעט ביז צום טויט, ס׳לעבן איז מיר שוין נימאס געוואָרן דורך דײַנע פֿאַרשאָלטענע אַרויספֿאַר־פּראָבלע־מען, האָסט קיין מאָל נישט געדאַרפֿט אַהער קומען, הונדערט מיליאָן אַראַבער האָב איך אויפֿן קאָפּ און דרײַ מיליאָן ישׂראלים און נאָך איין פֿאַרדריפּעטן ייִד וואָס הייסט לעאָן ראָזענקראַנץ, וועמען עס געפֿעלט נישט, אַז די אויטאָבוסן דאָ זענען פֿאַרמיסטיקט, אידיאָט וואָס דו ביסט, דו ווייסט נאָך נישט, אַז די גאַנצע וועלט איז נישט מער ווי אַ גרויסער מיסטקאַסטן?

שרײַ נישט אויף מיר, האָט געזאָגט לעאָן, קיין מאָל האָסטו אויף מיר נישט געשריגן און היינט איז ערשט דער ערשטער טאָג פֿון מלחמה און דו שרײַסט שוין אויף מיר. עס איז היינט דער הייליקסטער טאָג אין יאָר, און עס פּאַסט נישט, אַז אין אַזאַ טאָג זאָל איין ייִד פּייניקן דעם צווייטן. זייט ווען ביסטו אַזאַ צדיק? האָב איך געפֿרעגט און פּלוצים האָב איך באַמערקט, אַז דער טשעמאָדאַן, וואָס כ׳האָב זיך אַ האַלבן טאָג געמאָרדעוועט מיט אים, איז אָפֿן, די זאַכן זענען צעוואָרפֿן אויף די בענקלעך און אויפֿן טיש — דאָס האָט מיך נאָך מער אויפֿגערעגט. וואָס איז דאָס, וואָס מיינסטו, אַז איך וועל נאָך אַ מאָל פּאַקן דײַנע רייכטימער? וועגן דעם זאָלסטו אַפֿילו נישט טראַכטן!

מען דאַרף נישט פּאַקן, האָט געזאָגט לעאָן, איך האָב זיך איבערלייגט די זאַך און איך פֿאָר נישט. איך קאָן דיך נישט איבערלאָזן אין אַזאַ שרעק־לעכער צײַט, האָסט אַליין געזאָגט, אַז הונדערט מיליאָן אַראַבער זענען אויף דײַן קאָפּ, נו, וועל איך בלײַבן און מיר וועלן זיך פֿאַרטיילן, פּופֿציק מיליאָן פֿאַר דיר און פּופֿציק פֿאַר מיר.

זייער שיין פֿון דײַן זײַט, האָב איך געענטפֿערט, פּופֿציק איז אַ סך ווייניקער ווי הונדערט.

די שמאַטעס פֿון רענצל האָבן מיר אַרײַנגעוואָרפֿן אין שראַנק אַרײַן. לעאָן האָט פֿון ערגעץ אַ ווינקל אַרויסגעשלעפּט אַ פֿלעשל בראָנפֿן, מיר האָבן געעפֿנט דעם טראַנזיסטאָר בכדי צו וויסן, וואָס עס טוט זיך, און מיר האָבן אָנגעהויבן טרינקען. די סיריער און עגיפּטער האָבן געשפּאַרט פֿאָרויס, אָבער מיר ביידע האָבן נישט מורא געהאַט, מיר זענען געווען פֿול מיט גוטע פֿאַרגעפֿילן, ווײַל דער בראָנפֿן האָט אונדז אַ ביסל ליכטיקער געמאַכט אין מוח. לעאָן האָט גענומען אַ בלײַפֿעדער און האָט אָנגעהויבן אָנוואַרפֿן

אויף אַ בויגן פּאַפּיר די גרונט־שטריכן פון אונדזער נייער אויסערן־פּאָליטיק. חוסיינען דאַרף מען אָפּגעבן חברון און שומרון, האָב איך געזאָגט, חוסיין איז אַן איינאָפּפּער און ער באַקומט קיצבה פון דער זעלבער אַמעריקאַני־שער קאַסע פון וועלכער מיר נעמען, דעריבער דאַרפן מיר זיך באַפריינדן. לעאָן האָט אויפגעהערט צו טינטלען אויפן פּאַפּיר און האָט אויף מיר געעפנט אַ מויל. וואָס הייסט אָפּגעבן, האָט ער געשריגן, ס׳איז דיינס, זאָלסט עס אָפּגעבן? ווער גיט עס אָפּ אין די היינטיקע צייטן? קודם גיב אָפּ אַלע דיינע חובות, וואָס ביסט שולדיק ביי נאַיווע מענטשן, דערנאָך אַז עס וועט דיר נאָך עפּעס בלייבן, וועסטו מעגן אָפּגעבן חוסיינען. אָבער נישט חברון!

די דאָזיקע רייד האָבן מיך שטאַרק פאַרדראָסן, ווייל וואָס גייט דאָס אים אָן ווען איך בין שולדיק און ווען איך בין נישט שולדיק? ווען איך בין שולדיק, האָב איך שוין לאַנג מוחל געווען און אויב עס גייט וועגן חברון, בין איך תּמיד גרייט אַוועקצוגעבן דאָס לעצטע העמד, אַבי עס זאָל זיין שלום אויף דער וועלט. לעאָן האָט אַרויסגעשלעפּט דעם תּנ״ך און האָט מיר באַוויזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז חברון האָבן מיר באַקומען בירושה פון אונדזערע אָבות, און אַ ירושה גיט מען נישט אַוועק.

און וואָס וועט זיין מיט ירושלים? ירושלים ווילסטו אויך אַוועקגעבן? ניין, האָב איך געענטפערט, ירושלים וועט זיין די הויפּטשטאָט פון גאַנצן מלכות. דאָ האָט דוד המלך געשריבן זיין תּהילים, ירמיהו הנביא האָט דאָ געליטן און מיר ליידן דאָ, ירושלים בלייבט ירושלים. לעאָן האָט זיך דער־מאָנט וועגן די וואַלן און ער האָט געוואָלט וויסן ווער עס וועט זיין דער נייער בירגערמייסטער. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז עס וועט שוין נישט זיין קיין בירגערמייסטער, ס׳וועט זיין אַ מלך: אין בני־ברק דרייט זיך אַרום אַן אַלטער פאַרדינסטפולער פּענסיאָנער, וועלכער האָט עולה געווען צוזאַמען מיט די ביל״וים, ער האָט דאָקומענטן וואָס באַווייזן, אַז ער שטאַמט פון דוד המלכס משפּחה, אים וועלן מיר מאַכן פאַר אַ קעניג. לעאָן האָט געהאַט גע־וויסע באַוואָרענישן, ווייל ער איז אַ דעמאָקראַט, אָבער ווען ער האָט אויס־געטרונקען נאָך אַ גלעזעלע, איז ער שוין מסכּים געווען אַז מיר זאָלן ווערן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע. אָבער אַזוי ווי ביי אונדז איז נישט פאַראַן קיין קאָנסטיטוציע, וועט מען קודם מאַכן אַ מאָנאַרכיע און די קאָנסטיטוציע וועט מען שוין צוטראַכטן שפּעטער.

דאָ זענען מיר אַריבער צום פּראָבלעם פון סיני, אָבער איצט איז שוין מיין פריינד געווען אַזוי שיכּור, אַז נישט מיר נישט דיר, האָט ער אָנגעהויבן זיך צו באַקלאָגן, אַז קיין מאָל האָט ער נישט געהאַט קיין מזל אין ליבע. צוערשט האָט ער ליב געהאַט די רוסן, אָבער ווען ער האָט זיך נענטער באַקאַנט מיט זיי, האָבן זיי אים אַריינגעזעצט אויף צען יאָר אין טורמע און זיי האָבן אים געהייסן זיין גליקלעך, אַז ער האָט געכאַפּט אַזאַ קליינעם פּסק. ער האָט ליב געהאַט די פּאָליאַקן, אָבער די פּאָליאַקן האָב אים תּמיד אויס־געלאַכט, ווייל ער האָט אַ לאַנגע נאָז און ער הייסט ראָזענקראַנץ, און ראָזענ־קראַנץ קלינגט קאָמיש אין דער פּוילישער שפּראַך. ער האָט אויך ליב געהאַט די ישׂראלים, אָבער זיי האָבן זיך אויף אים באַליידיקט, ווען ער האָט אַמאָל געזאָגט אַז ער בענקט צו די פּוילישע בערג און טאָלן. ער האָט אויך ליב געהאַט די אַראַבער, און פּלוצים זענען זיי אונדז איבערפאַלן אין מיטן העלן טאָג און דערצו נאָך אויף אַזאַ פּאַררעטערישן אופן, אַז אַפילו אונדזערע מיניסטאָרן האָבן וועגן דעם אַ פּיַיג געוווּסט.

לעאָן איז אַריינגעפאַלן אין אַ היסטעריע און האָט אָנגעהויבן צו וויינען און דאָס האָט מיך נאָך מער אויפגערעגט, ווייל איך פאַרטראָג נישט קיין טרערן. כ׳האָב אויסגעטרונקען דעם רעשט בראָנפן פון פלעשל און האָב זיך געוואָנדן צו לעאָנען אולטימאַטיוו: וואָס וועט זיין מיטן סיני? אָדער מיר דערליידיקן דעם ענין, אָדער איך גיי אַהיים.

לעאָן האָט זיך געשאָקלט אויפן בענקל ווי אַ ווערבע אויפן ווינט, ער האָט אויף מיר געקוקט מיט שפּאַנונג און איך האָב דערוויל געטראַכט, אַז דער דאָזיקער מענטש איז אַ בטלן, וועגן קיין שום זאַך קען ער אַליין נישט באַשליסן.

זאָג אַ וואָרט, האָט ער זיך ביי מיר געבעטן, דער קאָפּ טוט מיר וויי, איך בין נישט קיין מבין אויף די לעוואַנטינישע ענינים, זאָג דו אַ וואָרט און אַראָפּ פון מאַרק, זאָל שוין זיין שלום אויף דער וועלט.

דער ענין איז אַ פּשוטער, האָב איך געענטפערט, דעם סיני דאַרף מען אָפּגעבן, אָבער צוערשט מוז מען די מיצרים דערלאַנגען אַזאַ זבענק, אַז זיי זאָלן האָבן צו געדענקען ביז צום צענטן דור און עס זאָל זיך זיי נישט פאַר־גלוסטן מער צו באַפאַלן די יידישע מדינה.

מיינסט, אַז דאָס וועט העלפן? האָט געפרעגט לעאָן. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר מוזן גרינטלעך צעקלאַפּן זייער אַרמיי, זיי זאָלן נישט האָבן מיט וואָס צו שיסן. אַז אַ מענטש האָט נישט קיין הענט, קען ער נישט גנבענען. אַז אַ הונט האָט נישט קיין ציין, קען ער נישט בייסן. דער משל האָט לעאָנען זייער געפאָלן, ער האָט מיר מיט אָנערקענונג געדריקט די האַנט און געזאָגט, אַז איך וואָלט געקאָנט זיין אַ מיניסטער אין דער נייער קאָאַליציע־רעגירונג. נאָך די וואַלן.

אָבער מיר איז פּלוצים געוואָרן שווער אויפן האַרצן, ווייל איך האָב זיך עפּעס דערמאָנט. מיט אַ יאָר צוריק האָב איך זיך אין דער געגנט פון סאַנטאַ־קאַטערינאַ באַקאַנט מיט איינעם אַ בעדוּיִנער שייך. איך האָב אים עטלעכע מאָל באַזוכט און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. ווען איך בין ביי אים געווען דאָס לעצטע מאָל, זענען מיר געזעסן אין שאָטן פון אַ פּאַלמע און געטרונקען קאַווע מיט העל און פון אינעווייניק פון געצעלט האָבן אויף מיר געקוקט די ברענענדיקע אויגן פון איינער פון די דרייצן טעכטער פון שייך. דער שייך האָט זייער געוואָלט האָבן אַ יידישן איידעם און איך בין מסכים געווען צו האָבן אַ בעדוּיִנישן שווער. משה רבנו האָט אויך חתונה געהאַט מיט אַ בעדוּיִנישער טאָכטער, און דער מדרש רבא זאָגט, אַז זי איז געווען זייער אַ גוט ווייב. מיר, דאָס הייסט דער שייך און איך, האָבן זיך אין אונדזער שמועס באַנוצט מיט שיינע בלומענדיקע מעטאַפאָרעס, מיר האָבן קיין שום זאַך נישט אָנגערופן ביים נאָמען, מיר האָבן זיך באַנוצט מיטן מעטאָד פון דער ענגלישער דיפּלאָמאַטיע — מען רעדט נישט קיין שום קלאָרע דיבורים, אָבער מען ווייסט וועגן וואָס עס גייט. עס איז בלויז פאַרבליבן אויפצוקלערן און צו קומען צו אַ הסכם צי לעילאַה וועט זיך מגייר זיין, צי איך וועל אָננעמען דעם בעדוּיִנישן גלויבן.

וואָרט נאָך אויס מיטן סיני, האָב איך געזאָגט צו לעאָנען, גיב נאָך נישט אָפּ. איך מוז נאָך דעם עניין אַדורכטראַכטן.

כ׳בין געגאַנגען שלאָפן און אויפן האַרץ איז מיר געווען שווער און ביטער. דער בראָנפן האָט מיר גאָרנישט געהאָלפן.

פייער־איבערייס

דער טאַנק איז לייכט געטראָפן געוואָרן און האָט געכאַפּט אַ דעפעקט. דער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט זייער גרופּע, האָט באַפוילן, זיי זאָלן זיך צוריקציִען פון דער קאַמפּס־ליניע און אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט דער קאָלאָנע פון מעכאַניקער. איז זיי געלונגען צו דערווייטערן זיך אין אַ זייט, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ פויערן־הויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט עטלעכע ביימער. דאָ האָבן זיי געדאַרפט וואַרטן אויף דעם לאַסט־אויטאָ מיטן באַוועגלעכן מעכאַנישן וואַרשטאַט, מיט די יאַטן, וואָס וועלן דאָ קומען דעם טאַנק פאַרריכטן.

דער צודעק פון טאַנק האָט זיך געעפנט, און פיר זעלנער, איינער נאָכן צווייטן, זענען אַרויסגעקראָכן און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד. זיי האָבן זיך לייכט געוואַקלט שטעלנדיק די ערשטע טריט, אויסגעגלייכט די אָרעמס און די רוקנס. זיי האָבן פונאַנדערגעקעמט די פאַרשוויצטע האָר און געזשמורעט די אויגן פאַר דער זון־ליכט.

איינער פון זיי, אַ יינגל אַ געלער, מיט אַ שיטערער שפּראָצונג פון אַ בערדל, איז אַוועק אין דער ריכטונג פון דעם אַראַבישן הויז, מיט ביידע הענט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אין פּלויט און האָט גענומען ברעכן.

דאָס הויז האָט אויסגעזען צו זיין לער, אָבער אין שאָטן פון דער וואַנט איז אומבאַוועגלעך געשטאַנען אַ קליין אייזל.

— אַן אָרעם אייזל — האָט געזאָגט דער זעלנער — אַן אָרעם גליקלעך אייזל.

— וואָס האָסטו געזאָגט? — האָט אויסגעשריגן דער צווייטער זעלנער, אַ דאַרער בחור מיט גראַנאַט־שוואַרצע האָר, זיין געזיכט איז געווען שמוציק פון בלאָטע און פון מאַשין־אייל. דאָס וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט נישט

דערגרייכט צום צווייטן, ווייל אַלץ האָט פּאַרטויבט דאָס שווערע דונערן פון אַרטילעריע און פון עקספּלאָזיעס. מיט אַן אויסטערלישן רעש זענען ערגעץ הויך געפלויגן עראָפּלאַנען.

איינער פון די טאַנקיסטן, מיט לאַנגע היפּיס־האָר האָט זיך אויסגע־צויגן אויף דער ערד אין שאָטן פון טאַנק און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער פּערטער איז געווען אַ בריטפּלייציקער מאַנצביל, שוין אַ גראָען־דיקער, ער איז געווען דער עלטסטער פון זיי, מען האָט אים מאָביליזירט יום־כּיפּור, אין די ערשטע שעהן פון דער מלחמה. און דאָס האָט ער אָנגע־פירט מיטן טאַנק.

דאָס וואָיען פון די עראָפּלאַנען און דאָס האַרמאַטן־פייער האָט זיך פאַר־שטאַרקט. דער ברייטפּלייציקער האָט באַטראַכט דעם הימל דורך אַ פעלד־לאָרנעטע, דערנאָך האָט ער זי געוואָלט דערלאַנגען דעם געלן.

— ניין. איך וויל נישט. — ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען ביים פּלויט, ער האָט אָפּגעריסן פון בוים עטלעכע רייפע טונקל־פּיאָלעטע פייגן.

— עס נישט, ווייל ווערסט ווידער ברעכן — האָט אים געוואָלט וואָרענען דער ברייטפּלייציקער, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט, ווייל ער האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז טייל מאָל ברעכט מען נישט־דווקא פון עסן.

— בול! — האָט אויסגעשריגן דער בחור מיט די שוואַרצע האָר — געטראָפן!

— שווייג! דאָס איז אונדזערער געטראָפן.

דער עראָפּלאַן האָט אָנגעצייכנט אויפן הימל אַ גרויסע האַלב־עליפּסע און איבערלאָזנדיק הינטער זיך אַ געדיכטן שוואַרצן רויך, איז ער אין פלאַמען אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד.

דער ברייטפּלייציקער האָט געעפנט די טיר פון אַראַבישן הויז — אינע־ווייניק איז קיינער נישט געווען. אין ווינקל ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ פעסל וואַסער. ער האָט אָנגעשעפּט אַ פולן עמער און איז געגאַנגען אָנפּאָיען דאָס אייזל.

— מען שיסט, צי מען שיסט נישט? — האָט געפרעגט דער געלער.

קיינער האָט אים נישט געענטפערט. גראָד איצט האָט מען נישט גע־שאָסן, אָבער ער האָט געהערט דאָס שיסעריי אומאויפהערלעך, אויך די לעצטע נאַכט איז געווען אַזאַ שעה ווען מען האָט נישט געשאָסן, אָבער

ער האָט געהערט גאַנץ נאָענט דאָס גרויסע שיסעריי פון דער אַרטילעריע, ער האָט נישט געקאָנט כאַפּן קיין דרימל, כאָטש עס איז געווען דערצו אַ געלעגנהייט, זיינע חברים האָבן געדרימלט לויט דער ריי, איינער האָט געוואַכט און דריי האָבן געקאָנט שלאָפן, אַלע האָבן געזאָגט אַז מען שיסט נישט, נאָר ער איינער האָט געהערט, אַז מען שיסט יאָ.

דער ברייטפּלייציקער, וועלכער האָט לויט די יאָרן געקאָנט זיין זייער טאַטע, האָט אויף אים געקוקט אַ פאַרזאָרגטער, ער וואָלט אים געקאָנט אַוועקשיקן אין שפּיטאָל און פאַרלאַנגען אַן אַנדערן זעלנער.

— דזשינדזשי, וואָלסט אַהיים געפאָרן, ווען מען דערלויבט דיר?

— מאַך זיך נישט נאַריש — האָט זיך באַליידיקט דער זעלנער — זאָג מיר נאָר צי מען שיסט.

— נו, אַוודאי, תּמיד שיסט מען ערגעץ. אַ ביסל.

דער געלער האָט אויף אים געקוקט מיט פאַרדאַכט, אָבער ער האָט זיך באַרויִקט. ער האָט אויסגעטאָן די שיך און געלייגט זיך אויף דער ערד, וועלכע איז נאָך געווען פייכט פון נעכטיקן רעגן.

דער בחור מיט די גראַנאַט־שוואַרצע האָר האָט אַרויסגענומען פון דער טאַש אַ קליין תּהילימל און האָט גענומען בלעטערן.

— לעבן אונדזער שטוב איז דאָ אַ בית־מדרש. כ׳האָב דאָרט געדאַוונט יעדן שבת. איצט וועל איך שוין דאָרט נישט קענען אַריינקומען.

— פאַרוואָס? וועסט אויפהערן דאַווענען?

— דאָרט דאַוונט זיין פאָטער — האָט געענטפערט דער בחור און האָט זיך צעוויינט. — דער פאָטער פון רפי. ער איז געווען מיין חבר און איך בין געווען דערביי, ווען עס האָט אים געטראָפן. כ׳האָב געזען זיין פּנים. זיין פּנים...

דער זעלנער מיטן אויסזען פון אַ היפּי, וואָס איז ביז איצט געלעגן שווייגנדיק אין שאָטן פון טאַנק, האָט אויפגעמאַכט די אויגן, גענומען גריבלען אין די קעשענעס, האָט געפונען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן, פאַררויכערט איינעם און דערלאַנגט דעם וויינענדיקן חבר.

— פאַררויכער. און וויין נישט, ווייל כ׳וועל דיר דערלאַנגען אין די ציין. כ׳פאַרטראָג נישט קיין טרערן.

— גיי צום ראַדיאָ — האָט באַפוילן דער ברייטפּלייציקער. — פרעג ווען די מעכאַניקער וועלן קומען.

דער בחור איז געגאַנגען אויספירן דעם באַפעל, ער איז פאַרשוווּנדן אין דעם אַריינגאַנג פון טאַנק.

ס׳איז איצט געווען כמעט שטיל.

דער געלער האָט נאָכגעהאַרכט, ער האָט געשוויגן. געטראַכט: די נאַכט האָבן זיי גערעדט צווישן זיך, עמיץ האָט געזאָגט, אַז דאָס איז די ערשטע רויִקע נאַכט אויף אונדזער אָפּשניט, און איך האָב געהערט די עקספּלאָזיעס גאַנץ נאָענט, די דאָזיקע עקספּלאָזיעס זענען פאַרגעקומען אין מיין דמיון, אין מיין קאָפּ, כ׳וואָלט געקאָנט מעלדן, אַז איך בין קראַנק און מען וואָלט מיך געשיקט אַהיים, אָבער איך וויל דאָס נישט טאָן, איך וויל נישט און איך קען נישט פון זיי אָוועק, אפשר וועלן מיר צוזאַמען פאַלן, אפשר וועלן מיר צוזאַמען פאַרענדיקן די מלחמה, דעמלט וועל איך אויפ־הערן צו הערן דאָס, וואָס איך הער איצט, איך מוז אין אַ געוויסן טאָג זיך אומקערן פון דאַנעט, ווייל זי איז דאָרט גאַנץ אַליין, זי וואַרט אויף מיר, יעדן טאָג ווען זי קומט צוריק פון דער אַרבעט וואַרט זי ביים טעלעפאָן, זי שלינגט אירע טאַבלעטן אויף באַרויִקונג, זי שטעלט אַוועק דעם טעלעפאָן ביים בעט און זי וואַכט, אין אַ געוויסן טאָג וועל איך קומען און איך וועל וואַרטן אויף איר לעבן דער פאַבריק ווו זי אַרבעט, ניין, כ׳וועל מסתמא קומען ביינאַכט, וועסט מיר עפענען די טיר, כ׳וועל ווידער פילן דיינע האַנטפלאַכן אויף מיין פּנים, און דו וועסט זיך פרייען, אַז איך בין ווידער מיט דיר, און אַז איך בין אַזוי סענטימענטאַל...

ער האָט אויפגעציטערט, ווי מען וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ — אָבער דאָס מאָל האָט מען טאַקע באמת געשאָסן.

— אין זיבן און זעכציקסטן איז אויך אַזוי געווען — האָט געזאָגט דער ברייטפּלייציקער — אָבער דעמלט...

ער איז פאַרשוויגן אינמיטן זאַץ. אין זיבן און זעכציקסטן... דעמלט האָט עס געדויערט נישט קיין גאַנצע זעקס טעג. און דעמלט זענען זיי געווען פינף אין איין טאַנק. פינף. און ער איינער איז געבליבן לעבן. ער איז אַרויס פון געטראָפענעם ברענענדיקן טאַנק, געלאָפן דורכן מידבר ווי אַ בלינדער, עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער לויפט, אין אמתן איז ער געגאַנגען זייער

פּאַוואָליע און איבער אים און נעבן אים האָט זיך געטראָגן דאָס פּייפן פון שיסעריי, און ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס יענע פיר זענען פאַרבליבן דאָרט, אין די פלאַמען, און ער איז ניצול געוואָרן, און ער האָט אַפילו נישט געפילט, אַז זיין אָפּגעבריט לייב איז אין וואונדן, ער איז געגאַנגען און געוואַקלט זיך, געפאַלן און אויפגעשטאַנען, פול מיט פאַרצווייפלונג, ער האָט געהאַט אַ פול מויל מיט געשריי, און ביז היינט ווייסט ער נישט, צי איז דאָס געווען אַ געשריי, וועלכן ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך, אַ געשריי מיט וועלכן ער האָט זיך געשטיקט, קען זיין אַז ער האָט יאָ געשריגן, און די זעלנער אין פאַנצער־אויטאָ, וואָס האָבן אים באַגעגנט, האָבן מסתמא געמיינט, אַז ער שרייט פון פּחד, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פּחד, זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן און מיט כּוח אים אַריינגעצויגן אינעווייניק, עמיץ האָט אים דערלאַנגט אַ פעלד־פלאַש מיט בראַנפן, ער האָט אויסגעטרונקען ביז צום לעצטן טראָפּן.

— דאָס מיידל — האָט זיך אָנגערופן דער היפּי — כ׳האָב אייך שוין וועגן איר דערציילט...

— אַהאַ...

— זי טויג צו גאָרנישט. אַ שוואַכע. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק איז זי קראַנק. טאָמער ווער איך דאָ געהרגעט, וועט זי אינגאַנצן ווערן אויס מענטש. און איך האָב זי מיר געבראַכט דירעקט פון אַמעריקע. זי האָט דאָרט איבערגעלאָזט די עלטערן און די היים און דעם אוניווערסיטעט, בכדי צו וווינען מיט מיר אין יענעם וואַדי לעבן אילת, ווייל דאָרט איז דער הימל זייער בלוי, מען זעט שיפן וואָס שווימען קיין עקבה און די מידין־בערג אין סאוד־אַראַביע. צו וואָס האָט דאָס איר געטויגט? נאָר כ׳האָב דיר פאַרגעסן צו זאָגן, אַז איך האָב זי זייער ליב. איך ווער ממש משוגע פון גליק, ווען זי איז לעבן מיר. און איך ווער משוגע פון בענקשאַפט, ווען איך זע זי נישט. גאַנצע טעג פלעגן מיר דאָרט פאַרברענגען אויף דער זון, נאַקעטע ווי אָדם און חוה, איך האָב איר רעציטירט באַדלערס לידער און זי האָט פעסטגעשטעלט, אַז איך בין זייער קלוג און יוצא־מן־הכלל, און אַז מיר מוזן זיך נייטיק פאַרשאַפן אַ קינד. טייל מאָל פלעגן מיר פאָרן קיין תל־אביב אָדער קיין חיפה, אויך דאָרט איז פאַראַן אַ ים — און ביי דער געלעגנהייט פלעגן מיר אָנטייל נעמען ערגעץ אין אַ דעמאָנסטראַציע, איך האָב זייער

ליב צו דעמאָנסטרירן, נישט וויכטיק צוליב וואָס. איך האָב תּמיד ליב געהאַט צו גיין אַנטקעגן. אַנטקעגן פאַשיסטן, אַנטקעגן קאָמוניסטן, קעגן רייכע, קעגן אַלטע, אָדער קעגן פּליכעוואַטע. קעגן מלחמות. איין מאָל אויף אַזאַ דעמאָנסטראַציע האָט אַ סטודענט איינער געשריגן, אַז מיר מוזן ליב האָבן אונדזערע אַראַבישע שכנים, אַז מיר וועלן זיי ליבן, וועלן זיי אונדז ליבן. דאָס האָט מיר זייער געפאַלן און איך בין גרייט געווען זיי צו ליבן און אָוועקגעבן זיי דאָס לעצטע העמד פון לײַב. איך האָב נאָך דעמלט נישט געוווּסט, אַז זיי דאַרפן נישט מיין העמד, זיי ווילן מיין הויט. און איצט שיסן זיי צו מיר, די הינטישע זין, מוז איך אויך צו זיי שיסן, און ווען איך שיס, באַמי איך זיך צו טרעפן... און זי... זי וואַרט אויף מיר, זי האָט זיך איצט געקאָנט ליבן מיט וועלכן מיליאָנער אין לאָס־אַנדזשעלעס, אָבער איך האָב איר געהייסן קומען, כ׳האָט איר צוגעזאָגט אַ פולן שייער מיט גליק, און איצט וואַרט זי אויף מיר אין תּל־אביב אויף דער אויטאָבוסן־סטאַציע. נו ?

ער האָט געקוקט וואַרטנדיק אויף דעם ברייטפּלייצעדיקן, ער האָט געקוקט וואַרטנדיק אויף אַ וואָרט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, חביבי ? ס׳וועט זיין גוט. זי מוז נאָך אַ ביסל וואַרטן.

— דערלאַנג מיר אין די ציין !

— אַן אַנדערש מאָל — האָט אים מיט אַ מילדער שטימע געענטפערט דער ברייטפּלייציקער — איך האָף, אַז עס וועט נאָך זיין אַ געלעגנהייט.

דער געלער האָט זיך צוגעהאָרכט, אָבער געטראַכט האָט ער וועגן עפּעס אַנדערש און וועגן עמיץ אַנדערן.

— איידער איך וועל גיין אַהיים, וועל איך קויפן בלומען. אַ סך. אַלע רויזן, וואָס וועלן זיין אין בלומען־געשעפט. זי האָט זייער ליב רויזן.

— וויאַזוי זעט זי אויס ? — האָט געפרעגט דער היפּי.

דער געלער האָט אים געוויזן אַ קליינינקע פאָטאָגראַפיע, אַרומגעהילט אין צעלאָפאַן.

— אוי, ווי שיין זי איז ! — האָט אַ זיפץ געטאָן דער היפּי — ווערסט מיט איר חתונה האָבן ?

— אידיאָט ! זי איז דאָך מיין מאַמע.

דער אייזל לעבן דער אַראַבישער שטוב האָט אָנגעהויבן הירזשען. דער ברייטפּלייציקער איז צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים גענומען גלעטן איבערן האַלדז.

— אפשר ווילסטו זיך טוישן מיט מיר? — האָט ער געזאָגט ערנסט, ווי ער וואָלט גערעדט צו אַ מענטש און נישט צו אַן אייזל — דאָס איז שוין מיין פינפטע מלחמה. אין ניין און דרייסיקסטן האָב איך צום ערשטן מאָל געזען אַ געהרגעטן. דעמלט בין איך נאָך געווען אַ קינד. און באַלד נאָך דעם האָב איך געזען אַ סך געהרגעטע, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס איז פאַראַן מער געהרגעטע ווי לעבעדיקע. און איך בין נאָך געווען אַ קינד, ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין. קיין עלטערן האָב איך שוין נישט געהאַט, מען האָט זיי פאַרברענט אין מיידאַנעק. איך האָב דעמלט געהאַט אַ פריינד, אַן עלטערן פון מיר מיט עטלעכע יאָר, איז ער געפאַלן באַלד ווען מיר זענען אָנגעקומען, אין דריטן טאָג — דעמלט איז געווען די מלחמת השיחרור. אין זעקס און פופציקסטן בין איך שוין געווען אַ זעלנער. און אין זיבן און זעכציקסטן. און איצט.

—הער אויף צו רעדן מיטן אייזל — האָט געזאָגט דער היפּי — רעד מיט אונדז.

— אייזלען זענען קלוג — האָט געענטפערט דער ברייטפּלייציקער, און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין שאָטן פון טאַנק — איך קען אַפילו איינעם אַן אייזל, וואָס דעקלאַמירט טייל מאָל פּאָעזיע.

— אַז די מלחמה וועט זיך ענדיקן, וועסטו מיך פאַרבעטן צו זיך אַהיים — האָט פאַרגעלייגט דער היפּי — מיך און מיין קליינע פון קאַליפאָרניע.

— זי ענדיקט זיך נאָך נישט — האָט געזאָגט דער ברייטפּלייציקער און עס האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן ביים האַרצן: גראָד ווען עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט ער זיך צעקריגט מיטן ווייב, ער איז אַוועק פון שטוב אָן אַ געזעגעניש, גראָד דעמלט האָט אים באַהערשט אַזאַ כעס, ער האָט זיך באַליידיקט, איצט באַדויערט ער אַז עס איז אַזוי געשען, ער האָט זי דעמלט געדאַרפט איבערבעטן, ווייל אין אמתן איז זי דאָך געווען גערעכט און נישט ער, און איצט בייסט אים דאָס געוויסן.

פון טאַנק האָט אַרויסגעשטעלט דעם קאָפ דער יאַט מיט דער שוואַרצער טשופרינע.

— הערט! האָט ער אויסגעשריגן — ס׳וועט זיין אַ פייער־איבעררייס! איר הערט? אַ פייער־איבעררייס!

אַ מינוט איז געווען שטיל. נאָר דאָס אייזל האָט ווידער דערוואַכט און גענומען הירזשען: אי־אַ! אי־אַ!

די דריי זעלנער האָבן געקוקט מיט שפּאַנונג אויף דעם ברייטפּלייציקן, ווי זיי וואָלטן פון אים דערוואַרט, ער זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל: אַקצעפּטירן! אָדער: נישט אַקצעפּטירן! אָבער ער האָט געשוויגן.

— נישט מער ווי אַ פייער־איבעררייס? — האָט געזאָגט דער היפּי — און איך האָב זייער געוואָלט זען דמשק. ס׳איז דאָך שוין נישט ווייט.

— איז וואָס איז מיטן דאָזיקן פייער־איבעררייס? ס׳איז גוט, צי ס׳איז שלעכט?

— איך ווייס נישט — האָט שטיל געענטפערט דער ברייטפּלייציקער — געבענטשט זאָל זיין דער טאָג, געבענטשט זאָל זיין די שעה, ווען מען שיסט נישט.

— ווען דאָס וואָלט געשען מיט דריי טעג פריִער, וואָלט ער געבליבן לעבן — האָט זיך אָנגערופן דער שוואַרץ־האָריקער און האָט ווידער אַרויס־גענומען דאָס תהילימל.

— ווען זיי וואָלטן דאָס געמאַכט מיט דריי טעג שפּעטער, וואָלט איך געקאָנט זען דמשק.

— נו, גוט — האָט געזאָגט דער געלער, וועמען עס האָט זיך ווידער אָפּגערופן אין די אויערן אַן אַרטילעריש שיסעריי — פייער־איבעררייס. און וואָס ווייטער?

— איך ווייס נישט — האָט געענטפערט דער ברייטפּלייציקער — איך בין נישט קיין פּאָליטיקער. איך בין אַ זעלנער...

אינהאַלט

צוויי ברידער	5
אַ באַזוך אין דער אַלטער היים	13
האָטעל גראַן	22
אַ זומער-נאַכט אין האָטעל	34
אַ שיינער נאָמען	40
ווען אַ שרייבער קען נישט שלאָפן	48
הויכע בערג	57
אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט אין טעאַטער	66
פון יענעם לאַנד	74
יציאת פוילן	92
אידענטיפיקאַציע	102
איבערפלאַנצונג	112
אַ באַזוך אין ניו-יאָרק	119
אַ ל י י נ ק י י ט	128
פון טאָג-בוך פון אַ משוגענעם	139
נאָטיצן צו אַ דערציילונג	162
אַ מעשה מיט אַ ראָזענקראַנץ	175
פייער-איבערדייס	188